בער באָראָכאָוו

שפראַך-פאָרשונג
און
ליטעראַטור-געשיכטע

געזאַמלט און צונויפגעשטעלט: נחמן מייזיל

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

1966

B. BOROCHOV / WORKS

SHPRACH FORSHUNG UN LITERATUR GESHICHTE

I. L. Peretz Publishing House, 31, Allenby st., Tel-Aviv. Israel

ב. באָראָכאָוו / שפּראַך־פאָרשונג און ליטעראַטור־געשיכטע

י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, רח׳ אַלנבי 31, תל־אביב. ישראל

©

Printed in Israel 1966

נדפס בישראל תשכ״ו

דפוס „אורלי״, תל־אביב

JACOB SHEINUK
1780 N. E. 191st Street
Bldg. C-2 Apt. 601
North Miami Beach, Fla.



בער באראכאוו
(1904)

אינהאַלט

זייט
נחמן מייזיל: בער באָראָכאָוו — פילאָלאָג און ליטעראַטור־היסטאָריקער . 9
י. זרובבל: בער באָראָכאָוו און זיין יידיש־פאָרשונג 41

פילאָלאָגיע, פאָלקלאָר, געשיכטע פון יידיש

די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע 53
די ביבליאָטעק פונעם יידישן פילאָלאָג (400 יאָר יידישע שפּראַך־פאָרשונג) . . . 76
פּלאַן פאַר אַ געשיכטע פון יידיש 137
די יידישע שפּראַך 143
נח פּרילוצקיס זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע 152

צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור

אַ ספר הזכרון פאַר דער יידישער ליטעראַטור 161
אונדזער יידישע פּאָעזיע 169
אַ גרוס פון פאַר דריי הונדערט יאָר 174
די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור 178
די עלטסטע יידישע פּיעסע 222
פּרציאַנאַ (די פּרץ־ביבליאָגראַפיע) 226
אונדזער „זיידע" — דער קאָלומבוס פון מאַמע־לשון 232
שלום עליכם — דער רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער שפּראַך 235
מיט שלום עליכמען פון יעהופּעץ ביז ניו־יאָרק 238
וואָס און ווי אַזוי צו לייענען שלום עליכמען 241
שלום עליכמס „פונעם יאַריד" 244
די ביבליאָגראַפיע פון שלום עליכם 248

וועגן עלטערע און יינגערע שרייבער

אהרן ליבערמאַן — דער פאָטער פונעם יידישן סאָציאַליזם 271
אויפן קבר פון ש. פרוג 281
לעאָן קאָברינס ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט 283
די קלאַסישע יידישע פּיעסע 287
אויפן גרענעץ פון ליטעראַטור און שונד 290
אַן אָפענער בריוו צו אברהם רייזען 294
אַן אָפענער בריוו צו די „יונגע" 298
די יונגע פון היינט און די „יונגע" פון אַמאָל 304
געקליבענע שריפטן 308
די אייראָפּעישע מלחמה און די יידישע ליטעראַטור 313

די יידישע ליטעראַטור אין יאָר תרע״ה 316
אין דער מדינה פון קריטיק 321
שעקספּיר און סערוואַנטעס 328
היסטאָרישער און ליטעראַרישער בליק אויף מגילת אסתר 332

אין דער געזעלשאַפט פון ביכער

ד״ר שמריהו לעווינס בוך „אין מלחמה־צייטן״ 339
ה. רויזענבלאַט און זיינע לידער 342
א. ראַבאָיס „הער גאָלדענבאַרג״ 345
שכנא עפשטיין — „י. ל. פרץ אַלס סאָציאַלער דיכטער״ 347
אויפן יידישן ביכער־מאַרק 349
י. אָפּאַטאָשו 352
וועגן די „יונגע״ 353
„מאָטקע גנב״ פון שלום אַש 354
וועגן פינף ביכער 357

פּאָלעמישע אַרטיקלען

אַ פּסיכיאַטרישע עקספּערטיזע 363
העברעיסמוס מיליטאַנס 365
גראַמאַטישע פרומקייט 368

בריוו פון בער באָראָכאָוו

צו דער רעדאַקציע „דער פריינד״ 377
צו י. צינבערג 379
בריוו צו ש. ניגער 382
לעצטער בריוו פון ב. באָראָכאָוו צו ש. ניגער 423

די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע

געהייליקט דעם ליכטיקן זכרון פונעם פאָרשער פון יידיש, דעם איידעלן פאַרערער פון דעם יידישן פאָלק און שפּראַך, דעם פריצייטיק געשטאָרבענעם און אומגערעכט פאַרגעסענעם ד״ר פ י ל י פ מ אַ נ ש אין לעמבערג (1838־1890)

So wie überhaupt jeder Volksdialekt, entwickelte sich das Jüdisch-Deutsch nach unbewussten natürlichen Gesetzen. Kein Gärtner hat es gehegt und gehütet, Niemand seine Auswüsche beschnitten und den wilden Trieb geleitet (Ph. Mansch, 1888).

1

פון אַלע וויסנשאַפטן שפּילט די פילאָלאָגיע די גרעסטע ראָל אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון די אונטערגעדריקטע פעלקער. פילאָלאָגיע איז מער ווי לינגוויסטיק, זי איז ניט קיין הוילע טעאָריע פאַר לומדים, פאַר „יושבי אוהל״, נאָר טאַקע אַ פּראַקטישער וועגפירער פאַרן פאָלק. זי האָט אין זיך געוויסע טעאָרעטישע, היסטאָרישע טיילן, ווי די געשיכטע פון דער שפּראַך און ליטעראַטור, די אַלגעמיינע געזעצן פון דער שפּראַך־אַנטוויקלונג א. א. וו., אָבער איר צוועק און איר דערציערישע באַטייטונג ליגן אינעם פּראַקטישן לעבן פון פאָלק. די ערשטע זאַך פאַר יעדן אויפוואַכנדיקן פאָלק איז: ווערן אַ האַר איבער זיין אייגענער שפּראַך, כּדי וואָס בעסער, וואָס ברייטער, וואָס פּראָדוקטיווער זי אויסצונוצן אינעם נאַציאָנאַלן שאַפן. כּל זמן דער פאָלק בלייבט „אַנאַלפאַבעטיש״ אין זיין אייגענער שפּראַך, קאָן מען נאָך ניט רעדן וועגן אַ נאַציאָנאַלער קולטור. נאַציאָנאַלע קולטור באַשטייט ניט נאָר אין פּאָעטישע ווערק פון גרויסע דיכטער, נאָר קודם כּל אין דער פעיקייט ריכטיק צו רעדן, ריכטיק צו שרייבן אין דער מוטער־שפּראַך. און די פילאָלאָגיע לערנט אונדז טאַקע ר י כ ט י ק צו רעדן און צו שרייבן, ר י כ ט י ק צו באַנוצן אונדזער לשון אין אַלע אופנים. ביים אָנהייב פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויפלעבונג, ביי דער „מעשה בראשית״ פון דער נאַציאָנאַלער קולטור שטייט אַ שרעקלעכער תּוהו ובוהו: די פאָלקס־שפּראַך איז צעטיילט אויף ששים רבוא דיאַלעקטן, אין פאַרשיידענע קאַנטן רעדט מען פאַרשיידן, איטלעכער שרייבט, ווי ביי אים קומט אויס בעסער, יעדער שרייבער שאַפט זיך אייגענע ווערטער לויט זיין שכל. מאַכן

אַ סוף צו אַזאַ מישמאַש־צושטאַנד קאָן נאָר די פילאָלאָגיע. זי דערגייט דעם שורש פון יעדן וואָרט און יעדער פאָרעם, זייער געשיכטע און די אַנטוויקלונג פון זייער באַטייטונג; און אויף דעם סמך לערנט אונדז די פילאָלאָגיע ריכטיק זיי צו פאַרשטיין. אַזוי אַרום ווערן דורך דער וויסנשאַפט אַריינגעפירט אַלגעמיינע און קלאָרע כּללים אַנשטאָט פּערזענלעכע סברות און המצאות. ס׳ווערט געשאַפן אַן אַלגעמיינער ווערטערבוך און אַן אַלגעמיינע גראַמאַטיק; און די פאָלקסשול, ווי אויך די ליטעראַטור און פּרעסע זאָרגן דערפאַר, אַז דער דאָזיקער וויסנשאַפטלעכער ווערטערבוך און גראַמאַטיק זאָלן ווערן פאַר אַלעמען אַ „מוז״. כּל זמן דער פאָלק האָט נאָך ניט קיין פילאָלאָגיע, — און דאָס הייסט אויך קיין גראַמאַטיק און קיין ווערטערבוך, — איז ער נאָך ווייט פון מאָדערנער נאַציאָנאַלער קולטור [1]).

אונטן וועלן מיר זען, אַז דאָס איז נאָך ניט דער גאַנצער סכום אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע. דערווייל אָבער האַלטן מיר ביים אַלף־בית, און דער אַלף־בית פון דער נאַציאָנאַלער קולטור איז — די ריכטיקייט פונעם רעדן און שרייבן. דעריבער איז קיין חידוש ניט, וואָס ביי אַלע אונטערגעדריקטע פעלקער ווערט אַזוי הויך געשעצט די נאַציאָנאַלע פילאָלאָגיע. יעדער פאָלק ציילט צווישן זיינע נאַציאָנאַלע העלדן ניט נאָר די פּאָליטישע באַפרייונגס־קעמפער, ניט נאָר די גרויסע פאָלקס־דיכטער און דענקער, נאָר אויך יענע פילאָלאָגן, וואָס האָבן אָוועקגעלייגט די ערשטע שטיינער אינעם בנין פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך־וויסנשאַפט. כּמעט ביי אַלעמען הייבט זיך אָן די קולטורעלע אויפלעבונג דורך דער גרינדונג פון ליטעראַרישע, פילאָלאָגישע, עטנאָגראַפישע געזעלשאַפטן, פאַרלאַגן, דורך דעם אַרויסגעבן פון אַלטע ווערק פון דער פאָלקס־דיכטונג א.א.וו. כּמעט אַלע דערוואַכנדיקע פעלקער הייבן אָן מיט פילאָלאָגיע. די איינציקע מיר באַקאַנטע אויסנאַמען זיינען יידן און נאָך אַ פּאָר לאַ־יצלחדיקע קליינע פעלקער. וואָס ביי אונדז יידן איז נאָך ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע

1) איך חזר איבער: מע דאַרף זיך קלאָר מאַכן דעם חילוק צווישן לינגוויסטיק און פילאָלאָגיע. לינגוויסטיק איז אַן אַלגעמיינע וויסנשאַפט, פילאָלאָגיע — אַ נאַציאָנאַלע. לינגוויסטיק קאָן זיך באַשעפטיקן אויך מיט לחלוטין טויטע אָדער לחלוטין ווילדע שפּראַכן; די פילאָלאָגיע זעצט אָבער פאָרויס, אז אַ שפּראַך, מיט וועלכער זי גיט זיך אָפּ פאַרמאָגט אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט לפּחות פאַר דעם עבר. געוויינטלעך אָבער גייט די פילאָלאָגיע נאָך ווייטער און שטיצט זיך אויף דער איבערצייגונג, אַז איר שפּראַך האָט אַ נאַציאָנאַלן ווערט אין דער צוקונפט. ווער ס׳גלייבט ניט אינעם קיום פון דער יידישער שפּראַך, קאָן אפשר נאָך זיין אַ יידישער לינגוויסט, אָבער ניט קיין יידישער פילאָלאָג. לינגוויסטיק האָט צו טאָן נאָר מיט די פאָרמען פון דער שפּראַך, און די פילאָלאָגיע — מיט די קולטור־פּראָדוקטן פון דער שפּראַך.

פילאָלאָגיע און קיין שום מוסדים, וואָס זאָלן פאַר איר זאָרגן, — דאָס איז איינער פון אונדזערע סימני דלות [2].

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר פאַרמאָגן אין דער יידישער שפּראַך אַן אויסגעצייכנטע פּאָעטישע ליטעראַטור, קאָן מען נאָך דערווייל ניט רעדן וועגן אַן אמתער קולטורעלער אויפלעבונג. פריער דאַרף מען דעם פאָלק אויסלערנען שרייבן ר י כ ט י ק, דערנאָך ערשט וועט ער זיך קענען לערנען צו שרייבן ש י י ן. ביי אונדז האָט זיך די „רענעסאַנס" אָנגעהויבן מיטן קולט פון שיינקייט, און יעדער עם־הארץ איז געוואָרן אַ דיכטער. איצט אָבער הייבט דאָס אָן צו ווערן נמאס, מע הייבט אָן צו פאַרשטיין, אַז ראשית חכמה איז לערנען, נאַציאָנאַל לערנען. דאָס הייסט, פריער ווי אַלץ: אַנטוויקלען די יידישע פילאָלאָגיע. און ניט נאָר אַנטוויקלען זי, נאָר קודם־כל גרינטלעך רעפאָרמירן זי. ווייל אייגנטלעך קאָן מען ניט זאָגן, אַז די יידישע פילאָלאָגיע איז אָרעם, אָדער אַז מיר האָבן גאָר קיין פילאָלאָגיע ניט. פאַרקערט, מיר זיינען געבענטשט מיט אַ גאַנצן פּאַק ביכער און בּראָשורן, אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן דער יידישער שפּראַך, יידישער ליטעראַטור, פאָלקס־ליטעראַטור און פאָלקס־שאַפן (פאָלקלאָר); נאָר די דאָזיקע פילאָלאָגישע ליטעראַטור האָט כמעט קיין שום נאַציאָנאַלן ווערט ניט, דער ברייטער עולם ווייס פון איר גאָרניט און זי ברענגט קיין שום נוצן ניט אונדזער אינטעליגענץ. פאַר וואָס?

ווייל, ערשטנס, איז זי כמעט אין גאַנצן געשריבן געוואָרן אין פרעמדע שפּראַכן.

---

2) װילט איר זען, ס'אַראַ יוצא מן הכלל יידן זיינען אין דעם פּרט צװישן אַלע דערװאַכנדיקע אומות, מוזט איר זיך נאָך דערמאָנען, װאָס פאַר אַ ראָל ס'שפּילן ליטעראַריש־פילאָלאָגישע געזעלשאַפטן און אַקאַדעמיעס ביי די פינלענדער, לעטן, עסטן, די „מאַטיצאַס" (ביי די כאָרװאַטן, סלאָװענען, טשעכן, סלאָװאַקן), װאָס שטעלן מיט זיך פאָר פאָנדן פאַר פאָלקסשולן, פאַר פאָלקס־ליטעראַטור און פילאָלאָגיע, — װייטער, ביי די פלאַמען (אין בעלגיע) דער װילעמספאָנד און די פאַרשיידענע װיסנשאַפטלעך־ליטעראַרישע געזעלשאַפטן, ביי די קאַטאַלאָנער (אין צפון־שפּאַניע) די „געזעלשאַפט פאַר בלומען־שפּיל יום־טובים", ביי די אוקראַינער די „ליטעראַריש־װיסנשאַפטלעכע שעװטשענקאָ־געזעלשאַפט", א. א. װ. ביי אונדז זיינען אויך פאַראַן ליטעראַרישע געזעלשאַפטן אין דייטשלאַנד און אין אונגאַרן, װיסנשאַפטלעכע צייטשריפטן אין בערלין, פראַנקפורט, פאַריז, לאָנדאָן, די יידיש־עטנאָגראַפישע חברה מיט איר אָרגאַן אין האַמבורג—װין — אָבער אין אַלע די געזעלשאַפטן זיינען די מנהיגים אָפענע אָדער פאַרבאָרגענע אַסימילאַטאָרן, װאָס זיינען װייט פונעם יידישן לעבן. אין אַמעריקע, גאַליציע און רומעניע איז נאָך כמעט גאָרנישט געטאָן געװאָרן אין דעם פּרט. אין רוסלאַנד האָבן מיר אַפילו געהאַט אַ ליטעראַרישע געזעלשאַפט, װאָס האָט געװעסט אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן אַרום זיך אַ ברייטע קולטורעלע באַװעגונג, איז איר ניט באַשערט געװען צו האָבן אַריכות ימים... בלייבט אונדז נאָך, אַחוץ דער גרופּע, װאָס גיט אַרויס דעם זאַמלבוך „פּערעזשיטאָיע", די פּעטערבורגער „היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט", קאָן זי אָבער צוליב אירע תקנות און אַנדערע סיבות ניט שפּילן אַן אָרגאַניזירנדע און קאָנצענטרירנדע ראָל... איך רעד שוין ניט פון דעם, װאָס ביי אונדז איז ניטאָ אַפילו קיין איין פילאָלאָג'ש װערק, װאָס זאָל האָבן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן אַזאַ ממשות װי, למשל, ביי די טשעכן און סערבן די װערק פון פּאַלאַצקי און װוק קאַראַדזשיטש, װאָס מ'רופט זיי „די פאָטערס" פון זייערע פאָלקסשפּראַכן.

צווייטנס, האָט די דאָזיקע פילאָלאָגישע ליטעראַטור קיין שום סדר ניט, קיין שום פירנדיקן („פיהרענדען“) געדאַנק, זי צעזייט און צעשפּרייט זיך אויף איינציקע פראַגן און איז אַ מין תהו ובהו: מ׳פאַרנעמט זיך מיט פּרטים, ווי אַ שטייגער, די פראַגע מכח די פאַרקלענערונגס־פאָרמען אין דער יידישער גראַמאַטיק, אָדער די געשיכטע פון איינצלנע ביכער א. ד. גל. און דריטנס, טראָגן כמעט אַלע ווערק, וואָס זיינען שוין דאָ וועגן יידיש, אַ ריין „אַקאַדעמישן“ כאַראַקטער, זיינען ווייט פון לעבן און שטעלן זיך ניט קיין שום פּראַקטישע דערציונגס־צוועקן. די קולטורעלע דערציונגס־ארבעט באַזאָרגט ביי אונדז די צייטונגס־פּובליציסטיק, וואָס דרייט זיך בלויז אַרום דער פראַגע, צי איז יידיש אַ „פאָלקס־שפּראַך“ אָדער אַ „נאַציאָנאַל־שפּראַך“, אַ מיאוסער „זשאַרגאָן“ צי אַ קולטור־מיטל, וואָס אונדז מעג אָנשטיין אים צו באַנוצן. ס׳רוב שרייבער אין דער וויסנשאַפטלעכער יידישער פילאָלאָגיע זיינען אַסימילאַטאָרן, פרעמד דעם יידישן פאָלק. אין זייער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט שטעקט תמיד די כוונה צו באַווייזן, אַז יידיש איז אַן עכט־דייטשער דיאַלעקט און אַז יידן זיינען די טרעגער פון דער דייטשער קולטור אין די סלאַווישע לענדער.

מיר ווייסן ניט אויף באַשטימט, ווי אַלט איז די יידישע שפּראַך: אין דעם איז אָבער יידיש ניט קיין יוצא מן הכלל, ווייל אייגנטלעך איז אויך ביי קיין אַנדער שפּראַך ניט מעגלעך צו זאָגן אויף געוויס, ווען זי איז געבוירן געוואָרן. יעדנפאַלס, איז די יידיש־דייטשע שפּראַך מסתמא ניט יינגער פאַר זעקס—זיבן הונדערט יאָר, ד. ה. פאַר יענער צייט (XIII—XIV יאָרהונדערט), ווען די דייטשע יידן האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין גאַליציע (ביי דעם גאַליצישן קעניג דניאל) און אין פוילן (ביים קאַלישער הערצאָג באָלעסלאַוו). אויך די האַנטשריפטן, וואָס זיינען פאַרבליבן פון אַלט־יידיש, דערגייען ביז צום XIII יאָרהונדערט[3].

---

3) אַ באַווייז האָבן מיר — דעם כתב־יד אין דער קעניגל. ביבליאָטעק אין מינכען, וואָס געפינט זיך דאָרט פון 1876טן יאָר אָן, אונטער דעם מס. 420. דאָס איז אַ ווערטערבוך צום תלמוד, אַן אויסצוג פון דעם באַרימטן העברעיש־אַראַמעישן גרויסן „ערוך־שלם“. דער כתב־יד ברענגט זייער פיל דייטשע ווערטער צו דערקלערן די אויסדרוקן פון תלמוד; און די איינגעפירטע דייטשע ווערטער, געשריבן מ׳ט העברעישע אותיות, ווערן אָפט געברויכט ווי זעלבסטפאַרשטענדלעכע, צ. ב. „ס ר ו ק י ן נ״א סריקין היינו מצויירין כמו דפוסות שעושין ל י ב ק ו כ י ש“ (ד״ה דאָס וואָרט ס ר ו ק ווערט דערקלערט מיטן יידישן וואָרט ל ע ק ע ך). אין דעם כתב־יד ווערן די ד י י ט ש ע ו ו ע ר ט ע ר אַן אַנדערש מאָל איינגעפירט מיט „בלע״ז“, אַן אַנדערש מאָל מיט „בלשון אַשכנז“, אָפט אָן קיין שום באַמערקונג, און אָפט מאָל אויך מיט „בלשונינו“ (ד. ה. „אין אונדזער שפּראַך“), אָפטער פאַר אַלץ אָבער מיט „שקורין“ (ד. ה. וואָס מ׳רופט אָן). מאַקס גרינבוים („יידיש־דייטשע כרעסטאָמאַטיע“, לייפּציג, 1881, ז. 463—479) מיינט, אַז דער כתב־יד שטאַמט פונעם XV יאָרהונדערט, נאָר ד״ר פּערלעס („בייטראָגן צו דער געשיכטע פון די העברעישע און אַראַמעישע פאָרשונגען“, מינכען, 1884, ז. 20—56) באַווייזט מיט פיל ראיות, אַז דער דאָזיקער כתב יד איז געשריבן ניט שפּעטער פאַרן XIV, און אפשר אינעם XIII יאָרהונדערט.

אַווע־לאַלעמאַן („דאָס דייטשע גוינערטום", 1862, ב. III און IV), פאַרגלייכנדיק יידיש מיט דער שפּראַך פון די דייטשע גנבים אין מיטלאַלטער, קומט צום אויספיר, אַז יידיש־דייטש איז אַלט אַכט הונדערט יאָר. ד"ר מאָריץ גידעמאַן („געשיכטע פון דעם חינוך און פון דער קולטור ביי די מערב־אייראָפּעישע יידן", ב. III, ווין, 1888) שטעלט זיך אָפּ אויף דעם, וואָס יידן שרייבן די טאָפּלטע תנועה ei מיט צוויי יודן (יי), און איז זיך משער, אַז די דאָזיקע שרייבונג שטאַמט פון יענע גאָר אַלטע צייטן (XI—XII יאָרהונדערט), ווען ביי די דייטשן איז נאָך געווען לאַנג i אַנשטאָט ei. שרייבנדיק קורץ־i מיט איין יוד, האָבן יידן געמוזט שרייבן לאַנג־i מיט צוויי יודן. יעדנפאַלס, איז אונדזער שפּראַך און אונדזער ליטעראַטור גאָרניט יונג. אויך די יידישע פילאָלאָגיע איז שוין אַלט פיר הונדערט יאָר [4]). און אויב ביי פיל פעלקער איז זייער פילאָלאָגיע אַלט ס"ה 70—80 יאָר (ווי, למשל, ביי די עסטן, לעטן, אוקראַינער, סערבן), און ביי אַנדערע אפילו נאָך יינגער, — מעגן מיר זיך טאַקע שעמען, וואָס פאַר אַזאַ לאַנגער צייט האָט אונדזער נאַציאָנאַלע וויסנשאַפט ניט באַקומען קיין לייטישן פנים.

II

די וויסנשאַפטלעכע באַאַרבעטונג פון אונדזער שפּראַך ליידט פיל פון די איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן, וואָס הערשן ביי אונדזער אינטעליגענץ בנוגע צו יידיש. נאָך עד היום געפינען זיך ביי אונדז פיל, וואָס זיי זעט אויס קאָמיש דער עצם געדאַנק וועגן אַ יידישער פילאָלאָגיע. פונקט אַזוינע גראָב־עם־הארצישע טענות, ווי „יידיש איז אַ שמוציקער זשאַרגאָן", „יידיש איז אַ פאַרדאָרבענער דייטשער דיאַלעקט, וואָס האָט ניט קיין גראַמאַטיק און קיין שום קולטורעלן ווערט" — פונקט דאָס אייגענע האָבן גערעדט מיט אכציק אָדער הונדערט יאָר צוריק די רעאַקציאָנערע פאָלקספיינדלעכע פאַלש־אינטעליגענטן ביי די גריכן, ביי די סערבן, און נאָך עד היום טיילווייז ביי די אוקראַינער, קאַטאַלאָנער א. ד. גל. נאָר דאָס לעבן האָט געמאַכט צו נישט די באַמיונגען פון די פאָלקספיינדלעכע קנאים. די נײַ־גריכישע, סערבישע און אַנדערע פאָלקסשפּראַכן באַפרייען זיך אַלץ

4) שוין ביי לוטער, יאָהאַן אַגריקאָלאַ און אַנד. קריסטלעכע טעאָלאָגן פון אָנהייב XVI יאָרהונדערט געפינען זיך דאָ און דאָרט באַמערקונגען װעגן יידיש. דער באַרימטער קענער פון העברעיש און דער גרינדער פון דער אַראַמעישער װיסנשאַפט ס ע ב אַ ס ט י אַ ן מ י נ ס ט ע ר גיט שוין אָפּ דער יידישער שפּראַך אַ גאָר בכבודיקן אָרט, דערהויפּט אין זיין „העברעישן װערטערבוך" (באַזעל, 152), װו ער פאַרטייטשט די העברעישע װערטער, חוץ לאַטייניש, זייער אָפּט אויך מיט יידיש; צ. ב. „יקש" — Iud. dicunt irretivit, laqueavit „שטרוכלען" id est offendit; אָדער — „נדב" Iud dicunt „װילליגען" א. א. װ. אָבער די ערשטע ספּעציעלע שריפט װעגן יידיש איז ארויס אין 1909טן יאָר פונעם גאָנישן קריסטלעכן לינגװיסט י. בוקסטאָרף (דער פאָטער): Lectionis Hebraeo-Germanicae Usus et Exercitatio (30). אין דער דאָזיקער קליינער שריפט רעכנט ער אויס צװאָנציק יידישע ביכער, װאָס ער פאַרמאָגט אַלס זיין אייגנס (ז. ביבליאָגראַפיע).

מער און מער פון דער קולטורעלער פאַרשקלאַפונג און טרעטן אַרויס מיט ברייטע שריט אויפן וועג פון נאַציאָנאַלן שאַפן. אַ וויסנשאַפטלעך־געבילדעטן פילאָלאָג שטייט גאָר בכלל ניט אָן צו דיסקוטירן מיט די אָנגעוויזענע יידיש־פיינדלעכע טענות. ווער ס'האָט כאָטש אַ קנאַפן באַגריף אין שפּראַך־וויסנשאַפט, ווייס גאַנץ גוט, אַז יעדער דיבור, וואָס ווערט גערעדט און פאַרשטאַנען פון מיליאָנען מענטשן, מוז האָבן אַן אינעווייניקסטן סדר, אַ גזעצמעסיקן בוי, — אַניט וואָלט אים פשוט קיינער ניט פאַרשטאַנען; וואָס די עקסטערנעס רופן אָן „גראַמאַטיק" — דאָס מעג אָנגעשריבן זיין אָדער ניט, די שפּראַך האָט יעדנפאַלס אירע כללים, איר פילאָלאָגישן חוק. דער קולטורעלער ווערט פון אַ שפּראַך ווענדט זיך לחלוטין ניט אין דעם, צי מע האָט שוין אָנגעשריבן איר גראַמאַטיק, צי ניט. קאָמיש איז אָבער, וואָס ניט נאָר די פאַרבלענדטע שונאים פון יידיש, נאָר אויך זיינע חסידים שעצן זיין ווערט לויט דעם פאַרנעם פון זיין גראַמאַטיק. בעת די אַנטי־יידישיסטן האַלטן אין איין שרייען, אַז די יידישע גראַמאַטיק איז צו דין, באַרימען זיך איניקע יידישיסטן דערמיט, וואָס מע קאָן די גראַמאַטיק מאַכן, להיפוך, גאָר דיק, אָנפילן זי מיט געדיכטע עמודים פון דעקלינאַציעס און קאָניוגאַציעס, מיט כללים און אויסנאַמען אָן אַ שיעור. דאָס דאָזיקע וואָג־און־מאָס פון אַ שפּראַך — צי איז איר גראַמאַטיק גענוג דיק — האָט שוין גאָר קיין טעם ניט. די יידישע „גראַמאַטיק", ווי מיר וועלן באַלד זען, מוז אין דער אמתן זיין גאַנץ דין, קיין צו פיל כללים פאַרמאָגט זי ניט. נאָר פאַראַן איניקע רייכע, מעכטיקע שפּראַכן, וואָס מע קען זייער „גראַמאַטיק" אויסדריקן נאָך קירצער ווי די יידישע. אַלע ווייסן, ווי איינפאַך איז דער בוי פון דער ענגלישער שפּראַך — און ווי רייך זי איז אין באַגריפן און ווי הויך איז איר קולטורעלער ווערט. אַ באַקאַנטער ווינער פּראָפעסאָר פון אָריענטאַלישע שפּראַכן זאָגט תמיד צו זיינע תלמידים אַ ווערטל, אַז „די גאַנצע גראַמאַטיק פון דער פערסישער שפּראַך קאָן מען אָנשרייבן אויף אַ וויזיט־קאַרטל און אויסלערנען אין אַ פערטל שעה": פערסיש איז אָבער די שפּראַך פון וועלט־באַרימטע דיכטער און פילאָסאָפן. אונדזער פּראָפעסאָר איז גערעכט, פון דעסטוועגן לערנען זיינע סטודענטן פערסיש פון אַ זייער דיקער גראַמאַטיק, און איך בין זיכער, אַז ווער ס'וויל און ווייס, קאָן אָנשרייבן די דאָזיקע גראַמאַטיק נאָך דיקער, מיט נאָך נייע כללים און נאָך נייע אויסנאַמען אָן אַ שיעור. ווייל יעדע לעבעדיקע שפּראַך פון אַ לעבעדיקן פאָלק איז אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, אַ פרייע אינדיווידואַליטעט, מיט אַן אייגענער געזעצמעסיקייט און אייגענע קאַפּריזן. מעג איר געזעצמעסיקייט זיין ווי פּראָסט, ווי קלאָר, אויסשעפּן זי איז דאָך אוממעגלעך, און אַ וויסנשאַפטלעך־געבילדעטער מענטש וועט זיך קיין מאָל ניט באַרימען, אַז ער ווייס די „תורה כולה" פון וועלכער ניט איז שפּראַך. יידיש האָט אַן איינפאַכן בוי, און פון דעסטוועגן איז די אויפגאַבע פון דער יידישער פילאָלאָגיע אומענדלעך ברייט און טיף אָן אַן עק, ווייל יידיש איז

אויך אַן אייגנאַרטיקער לעבעדיקער אָרגאַניזם, אומבאַגרענעצט אין זיין שעפע־רישער פרייהייט.

וואָס די יידישע גראַמאַטיק מוז זיין אָרעם, וואָס זי קאָן ניט בלישטשען מיט פילפאַרביקע, פיין־אויסגעטאָקטע פאָרמען, — דאָס איז פאַר אַ פילאָלאָג ניט קיין חסרון, נאָר, פאַרקערט, אַ מעלה. יידיש האָט פאַרלאָרן זייער פיל אַלט־דייטשע גראַמאַטישע פאָרמען און בייגונגען. די יידישע דעקלינאַציע און קאָניוגאַציע זיינען גאָר איינפאַך; וואָס ס׳פלעגט אַ מאָל אויסגעדריקט ווערן דורך אַ בייגונג פונעם שורש, ווערט אַצינד אויסגעדריקט דורך אַן אומשרייבונג: אָנשטאָט „מעשה געשאַך״, וואָס מיר לייענען אין די אַלטע יידישע ספרים, זאָגן מיר לע״ע „אַ מעשה איז געשען״; און דורכקוקנדיק די יידישע ליטעראַטור פאַר דער גאַנצער צייט, פונעם XIV יאָרהונדערט אָן (אָדער נאָך פריער) ביז צו אונדזערע טעג, זעען מיר, ווי ביסלעכוויז פאַלן אָפּ איין פאָרעם נאָך דער צווייטער, ווי ס׳גייט פאַרלאָרן דער דאַטיוו, דער אימפּערפעקט, דער קאָניונקטיוו, ווי יידיש ווערט אַלץ אָרעמער און אָרעמער אין פאָרמען, פאַרבייטנדיק די פאָרמען דורך באַגריפן, די פלעקסיעס (בייגונגען) דורך אומשרייבונגען. דאָס איז אָבער אַ חוק אין דער לינגוויסטישער אַנטוויקלונג: אַלע פלעקסיווע (ווערטער־בייגנדיקע) שפּראַכן ווערן מיט דער צייט אַלץ אָרעמער אין פאָרמען. דער לינגוויסט פאָר־מולירט דעם דאָזיקן געזעץ אַזוי: די פלעקסיווע שפּראַכן ווערן אַלץ מער אַ נ אַ ל י ט י ש, ד. ה., מיט אַנדערע ווערטער, זייער „גראַמאַטיק״ ווערט אַלץ „דינער״. די גאָר אַלטע שפּראַכן זיינען אויך די רייכסטע אין פאָרמען; און די גאָר יונגע זיינען די פאָרמען־אָרעמסטע [5]. די פילאָלאָגיע דאַרף פאַרשטיין

---

5) דער געזעץ פון אַנאַליטישער שפּראַך־פאַראיינפאַכונג דריקט זיך בולט אויס סיי אין די סעמיטישע, סיי אין די אַרישע שפּראַכן, ד. ה. איןביידע צווייגן, פון וועלכע יידיש באַשטייט. פון די סעמיטישע איז די עלטסטע — אַראַביש, וואָס איז מוראדיק רייך אין פאָרמען, אַ געדיכטער וואַלד פון פאַרשיידענע פאַנטאַסטישע בייגונגען; די דאָזיקע אוראַלטע רייכקייט פון פאָרמען ווערט אָבער אַלץ פאַרשמאָלצן אין די יינגערע שפּראַכן — אין העברעיש, אַראַמעיש, און לאָזט זיך אויס מיט פשוטן פאָרמען־דלות אין ניי־אַראַביש. די עלטסטע פון די אַרישע שפּראַכן, סאַנסקריט, פאַרמאָגט די רייכסטע פאָרמען; לאַטייניש, גריכיש, באַק־טריש, סלאַוויש, זיינען שוין פיל אָרעמער; פאַרגלייכט אָבער לאַטייניש מיט די מאָדערנע ראָמאַ־נישע שפּראַכן, גאָטיש מיט די גערמאַנישע, קירכן־סלאַוויש מיט די יינגערע און יינגסטע סלאַווישע שפּראַכן, אַלט־גריכיש מיט ניי־גריכיש, קירכן־אַרמעניש מיט ניי־אַרמעניש, — אומעטום זעט מען די ווירקונג פון דעם דאָזיקן וווּנדערבאַרן געזעץ. איר קאָנט אַפילו באַמערקן, אַז אויף אונדזערע אויגן פאַרלירן רוסיש און דייטש אייניקע פאָרמען און פאַרבייטן מיט אומשרייבונ־גען. פונקט ווי יידיש, פאַרלירט אויך דייטש ביסלעכוויז דעם אימפּערפעקט און פאַרבייט דעם „סעקסישן״ געניטיוו (אָף „ס״) דורך פאָן. דעם קאָנדיציאָנאַל שטרייכט מען שוין גאָר אויס פון די דייטשע גראַמאַטיקעס. רוסיש פאַרלירט ביי היינטיקן טאָג אייניקע דיעיעפּרי־טשאַסטיעס (אויף „־וטשי, ־יוטשי״) און סופּערלאַטיוו־פאָרעם אויף „נאַי—״. און אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער טויזנט־יאָריקער אַ נ אַ ל י ט י ש ע ר אַנטוויקלונג שטייען די פּראָגרעסיווסטע, די פאָלקסטימלעכסטע און צום מייגסטן אַנאַליטישע שפּראַכן פון אונדזער צייט: ניי־פּערסיש, ענגליש, פראַנצויזיש און — יידיש. אַז די פאַנאַטישע העברעיסטן פאַלן אָן אויף דער אָרעמקייט

די שטים פון לעבן; דאָס לעבן אַליין פאַרלאַנגט, אַז די שפּראַך זאָל ווערן וואָס רייכער אין באַגריפן, און וואָס אָרעמער אין פאָרמען: איינפאַכער די פאָרמען — גרינגער פאַרן פאָלק. די קולטור־אַנטוויקלונג גייט פּראָדוקטיווער ביי אַ פּראָסט־געבויטער, און דערפאַר מער עלאַסטישער שפּראַך, איידער ביי אַן אַלטמאָדיש אויסגעפּוצטן לשון מיט פאַרפּלאָנטערטע, פיל־גאָרנדיקע פאָרמען. פון אַלע יידישע פילאָלאָגן האָט נאָר פיליפּ מאַנש גוט פאַרשטאַנען דעם אַנאַליטישן כאַראַקטער פון דער יידישער שפּראַך: ער האָט אויך מיט אַ שאַרפן פילאָסאָפישן בליק אויסגעפאָרשט די אַנאַליטישע, קראַפט־פאַרשפּאָרנדיקע טענדענצן אין דער גאַנצער יידישער גראַמאַטיק. מאַנשס יידישע גראַמאַטיק (1888—1890) איז אפילו ניט אַזוי שטרענג וויסנשאַפטלעך, ווי גערצאָגס — 1902, — אָבער פיל טיפער און אָריגינעלער, איידער די לעצטע.

III

גרויסע שוועריקייטן האָט דער יידישער פילאָלאָג פון דעם, וואָס אונדזער יידיש־דייטשע פאָלקס־שפּראַך געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון ג ע מ י ש ט ע ש פּ ר אַ כ ן. קיין גאַנץ ריינע שפּראַך איז בכלל ניטאָ אין דער וועלט: העברעיש האָט אין זיך פיל אַראַמישע, גריכישע, פּערסישע עלעמענטן, רוסיש באַשטייט פון אַן אַ שיעור טערקישע און פינישע ווערטער; נאָר ס׳זיינען דאָ אויך שפּראַכן, וואָס זייער געמישטער בוי וואַרפט זיך פשוט אין די אויגן. אַזוי איז ענגליש אויסגעמישט פון קעלטישע, גערמאַנישע און ראָמאַנישע טיילן, יאַפּאַניש — פון אייגענע מיט כינעזישע, פּערסיש פון אייגענע מיט אַראַבישע. פאַראַן אויך שיינע, מעכטיקע שפּראַכן, וואָס טראָגן נאָך אַ מער געמישטן כאַראַקטער, איידער אונדזער יידיש־דייטש, נאָר קיינער וועט זיי דערפאַר ניט רופן „שמוציקער זשאַרגאָן“ [6].

פון דעם „מיאוסן צעקאַליעטשעטן זשאַרגאָן“, מעגן זיי זיך ארומקוקן, אַז די ניי־העברעיִשע שפּראַך פון אחד־העם און ביאַליק איז טויזנט מאָל איינפאַכער סיי אין קלאַנג, סיי אין בוי, איידער די שפּראַך פון תנ״ך און אַפילו פון די מדרשים — ווייל העברעיש אַנטוויקלט זיך אויך נאָך דעם זעלביקן אַנאַליטישן געזעץ, ווי יידיש און ווי אַלע אַנדערע פלעקסיווע שפּראַכן.

6) אַ שאַרפן ביישפּיל פון אַ שפּראַך־מישמאַש גיט אונדז טערקיש (אָסמאַנלי). זייענדיק אין גרונד אַ שפּראַך אָן פלעקסיעס — אַן אַגלוטינאַנטע שפּראַך, — געהערנדיק צום זעלבשטענדיקן כינאָ־מאָנגאָלישן שטאַם (דער אוראַל־אַלטאַישער צווייג), האָט זיך טערקיש היסטאָריש פאַרבונדן מיט גאָר פרעמדע פלעקסיווע שפּראַכן — מיט דעם אַרישן פּערסיש און מיטן סעמיטישן אַראַביש; און די דאָזיקע פאַרבינדונג איז פון דעסטוועגן העכסט האַרמאָניש, העכסט אָרגאַניש־פּראָדוקטיוו. דער טערק רעדט אַ מאָדנעם געמיש אַפילו אין זיין געוויינלעכסטן לעבן. אַזוי, באַגעגענענדיק אייך אין דער פרי, באַגריסט ער אייך מיט אַ פראַזע (סאַבאַך־אי־שעריפיניז חייר אָלסון), וווּ די ערשטע דריי ווערטער זיינען אַראַביש מיט אַ טערקישער ענדונג, זייער פאַרבינדונג פּערסיש, דאָס פערטע וואָרט טערקיש; אָדער איר באַקומט אַ פּאָסט־קאַרטל, וווּ פון אויבן שטייט „אָסמאַנישע הויך־מלוכה־פּאָסט“, וווּ די ערשטע דריי ווערטער זיינען אַראַביש, זייער פאַרבינדונג פּערסיש, דאָס פערטע וואָרט איטאַליעניש און דאָס גאַנצע פאַרבונדן אויף אַ טערקישן אופן.

יידיש באַשטייט על פי רוב פון גערמאַנישע ווערטער, און זיינע פאָרמען זיינען כמעט דורכויס גערמאַניש. חוץ דעם, האָט יידיש אין זיך זייער פיל סעמיטישע (העברעיש־אַראַמעישע) ווערטער און פאָרמען, באַזונדערס איז סעמיטיש דער זאַץ־בוי (סינטאַקסיס) און דער סטיל. טיילוויז זיינען אויך אַריינגעמישט אין יידיש סלאַווישע (פויליש־אוקראַינישע), מאָלדאַוואַנישע, אונגאַרישע און אין אַמעריקע ענגלישע ווערטער און פאָרמען. ענדלעך געפינען מיר אַ קליינעם, נאָר דערפאַר טאַקע גאָר אינטערעסאַנטן עלעמענט אין יידיש — דאָס זיינען די ווינציקע אַלט־פראַנצויזישע, איטאַליענישע און פאָרטוגעזישע ווערטער (טשאָלנט, פאַטשיילע, בענטשן א. אַנד.); אַזוינע ווערטער זיינען אַ מאָל געווען אין יידיש פיל מער, איידער איצט: אַזוי טרעפן זיך אין די אַלטע יידישע כתבים זייער אָפט די ווערטער „פרייען, אָרען" (דאַוונען) א. א. וו., וואָס זיינען אָבער איצט גאָר פאַרשוווּנדן. ס'איז כמעט ניטאָ קיין ספק, אַז די דאָזיקע ווינציקע ווערטער זיינען אַ שפור פון יענע שפראַכן, וואָס אונדזערע זיידעס האָבן גערעדט, נאָך איידער זיי זיינען אַריבער צו דער דייטשער שפראַך. שטיצנדיק זיך אויף אָט די שפורן און נאָך אויף געוויסע פילאָלאָגישע און היס־טאָרישע טעמים, מיינט ד"ר גידעמאַן (געשיכטע פונעם חינוך אַ. אז. וו., ב. I), אַז די ערשטע צייט — אינעם XI—XII יאָרהונדערט — האָבן די יידן אין דייטשלאַנד נאָך גערעדט פראַנצויזיש.

פונקט ווי אין אַנדערע געמישטע שפראַכן, טרעטן אַריין אויך אין יידיש די דאָזיקע פאַרשיידענע עלעמענטן אין אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַנישער פאַרבינדונג: דאָס איז ניט קיין שפראַך־געמיש, ניט קיין מיש־מאַש, נאָר אַ שפראַך, הגם אַ געמישטע. דייטשע, העברעישע, סלאַווישע עלעמענטן, באַלד ווי זיי זיינען אַריין אין דער פאָלקס־שפראַך, הערן אויף צו זיין דייטש, העברעיש, סלאַוויש, — זיי ווערן אָן זייער פריערדיקן פרצוף און נעמען אָן אַ נייעם: ווערן יידיש. זייער אויסשפראַך פאַסט זיך צו צו דער יידישער פאָנעטיק, זייער בייגונג — צו דער יידישער עטימאָלאָגיע, זייער שטעלונג אינעם זאַץ — צום יידישן זאַץ־בוי און צום יידישן נוסח. די העברעישע ווערטער ווערן אין יידיש גאַנץ אָפט אַנדערש אויסגעשפּראָכן, איידער אין העברעיש, לויט דער געוויינטלעכער אַשכנזישער הברה. אַזוי, למשל, זאָגן מיר „צו לאָכעס, באַלעבאָס, שייגעץ, מעלופן, טאָמער, באַרמענען, קרישמע, טיינע", אַנשטאָט „צו להכעיס, בעל־הבית, שקץ, מלופום, תאמר, בר מנן, קריאת שמע, טענה". אַפילו אונדזער העברעישע הברה שטימט מיט דער יידישער פאָנעטיק: אַ צירה לייענען מיר, ווי איי, אַ חולם, ווי אוי, אַ למד שפרעכן מיר אויס האַרט, די טראָפּ שטעלן מיר שטענדיק „מלעיל" אַנשטאָט „מלרע" („ברוך אתה" א. דגל.). די העברעישע ווערטער גיבן מיר צו זייער אָפט גאָר אַן אַנדער באַטייטונג, ווי צ. ב., „אדרבא, הושענא, כלי־זמר" א. א. וו. אַן אַנדערש מאָל פאַרבינדן מיר אין איין באַגריף

פאַרשיידנשפּראַכיקע עלעמענטן, ווי העברעיִש און דייטש: „באַגזלען, אויס־חזרן, אונטערחתמען, מיט כל המעגלעכקייטן, הפקר־וועלט, עניני־געשעפט, דרשה־געשאַנק", אָדער העברעיִש מיט סלאַוויש: „צבועק, צבועטשען, כל־בויניק, הפקר־פּעטרושקע, בעל־הקאָראָבקע". מיר האָבן אייניקע ווערטער אַזוי פאַרענ־דערט, אַז מע דערקענט קוים זייער שורש, למשל, העברעיִש: דף׳נען צו דאַווענען, כתבות — קאַטאָוועס, שמועתן — צו שמועסן, אויסמחהן צו אויס־מעקן. דייטש: לעק־קוך — לעקעך, וואָלפּייל — וואָלוול, טינטהאָרן — טינטער, צוואָמיעזע — צימעס. סלאַוויש: נעבאָהאַ — נעבעך, דזיעד — זיידע, און נאָך פיל אַזוינע [7].

די פאַרשיידנשפּראַכיקע עלעמענטן אין יידיש זיינען לחלוטין ניט סותר איינער דעם צווייטן, זיי דערפילן אין דער שפּראַך גאַנץ פאַרשיידענע פונקציעס, זיי פאַרבינדן זיך פונקט אַזוי אָרגאַניש און דערגענצן איינער דעם אַנדערן, ווי די פונקציעס פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם. איינע פון די אויפגאַבן פון אונדזער פילאָלאָגיע מוז אויך זיין דעריבער פעסטצושטעלן, וואָס פאַר אַ פונקציעס ס׳דערפילן די העברעיִשע, דייטשע און סלאַווישע ווערטער און פאָרמען אין דער יידישער שפּראַך. די געוויינטלעכע מיינונג, אַז העברעיִשע ווערטער דריקן אויס אין יידיש מער געהויבענע און אַבסטראַקטע באַגריפן, און די דייטשע — מער געוויינטלעכע אַלטעגלעכע ענינים, איז ניט ריכטיק. אָט האָט איר „גאָט, געדאַנק" — דייטשע ווערטער פאַר העכערע באַגריפן, און „מחותן, משפחה, כלי", ווי אויך פיל ניט־אָנשטענדיקע ווערטער (עראָטיקאַ און רוסטיקאַ) גענומען פון העברעיִש [8]. מיר דוכט זיך, אַז מע קאָן דעם אונטערשייד אַזוי פאָרמולירן: די אידעען און באַציונגען פונעם אַלמענטשלעכן לעבן ווערן אויסגעדריקט אין דייטש; די דערשיינונגען, וואָס זיינען אויס־

---

7) דאָס וואָרט דאַווענען דערקלערן י. בערנשטיין און ח. זעגעל (אין זייער ווערטער־בוך צו די פון זיי אַרויסגעגעבענע „יוד. שפּריכווערטער", וואַרשע, 1908, ווערטערב. ז. 17) פונעם ענגלישן "dawn" (־בין השמשות), נאָר דאָס איז אַ ניט־געלונגענע סברה. איך שטיץ זיך אויף דער מיינונג פון ל. צונץ („גאָטעסדינסטליכע פאָרטרעגע", 2 אויפל., פראַנקפורט אַם מיין, 1892, ז. 454) און ע. וואַדאַס (Vadász) אין דער אונגאַריש־יידישער צייטשריפט (Magyar Zsidó szemle, „מאַדיאַר זשידאָ סעמלע", 1908, № 4), „קאַטאָוועס" דערקלער איך, זיך סומך זייענדיק אויף דעם גרויסן יידישן מדקדק אליהו בחור אַשכנזי הלוי (אליהו לעוויטאַ), אין זיין ווערטערבוך „תשבי" (ספר התישבי לאליהו התשבי", איסני, 1541סטער יאָר).

8) „תחתונים, נבלה" א. דגל. די מדה אַנצורופן די סעקסועלע אָרגאַנען און פונקציעס מיט העברעיִשע ווערטער שטאַמט ביי די יידן פון דעם זעלבן שעמעוודיקייטס־געפיל, ווי דער מנהג פון די אייראָפּעיִשע שרייבער צו „פאַרדעקן" אַזוינע זאַכן מיט לאַטייניִשע ווערטער, ביי די טערקן מיט אַראַבישע, ביי די בראַהמאַנער מיט סאַנסקריטישע א. א. וו.

געוואַקסן אויפן באָדן פונעם אינעווייניקסטן יידישן לעבן, ווערן אויסגעדריקט על פי רוב אין העברעיש, און די פאָרמען און געפילן פונעם אַלטעגלעכן לעבן אינעם ענגן פאַמיליען־קרייז אָדער גראָבע, נעגאַטיווע אייגנשאַפטן — אין סלאַוויש. אַזוי, אַ שטייגער, באַקומט איין און דער זעלביקער באַגריף פאַרשיי־דענע שאַטירונגען, אויב ער ווערט אויסגעדריקט דורך ווערטער פון פאַרשיי־דענעם שפּראַך־יחוס; צ. ב. „גאָט", „רבונו של עולם" און — „גאָטעניו־טאַטעניו": דאָס ערשטע איז אַן אַלמענטשלעכער באַגריף און ווערט אויסגעד־ריקט דייטש, דאָס צווייטע, אויסגעדריקט העברעיש, באַציט זיך נאָר אויף די פאַרהעלטענישן צווישן גאָט און ישראל, דאָס דריטע, סלאַוויש, דריקט אויס אַן אינטימע, קינדערשע באַציונג צו דער אויבערשטער מאַכט. אָדער נעמען מיר די ווערטער „איינפאַך", „פשוט", און „פּראָסט". די דריי ווערטער מיינען ניט גאַנץ דאָס זעלביקע, הגם דאָ זיינען די שאַטירונגען שווער צו פאָרמולירן. אָדער „נאַר" (אַ מענטש בכלל), „טפש" (נאָר אַ ייד קאָן זיין אַ טפש) און „בייבאָק". געוויס, זיינען פאַראַן פיל און וויכטיקע אויסנאַמען פונעם אָנגעוויזע־נעם כלל; אין אַלגעמיינעם אָבער שטאַמען די דייטשע ווערטער פונעם ברייטן פאַרקער צווישן יידן מיט דער אייראָפּעישער וועלט, די העברעישע און אַראַמעישע ווערטער — פון קהל־לעבן, פון חדר, פון דער ישיבה, פונעם צדיקס שטיבל, און די סלאַווישע ווערטער — פון דער ענגער באַרירונג מיט פויערים, הויזדינסטן, שבת־גויים א.א.וו.

לפנים אַן אויסנאַם זיינען צוויי אינטערעסאַנטע מינים העברעישע ווערטער אין יידיש: 1) די ווערטער, וואָס באַצייכענען די קאָמערציעלע באַציונגען: „מסחר, סחורה, משכון, ריוח, קרן, שטר, מלווה, חוב" א. א. וו. א. א. וו., ווי אויך אייניקע שאַרפע אויסדרוקן פון דער שאַכער־וועלט, ווי „שאַחרן (פון „סחרן"), גנבענען, גזלענען" (אויך הרגענען?) און דגל. 2) יענע גראָבע באַצייכענונגען, וואָס יידן פלעגן אָנווענדן צו ניט־יידן, אַרויסגייענדיק פונעם טראַדיציאָנעלן אתה־בחרתנו־שטאַנדפונקט, ווי „גוי, עכרים, ערל, שייגעץ, שיקסע, להבדיל, אָדער „פגרן" — אָנשטאָט „שטאַרבן", „חאַסלירע האָבן" אָנטשטאָט „חתונה האָבן" א. דגל. די ערשטע קאַטעגאָריע (די מסחר־אויסדרוקן) זיינען אויסגעוואַקסן ביי יידן טיילווייז צוליב דעם, וואָס די דייטשע שפּראַך האָט נאָך אַליין ניט געהאַט גענוג סוחרישע אויסדרוקן. אינטערעסאַנט איז אָבער, וואָס די דייטשן אַליין האָבן איבערגענומען ביי יידן אַזוינע אויסדרוקן, ווי Baissel, Pleite, Rebbach („הייזל", ד. ה. אַ נידערעס שענקל), און די דייטשע גנבים־שפּראַך איז פול מיט יידישע (העברעישע) ווערטער. דאָס האָט אפילו געגעבן די ריכטונג אַ גרויסן צווייג פון דער יידישער פילאָלאָגיע: פיל דייטשע פאָרשער, און בפרט דער אויסגעצייכנטער לינגוויסט אַווע־לאַלעמאַן, זיינען געקומען צו יידיש, אָנהייבנדיק פון דער אויספאָרשונג פון דער גנבים־

שפּראַך. — די צווייטע קאַטעגאָריע פאַראַכטונגס־ווערטער שטאַמט פון דער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס באַמערקט זיך ביי דעם פּראָסטן עולם פון אַלע אומות. אַזוי זאָגט דער רוסישער פויער околѣть אָנשטאָט умереть דער אוקראַיִנישער здохнути אָנשטאָט вмерти דער דייטש Fressen (אָנשטאָט essen), krepiren (אָנשטאָט sterben). מיט דער הומאַניזאַציע פון דער שפּראַך פאַרשווינדן אַזוינע נאַציאָנאַלע פאַראַכטונגס־אויסדרוקן פונעם פאָלקס־מויל.

אַזוי ווי די דריי עלעמענטן, דייטש, העברעיִש־אַראַמעיִש און סלאַוויש, דערפילן פאַרשיידענע פונקציעס אין דער שפּראַך, דעריבער שטערט ניט די געמישטקייט פון יידיש צו זיין אַנטוויקלונג; פאַרקערט, דורך דעם ווערט אונדזער שפּראַך נאָר רייכער אין ווערטער און אויסדרוקס־מעגלעכקייטן. ס׳געפינט זיך אָבער אין אונדזער שפּראַך אויך אַ פערטער, אינטעליגענטישער עלעמענט, דער יינגסטער פון אַלע, וואָס איז סותר דעם בוי פון די אַנדערע עלעמענטן און קאָן זיי כמעט ניט דערגענצן. דער עלעמענט רופט זיך אָן „דייטשמעריש״, ער מאַכט קאַליע אונדזער שפּראַך און קאָן זי טאַקע ברענגען צו דער מדרגה פון אַ מיאוסן זשאַרגאָן. לאָמיר זיך אָפּשטעלן אַ ווײַלע אויף דעם דאָזיקן עלעמענט.

IV

דער גרעסטער טייל פון די ווערטער און פאָרמען, וואָס ווערן געברויכט אין יידיש, זיינען דייטשע; דערפאַר אָבער זאָגט טאַקע ביי אונדז יעדער גימנאַזיסט, אַז „יידיש איז פאַרדאָרבן דייטש״. נאָר ווער ס׳זאָגט אַזוי, ווייס נעבעך ניט, וואָס דייטש איז. יידיש האָט זיך טאַקע גענומען פון דייטש, אָבער דווקא ניט פון יענעם דייטש, וואָס מען שטודירט צו די עקזאַמענס אויף „אַטעסטאַט זריעלאָסטי״. דער דאָזיקער דייטש פון שילער און געטע איז ניט דער שטיף־פאָטער פון יידיש, נאָר זיין שטיף־ברודער, און דערצו נאָך אַ יינגערער ברודער. יידיש איז עלטער פאַר יענעם דייטש, וועלכן אונדזער „אינטעליגענט״ האַלט פאַר כשר; און טאַקע מיט דריי — אָדער פיר הונדערט יאָר עלטער. ביידע שטאַמען זיי פון מיטל־הויך־טייטש, ביידע זיינען זיי „פאַרדאָרבן״: יידיש איז „פאַרדאָרבן״ דורך העברעיִשן און סלאַווישן איינפלוס, מאָדערן־דייטש — דורך לאַטייִנישן און פראַנצויזישן איינפלוס. יידיש איז „פאַרדאָרבן״ געוואָרן אויפן מאַרק און אין דער ישיבה, דייטש — אין אוניווערסיטעט און אין די ביוראָקראַטישע קאַנצעלאַריעס. אין דער היינטיקער יידישער שפּראַך געפינען זיך נאָך אַ סך אַלטע דייטשע — מיטל־הויך־טייטשע ווערטער, וואָס זיינען שוין אין דער דייטשער ליטעראַטור לאַנג פאַרלאָרן געגאַנגען, און ס׳טרעפט גאַנץ אָפט, אַז אַ

וואָרט אָדער אַ גראַמאַטישע פאָרעם, וואָס אומוויסנדיקע אינטעליגענטן האַלטן פאַר פאַרדאָרבן דייטש, זיינען גאָר אַלטע דייטשע פאָרמען, וואָס יידיש האָט זיי פאַרהיט פון אונטערגאַנג. דער ערשטער, וואָס האָט גרינטלעך אויסגעפאָרשט אַזוינע ווערטער און פאָרמען אין יידיש, איז אַוועֿ־לאַללעמאַן, נאָך אים האָבן אויף דעם געביט פיל געאַרבעט שעינעאַנו, לאַנדוי און גערצאָן. דער לעצטער האָט אפילו אָנגעשריבן אַ פאַרגלייך־גראַמאַטיק פון יידיש מיט מיטל־הויך־טייטש און האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ רשימה פון 424 אַזוינע אַלטע פאַרבליבענע ווערטער, וואָס ווערן זייער אָפט געברויכט אינעם היינטיקן יידיש. די אַ ל ט ע יידישע ליטעראַטור אָבער האָט אַ גאַנצן אוצר פון עלטערע דייטשע ווערטער, וואָס זיינען אַצינד שוין פאַרלאָרן געוואָרן סיי אין יידיש, סיי אין דייטש.

אַזוי ווי יידיש נעמט זיך ניט פונעם איצטיקן ליטעראַרישן דייטש, נאָר פונעם פאַרשטאָרבענעם מיטל־הויך־טייטש, דעריבער שיידן זיך אונטער שטאַרק די יידישע ווערטער פון די איצטיקע ליטעראַריש־דייטשע. אונדזער אינטע־ליגענט האָט אָבער געלעבט אין טעות: ער האָט געוואָלט רייניקן די יידישע שפראַך, נאָכטאַנצנדיק נאָך דער דייטשער ליטעראַטור. ער האָט געמיינט: יידיש איז „פאַרדאָרבן". מוז מען אים „אויסבעסערן"; און אויסבעסערן הייסט, פאַרשטייט זיך, פאַרדייטשן. אינעם משך פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט האָבן אונדזערע שרייבערס אַריינגעגאָסן גאַנצע שטראָמען דייטשמעריש אין דער יידישער שפראַך. ערשטנס, האָבן זיי גענומען פאַרדרייען די יידישע פאָנעטיק אויף דעם דייטשן שטייגער. ווו דער ייד זאָגט „אַף, באַ, פאַר, נאָר" האָט דער „אינטעליגענט" אָנגעהויבן זאָגן און רעדן „אויף, ביי, פיר, נור". ווו דער פאָלק זאָגט: „דערגרייכן, פאַרריכטן, באַגליקן, שמאַרצן, האַרציק, האַנט, טויזנט, פאַרטיק, אונדז, מענטש, בענטשן, בריוו", האָט דער אינטעליגענט „אויס־געבעסערט": „עררייכען, פעררייכטען, בעגליקן, שמערצען, הערצליך, האַנד, טויזענד, פערטיג, אונז, מענש, בענשען, בריעף". אַריינגעמענדיק אין יידיש נייע דייטשע ווערטער, האָבן די משכילים ניט געזען די ווערטער צו פאַריידישן, נאָר האָבן זיי אַריינגעטראָגן פשוט אַזוי, ווי זיי ווערן אויסגעשפּראָכן אינעם ניי־הויך־דייטש, ד. ה. אין דער ליטעראַרישער דייטשער אויסשפראַך. ווו דער פאָלק וואָלט געזאָגט „דערציונג, אַנטוויקלונג", האָט מען אים געלערנט רעדן „ערציהונג, ענטוויקלונג" א. א. וו. פאַרדייטשנדיק די שפראַך, האָט דער משכיל לחלוטין פאַרדאָרבן אויך די יידישע גראַמאַטיק; ער האָט געשאַפן נייע, ליטעראַריש־דייטשע פאָרמען פון מערצאָל (לערער אָנשטאָט לערערס, דירעק־טאָרן אָנשטאָט דירעקטערס, קרעפטן אָנשטאָט קרעפט), אַריינגעפירט דעם מיטעלערן מין פון די הויפּטווערטער, וואָס די יידישע שפראַך האָט כמעט ניט געהאַט (בפרט די ליטווישע), ווי, למשל, דאָס פאָלק, דאָס(!) רייכטום, דאָס גליק.

ער האָט פֿאַרדרייט די קאָניוגאַציע: אָנשטאָט „ער זעצט איבער, ער איז איבערגעזייגט, אונטערגעדריקט", האָט ער אַריינגעבראַכט די דייטשע פֿאָרמען: „ער איבערזעצט, איבערצייגט, אונטערדריקט". מען קאָן ברענגען נאָך אַ סך אַזוינע „רעפֿאָרמען", מיט וועלכע אונדזער אינטעליגענט האָט — כמעט אומבאַוווסטזיניק, — שרעקלעך פֿאַרפּלאָנטערט די קלאָרע און איינפֿאַכע יידישע גראַמאַטיק. אַזוי האָט, למשל, די היינטיקע יידישע גראַמאַטיק גרויסע צרות מיט דער מערצאָל און מיט דעם מיטעלערן מין פֿון די הויפּטווערטער. אין דער „יודישער גראַמאַטיק" האָט ה׳ ז. רייזען געמוזט אָנגעבן העכער פּופּציק כללים, ווי אַזוי צו בילדן די מערצאָל, און מיט די כללים מכח געשלעכט האָט ער גאָרניט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק. אָבער גאָר אומגעלומפּערט איז אויסגעקומען די שרייבונג (אָרטאָגראַפֿיע), וואָס די משכּילים האָבן אַריינגעבראַכט אין יידיש. שוין די אַמאָליקע שרייבונג פֿון די טייטש־חומשים און אַלטע יידישע ספֿרים איז געשטאַנען זייער נידעריק; איז אָנשטאָט צו פֿאַראיינפֿאַכן די שווערע שרייבונג האָט דער משכּיל זי נאָך מער פֿאַרפּלאָנטערט, נאָכמאַכנדיק די ליטעראַריש־דייטשע אָרטאָגראַפֿיע. דער דייטש זאָגט אַרויס דעם ie אַנדערש, איידער דעם i, דעם e אַנדערש איידער דעם eh; ביים יידן, בפֿרט ביים ליטווישן, זיינען די אונטערשיידן ניטאָ, פֿון דעסטוועגן שרייבט ער „עה" און „יעה", וווּ מ׳דאַרף דאָס גאָר ניט. אַפֿילו דאָרט, וווּ די דייטשן האָבן שוין אויפֿגעהערט צו שרייבן די טאָנלאָזע אותיות, שרייבט זיי נאָך עד היום אונדזער אינטעליגענט. פֿונעם יאָר 1880 שרייבן די דייטשן פֿאַראיינפֿאַכט: tun, Judentum, Tat און מיר שרייבן נאָך עד היום: טהון, טהאַט, יודענטהום.

אַ סך צרות האָט דער אומוויסנדיקער אינטעליגענט אָנגעמאַכט דער יידישער פֿילאָלאָגיע. פֿון דער אַנדער זייט אָבער, טאָרן מיר ניט לייקענען, אַז דער „אינטעליגענטישער" עלעמענט האָט אויך געבראַכט פֿיל נוצן דער יידישער שפּראַך. דער עיקר באַשטייט דער נוצן אין דעם, וואָס דער אינטעליגענט האָט שטאַרק באַרייכערט און הומאַניזירט דעם יידישן לשון. באַרייכערט האָט ער אים, אַריינברענגענדיק אַ מאַסע נייע ווערטער, וואָס די אָרעמע שפּראַך פֿונעם דערשלאָגענעם המון האָט ניט געקאָנט אַליין שאַפֿן. און אַפֿילו דורך זיין פֿאַרדרייען די יידישע פֿאָנעטיק אויף דער דייטשער מאַניר האָט דער משכּיל טיילוויז געהאָלפֿן צו באַרייכערן אונדזערע באַגריפֿן. אַזוי, צ. ב., איז דער פּרעפֿיקס (פֿאָרזילבע) „ער" ביי די ווערבן (פּעלים) פֿרעמד דער פֿאָלקס־שפּראַך: דער ייד זאָגט „דער" אָנשטאָט „ער": דערגרייכן, דערהערן, דערזען, דערשרעקן. אַריינפֿירנדיק אָבער די דייטשע פֿאָרמען מיט „ער" האָט דער משכּיל פֿאַרטאָפּלט די שאַטירונגען, וואָס יידיש קאָן אויסדריקן; אַזוי: ערוואָרטן און זיך דערוואַרטן, ערציען און דערציען, ערפֿילן און דערפֿילן — האָבן גאַנץ פֿאַרשיידענע באַטייטונגען. די „אינטעליגענטישע" ווערטער האָבן אַז

אַנדערש מאָל צוגעגעבן אונדזערע שפּראַך־באַגריפן אַ מער געהויבענעם כאַראַקטער. אַזוי זיינען די ווערטער „קונסט, באָדן, הער" ניט יידיש; יידיש איז „קונץ, בוידעם, האַר", נאָר אַזוי ווי דעם משכיל זיינען ניט געפעלן געווען די „גראָבע" פאָלקס־אויסדרוקן, האָט ער גענומען די דייטשע ווערטער, — און דורך דעם איז יידיש געוואָרן אין געוויסע פּרטים ריי כער, איידער די דייטשע שפּראַך. אַ דייטש האָט נאָר איין באַגריף „קונסט", קינסטליך, קונסטפאָל", דער ייד אָבער האָט צוויי באַגריפן: „קונסט, קינסטלעך" (אַ העכערער) און „קונץ", „קונציק" (אַ נידעריקערער). דאָס זעלביקע מיטן באָדן און בוידעם, הער און האַר, פאָרם און פורעם, קוועלע און קוואַל, פערזאָן און פּאַרשוין, דייטש און טייטש. וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער צו דער הומאַניזאַציע פון דער שפּראַך, האָב איך שוין אָנגעוויזן אויף איר; זי באַשטייט אין דעם, וואָס יידיש פאַרלירט די פאָרמען פונעם ענגן, שאָוויניסטישן אויסדרוקס־אופן.

V

פאַרשטיין די מעלות און חסרונות פון די אינטעליגענטישע שפּראַך־עלעמענטן איז דערפאַר באַזונדערס וויכטיק פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע, ווייל איר אויפגאַבע ענדיקט זיך ניט מיטן „אלף־בית", ד. ה. מיט דער צונויפשטעלונג פון אַ וויסנשאַפטלעכער גראַמאַטיק און ווערטערבוך, נאָר זי גייט פיל ווייטער, זי וויל די שפּראַך רייניקן און באַרייכערן. בשעת די ערשטע דורות פון דער אינטעליגענץ שטרעבן ביי אַלע דערוואַכנדיקע פעלקער צו הומאַניזירן די שפּראַך, אַרבעטן די ווייטערדיקע דורות אויף דעם, צו רייניקן די שפּראַך פון די ניט־געראָטענע אינטעליגענטישע פּראָדוקטן. און פאַר אַלע פעלקער קומט אָן אַ צייט, ווען די רייניקונג פון זייער שפּראַך ווערט די ברענענדיקסטע פילאָלאָגישע אויפגאַבע. מיט אַ פופציק—זעכציק יאָר צוריק איז די אויפגאַבע געשטאַנען פאַר די לעטן, עסטן, סערבן, גריכן, טשעכן, פלאַמען, פינען, אַצינד שטייט זי נאָך פאַר די אוקראַינער, בולגאַרן, קאַטאַלאָנער, גרוזינען, און אויך פאַר אונדז, יידן. ביי אַלע פעלקער איז די רייניקונג פון דער שפּראַך די שווערסטע פילאָלאָגישע אַרבעט, שווער צוליב דער פּסיכאָלאָגישער אומבאַוועגלעכקייט פון דער אינטעליגענטישער טראַדיציע. קעגן דער רייניקונג פון דער שפּראַך קעמפט דער שריפטשטעלער מיט זיינע געוווינהייטן, דער רעדאַקטאָר, דער קריטיקער, דער פאָלקס־לערער, דער שרייבער אין קאַנצעלאַריע, דער קאָרעקטאָר און דרוקער; אויך דער ברייטער פּובליקום, דער פּשוטער עולם שטעלט זיך איין מיט הענט און פיס פאַר זיין הייליקער אומוויסנהייט. זייער פיל נערוון האָט געקאָסט די אויבן־דערמאָנטע פעלקער די רייניקונגס־אַרבעט פון זייער פילאָלאָגיע; די ראַציאָנאַל פאַר־איינפאַכנדיקע רעפאָרם פלעגט מען אומעטום באַגעגענען מיט שפּאָט און מיט

כעס: די געריינ־יקטע ווערטער „קלינגען גראָב, עם האַרציש“, די נייע שרייבונג „זעט אויס קאָמיש, אומפאַרשטענדלעך“, — מיט אַזוינע יללות פלעגט מען באַגעגענען די לינגוויסטישע רעפאָרם ביי אַלע פעלקער; ווייל אומעטום לעבט די עלטערע אינטעליגענץ אין איין און דעם זעלביקן טעות, — אַז די פאָלקס־שפּראַך איז אַ „פאַרדאָרבענע“, אַז מע דאַרף זי האָדעווען פון פרעמדע שיסלען [9].

פונקט אַזוי ווי ביי אַנדערע פעלקער, וועט אויך ביי אונדז די רעפאָרם מוזן זיגן, אויב אונדזער אינטעליגענץ וועט נאָר האָבן דעם מוט אָוועקצוואַרפן די שלעכטע שפּראַך־געוווינהייטן, אויסצוראַמען מיט אַ ברייטן בעזעם אַלע יענע „דייטשמערישע“ עלעמענטן, וואָס פּאַסן ניט צו דער יידישער שפּראַך און באַרייכערן זי ניט. אַריינטראָגן אין אונדזער שפּראַך נייע דייטשע ווערטער — מהיכא־תיתי! אָבער זיי מוזן ווערן פאַריידישט, צוגעפּאַסט צו די פאָנעטישע און גראַמאַטישע פאָרמען פון אונדזער פאָלקס־לשון. שווערער פאַר אַלץ וועט אָנקו־מען דאָס פאַרטרייבן דעם „דייטשמעריש“ פון דער מינדלעכער שפּראַך, גרינגער פאַר אַלץ איז די רעפאָרם אין דער שרייבונג. די דייטשמערישע שרייבונג פון אונדזערע ביכער און צייטונגען פאַרדאַרבט ניט נאָר די שריפט, נאָר אויך די מינדלעכע שפּראַך: מ'הערט אויף צו רעדן יידיש, אמתע יידישע קלאַנגען פאַרשווינדן פונעם פאָלקס מויל. יידיש פלעגט מען זאָגן: „אונדז, אונדזער, מענטשן, פינצטער, אַף, בא“. איצט רעדט מען שוין פאַרדייטשט: „אונז, מענש, פינסטער, אויף, ביי“. אפילו דעם נאָמען פון אונדזער פאָלק און שפּראַך „יידיש“ שרייבן מיר ניט ריכטיק, און ס'קען נאָך קומען דערצו, אַז מיר זאָלן זיך אָפּגעוווינען אים ריכטיק אָנצורופן [10]. די רעפאָרם פון דער יידישער שרייבונג מוז, ווי ווייט מעגלעך, פאָלגן דעם פּאָנעטישן פּרינציפּ, וואָס זאָגט: „שרייב ווי דו רעדסט“; דער דאָזיקער פּרינציפּ איז דער ערשטער און דער גרונדלייגנדיקער אין יעדער שרייבונג; די אַנדערע צוויי פּרינציפּן, דער היסטאָרישער און דער עטימאָלאָגישער, קאָנען נאָר דערגענצן דעם פאָנעטישן, ניט אָפּשאַפן אים. נאַטירלעך, קאָן אויך דער פאָנעטישער פּרינציפּ ניט אַרומכאַפּן אַלע שאַטירונגען פון די קלאַנגען און ער מוז דערצו נאָך אָפּרוקן אָן אַ זייט אַלע אָרטיקע אויסשפּראַכן צוליב דער איינער, וועלכע מע קלייבט אויס אַלס די „ריכטיקע“ (ביי אונדז איז די ליטווישע אויסשפּראַך די

9) אַזוי האָט מען געהאַלטן ניי־גריכיש פאַר „פאַרדאָרבן“ אַלטגריכיש, פלאַמיש פאַר „פאַרדאָרבן“ האָלענדיש, קאַטאַלאָניש פאַר אַ „שלעכטן“ שפּאַנישן דיאַלעקט; פיניש האָט מען געהאָלט „פאַרבעסערן“ דורך שוועדיש, לאַטוויש דורך דייטש, סערביש דורך רוסיש, טשעכיש דורך דייטש א. אַז. וו.

10) מ'שרייבט „יוד, יודיש“ אָדער „איד, אידיש“. ביידע שרייבונגען זיינען פאַלש, זיי דריקן ניט אויס דעם אמתן קלאַנג פון יידיש.

„ריכטיקע”, ד. ה. ליטעראַרישע). נאָר דאָס זיינען אַלץ חסרונות, אָן וועלכע קיין שום אָרטאָגראַפיע קאָן ניט אויסקומען.

געדענקען מוז מען: וואָס שוואַכער אַ פאָלק, וואָס מער סכנות ס'שטייען פאַר דעם קיום פון זיין שפּראַך, אַלץ מער נייטיקט זיך די שפּראַך זיינע אין אַ פאַרנינפטיקער, קלאָרער, אויסגעהאַלטענער שרייבונג. די צעקאַליעטשעטע משונהדיקע שרייבונג פון פראַנצויזיש, ענגליש, רוסיש שטעלט טאַקע פאַר אַ שווערע פלאָג פאַר די וואַקסנדיקע דורות, נאָר די קינדער און זייערע עלטערן האָבן קיין אַנדערע ברירה ניט, זיי מוזן זיך נעבעך אָנשטרענגען, כדי גובר צו זיין דעם אָרטאָגראַפישן תוהו ובוהו. אָבער ביי די שוואַכע פעלקער, ווו די לערנדיקע יוגנט האָט פאַר זיך אַ פרייע וואַל, ווו זי קאָן פאַרבייטן איר מוטער־שפּראַך אויף אַן אַנדער קולטור־מיטל, — שטעלט פאָר אַ פאַרפּלאָנטערטע שרייבונג אַ גרויסן נסיון פאַר דער יוגנט און אַ שווערע סכנה פאַר דער שפּראַך. דעריבער האָבן טאַקע געמוזט די אונגאַרן, טשעכן, סערבן, אוקראַאינער, לעטן גרינדלעך רעפאָרמירן זייער שרייבונג; דאָס זעלביקע טוען אַצינד די בולגאַרן און די טערקן. און מיר וועלן אויך מוזן פאָלגן דעם ביישפּיל פון „עלטערע מענטשן” [11].

נאָך אַ ברייטערע אויפגאַבע פון אונדזער פילאָלאָגיע איז — באַרייכערן די יידישע שפּראַך. ניט דאָס איז די צרה, וואָס יידיש איז אָרעם אין פאָרמען; דאָס איז, פאַרקערט, אַ מעלה, אין דעם דריקט זיך אויס, ווי מיר האָבן געזען, דער אַנאַליטישער כאַראַקטער פון אונדזער שפּראַך. דאָס איז, פאַרקערט, אַ מעלה, אין ווערטער, אין באַגריפן. אין דעם זיינען אָבער ניט שולדיק די לינגוויסטישע אייגנטימלעכקייטן פון אונדזער לשון. יידיש איז, להיפוך, אַ שפּראַך, וואָס מוז

11) אַ גאַנץ שווערע פראַגע איז מכח דער שרייבונג פון העברעיִשע און אַראַמעיִשע ווערטער, וואָס ווערן געברויכט אין יידיש. כדי זיך נישט אָפּצושטעלן צו פיל, וועל איך נאָר באַמערקן, ערשטנס, אַז יענע ווערטער, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער העברעיִשע אויסשפּראַך, איז בעסער צו שרייבן יידיש: טאָמער, באַלעבאָס, מאַנעשאַך (ממה נפשך), צולאָכעס, באַרמענען (בר מינן), צווייטנס, דאָרט, ווו אין העברעיִש איז אויך מעגלעך די „כתיבה מלאה” פון די „אותיות הנוח” (או״י), איז בעסער צו שרייבן „מלא” אָנשטאָט „חסר” אַפילו פאַר אַ דגש חזק און אין דער מערצאָל, צ. ב. דור, קול, חודש, שורש, אופן, משומד, מחותן, דורות, קולות — מיט אַ „ו”, אָדער שיעור, קיצור, מידה, סיבה, קהילה, מגילה, סימנים מיט אַ „יוד”. בכלל אָבער, שרייבנדיק די העברעיִשע ווערטער מיט זייער אורשפּרינגלעכער כתיבה, דריקט מען צו גלייך אויס זייער באַזונדער לינגוויסטישע ראָל וואָס זיי שפּילן אין דער יידישער שפּראַך. — איך ווייס ניט, צי ס'לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף דער משונהדיקער „רעפאָרם”, וואָס ס'לייגן פאָר אונדזערע „ראַדיקאַלן”, צו פאַרבייטן דעם העברעיִשן אלף־בית אויפן לאַטייניש. פונעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז דאָס אַ גוואַלטיקער אומזין; נאָר אויך ריין־פּראַקטיש איז דער העברעיִשער אַלף־בית פיל בעסער פאַרן לאַטייניש, און איך מיין, אַז למשל, די פּאָליאקן, טשעכן און אונגאַרן וואָלטן זיך מיט דעם העברעיִשן אַלף־בית געפילט פיל בעסער, איידער מיטן אָרעמען לאַטייניש. אויך איז פיזיאָלאָגיש בעסער צו שרייבן פון רעכטס אויף לינקס, איידער פאַרקערט.

זיין זייער רייך אין אויסדרוקס־מעגלעכקייטן, ווייל זי איז צונויפגעמישט פון דריי אומגעהייער־רייכע שפּראַך־צווייגן ; סעמיטיש, גערמאַניש און סלאַוויש. די דאָזיקע רייכקייט, וואָס ווערט נאָך פאַרגרעסערט דורך דער לעבעדיקייט פונעם יידישן טעמפּעראַמענט, לאָזט זיך פילן אויף יעדן שריט. כאַפּן מיר אָן, למשל, דעם באַגריף פון אַ פּראָסטן און פון אַ מעכטיקן מענטשן ; זעט, ווי יידיש איז רייך אין אויסדרוקן : „אַ פּראָסטער שלוש־סעודות, אַ פּראָסטער חי־וקים, אַ פּראָסטער בשר ודם, אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, אַן איינפאַכער, אַ פּשוטער מענטש". און — „אַ גאַנצער שלש סעודות, אַ מר ברב אשי, אַ מיוחס, אַ יחסן, אַ יאַ טאַבי דאַם, אַ גאַנצער מאַכער, אַ תקיף, אַ שררה, אברהם אבינוס אייניקל" און נאָך אַנדערע אַזוינע. אָדער, ווי אַ ייד דריקט אויס אויף פאַרשיידענע אופנים זיין ניט־גלויבן אין אַ מעשה : „נאַרישע מעשיות, לא היה ולא נברא, לא היו דברים מעולם, להד׳ם, לא דובים ולא יער, אַ מעשה מיט אַ בער, ס׳הייבט זיך גאַרניט אָן, ניט געשטויגן ניט געפלויגן, אויפן הימל אַ יריד, אַ נעכטיקער טאָג, אַ באָווע־מעשה, אין דער וועלט אַריין, אַ ליגן די מעשה, רבא בר חנהס מעשיות, ס׳איז ניט געווען קיין פריץ און מע האָט קיינעם ניט געשמיסן, ס׳האָט זיך געטראָפן (אַ וואָך) אונטער וואַרשע" א. נאָך אַנד. די אָרעמקייט פון יידיש שטאַמט פון געוויסע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע סיבות. וואַלגערנדיק זיך דורות־לאַנג אויפן גאַס, שלעפּנדיק זיך איבער די ירידן, האָט יידיש ניט געהאַט די זכיה אויפגעצויגן צו ווערן אין די קאַנצעלאַריעס, פאַרפיינערט צו ווערן אין די סאַלאָנען און אין די אוניווערסיטעטן. דערפאַר איז יידיש אָרעם אין וויסנשאַפט־לעכע השגות, ער פאַרמאָגט ניט קיין אויסגעבילדעטע יורידישע און פּאָליטישע טערמינאָלאָגיע ; יידיש האָט זיך געשפּייזט פון די נאַיווע, ניט־געקינצלטע געפילן פון דער יידישער פּרוי ביים פּריפּעטשיק, — האָט ער ניט געקאָנט אויסאַרבעטן אין זיך די פיינקייט פון אויסדרוק, די בייגעוודיקייט פון דער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג. און — דער עיקר, — אָפּגעריסן פון דער נאַטור צוזאַמען מיטן פאָלק, האָט יידיש ניט געקאָנט באַקומען קיין געזונטן חוש פאַר די נאַטור־דערשיינונגען ; אים פעלן נעמען פאַר מינעראַלן, פלאַנצן און חיות, אונדזער שפּראַך רופט זיך ניט אָפּ אויף דעם זשומען פון אַ היישעריק, אויף דעם פּייפן פון אַ פייגל און דעם הוילן פון אַ וואָלף, זי שפּיגלט ניט אָפּ אין זיך די פּראַקטיקע פילפאַרביקייט פון פרי־יאָר און וויינט ניט איבער דער שפּעט־יאָריקער גסיסה פון דער נאַטור.

די אייבערשטע אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע קאָן מען נאָך אַנדערש פאָרמולירן, אַלס די נאַציאָנאַליזאַציע און הומאַניזאַציע פון דער יידישער שפּראַך. נאַציאָנאַליזירן יידיש, מאַכן אים פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך אין אמתן זינען פון וואָרט הייסט — אַזוי גרינדלעך אים רייניקן און אַזוי ווייט באַרייכערן, אַז ער זאָל קאָנען אויסדריקן אַלע דערשיינונגען פונעם

יידישן שאַפן. הומאַניזירן די שפּראַך אין ברייטן זינען הייסט — מאַכן פון איר אַ כלי־זין אויף אַריינצונעמען אינעם יידישן פאָלק אַלע קולטור־ווערטן פון דער מאָדערנער אַלמענטשלעכער אַנטוויקלונג; די יידישע פילאָלאָגיע דאַרף העלפן דערצו, אַז די יידישע שפּראַך זאָל ווערן אַ *נאַציאָנאַלער קולטור־מיטל און אַ בילדונגס־מיטל פאַרן פאָלק און פאַר דער אינטעליגענץ*. דערווייל האָט דאָס לעבן גופא גענומען אויף זיך די דאָזיקע אויפגאַבן. פון יידיש איז טאַקע געוואָרן טיילווייז אַ נאַציאָנאַלער קולטור־מיטל, אָבער קיין בילדונגס־מיטל און קיין אַלמענטשלעכער קולטור־מיטל איז נאָך פון יידיש ניט געוואָרן.

אונדזערע גרויסע דיכטער האָבן אָבער פאַרשטאַנען צו באַרייכערן און אויסצובילדן די פּראָסטע פאָלקס־שפּראַך, אפילו ניט אָנקומענדיק צו די מיטלען פון דער וויסנשאַפטלעכער פילאָלאָגיע. מענדעלע מוכר ספרים איז דער קאָלומבוס פון דער יידישער שפּראַך און יצחק לייבוש פּרץ איז איר נאַפּאָלעאָן: דער ערשטער האָט זי אַנטדעקט, און דער צווייטער האָט פאַר איר איינגענומען אייראָפּעישע וועלטן. דאָס אומדערוואַרטע אויפבליען פון דער יידישער פּאָעזיע און ליטעראַטור־קריטיק האָט אַנטפּלעקט אָן אַ שיעור קוואַלן פון אויסדרוקס־מעגלעכקייטן, — דאָס אַלץ איז אונדז ערב דערפאַר, אַז יידיש קאָן ווערן אַ רייכער, מעכטיקער קולטור־און בילדונגס־מיטל פאַר אונדזער פאָלק. די וויסנשאַפטלעכע פילאָלאָגיע מוז נאָר קומען צו הילף מיט אירע מעטאָדן, אַריינטראָגן אַ סדר אין דעם כאַאָטישן שאַפונגס־פּראָצעס. מענדעלע האָט אונדזער שפּראַך *נאַציאָנאַליזירט*, דער ערשטער אייניקל זיינער, שלום עליכם, האָט זי וווּנדערבאַר *פּאָפּולאַריזירט* און פּרץ האָט זי *הומאַניזירט*; *די דריי גרויסע דיכטער זיינען די שעפער פון דער מאָדערנער יידישער שפּראַך*, זיי האָבן איינגעטיילט צווישן זיך די היסטאָרישע אַרבעט: טאָ זאָל זשע אויך די *וויסנשאַפט* נעמען זיך אַ חלק פון דער ירושה. מענדעלע האָט אַנטדעקט די שפּראַך: טאָ לאָמיר זי אויספאָרשן. פּרץ האָט איר צוגעבראַכט נייע מדינות: טאָ לאָמיר מאַכן אין זיי אַן אָרדענונג, די פילאָלאָגיע מוז אַרויסגראָבן די פאַרוואַלגערטע שיכטן פונעם פאָלקשאַפן, זי מוז אַרויסזוכן די אוצרות פון אונדזער נאַציאָנאַלער שאַפונג, וואָס ליגן צעוואָרפן אין די מערב־אייראָפּעישע ביבליאָטעקן. די אַלטע יידישע ליטעראַטור האָט אירע קלאַסישע ווערק, ווי דעם „שמואל-בוך“, דעם „מעשה־בוך“, דעם „ספר המידות“ וואָס האָבן געדינט פאַר אַ מוסטער פאַר לאַנגע דורות און פלעגן אפילו איבער־געזעצט ווערן אין פרעמדע שפּראַכן; דער פאָלק פאַרמאָגט אַ מאַסע ווערטער אין זיינע גלייכווערטלעך, וויצן, לידער, מעשיות, רעטענישן, בכלל אין זיין פאָלקלאָר, וואָס די פילאָלאָגיע דאַרף אויספאָרשן און באַאַרבעטן. די דאָזיקע פילאָלאָגישע מעטאָדן וועלן באַרייכערן די שפּראַך: דער פאָלק וועט זיך באַקענען מיט זיין

ליטעראַרישן עבר, וועט לערנען צו געניסן פון זיין פאַרבאָרגענער רייכקייט. אָבער דאָס איז אַן אַרבעט, וואָס יחידים קאָנען זי אויף זיך ניט נעמען: יחידים קאָנען באַאַרבעטן איינצלנע צווייגן, זיי האָבן די איניציאַטיוו, נאָר אָרגאַניזירן די פילאָלאָגישע אַרבעט אין איר גאַנצער ברייט קען נאָר אַ געזעלשאַפטלעכער אַנש־טאַלט. כל זמן מיר האָבן ניט פאַראייניקט אונדזערע פאָלקס־קרעפטן, כל זמן ס'איז ניטאָ קיין בר־סמכאדיקע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פאַר פילאָלאָגישע צוועקן, וועט די יידישע פילאָלאָגיע ניט זיין בכח צו דערפילן ווי געהעריק אירע אויפגאַבן.

וועגן דער אָרטאָגראַפיע פון פאָריקן אַרטיקל

אָט זיינען די גרונדלאַגן פון דער אָרטאָגראַפיע, וואָס איך ווענד אָן. ערשטנס, איז זי, ווי ווייט מעגלעך, פאָנעטיש, ד. ה. איך סטאַרע זיך צו שרייבן אַזוי, ווי מע רעדט. אַזוי ווי אָבער, פון איין זייט, קאָן קיין שום שרייבונג ניט אויסדריקן אַלע קלאַנגען און שאַטירונגען פון דער מענטשלעכער שפּראַך, און פון דער אַנדער זייט, וואָלט אַ צו ווייט אויסגעהאַלטענע פאָנעטישע שרייבונג זיך געמוזט שטאַרק פונאַנדערגיין מיט דער איצט אָנגענומענער, — איז כדי ניט צו מאַכן קיין איינדרוק פון אומפאַרשטענדלעכקייט, האָב איך געמוזט מאַכן אַ סך פשרות מיט דער ניט־געראָטענער הערשנדיקער טראַדיציע. — פאַרן יסוד נעם איך די אויסשפּראַך פון דעם ווילנער קאַנט, און כ'שטיץ זיך אויף איניקע כללים פון דער יידישער פאָנעטיק, ד. ה. קלאַנגען־לערע. אָט זיינען די פאָנעטישע כללים: 1) יידיש מיידט אויס, נאָך מער ווי אַנדערע שפּראַכן, אַלצדינג, וואָס קאָן פאַרשאַפן שוועריקייטן און אַנשטרענגונגען ביי דער אויסשפּראַך. דער אויבערשטער געזעץ פון יידישן ווילקלאַנג איז ניט דער פולקלאַנג פון די ווערטער, נאָר די געשווינדקייט פון דער אויסשפּראַך. 2) יידיש באַטאָנט תמיד דעם לאָגיש־וויכטיקסטן טראַף („זילבע", — איך באַנוץ ה' טשעמערינסקיס געלונגענעם אויסדרוק „טראַף") פון וואָרט, ד. ה. על פי רוב דעם שורש, זעלטענער — דעם פאָרוואָרט, וואָס באַשטימט די באַטייטונג („אונטערוואַרפן, איבערזעצן")؛ 3) די ווייניקער וויכטיקע טראַפן, ד. ה. די ניט באַטאָנטע (אָנעם אַקצענט) ווערן, כדי גרינגער זיי אַרויסצורעדן, פאַרטונקלט. פון די אַזוי גערופענע וואָקאַלן איז „אוּ" דער נידעריקסטער לויט זיין טאָן, ווייטער גייט אַ ביסל העכער „אָ", דערנאָך „אַ" און „ע" (דאָס רוסישע פוילישע נאָך העכער איז „ע", און דער העכסטער קלאַנג איז ; (כלי־זמר רופן אים אָן „קאָפּ־קלאַנג"). אַז איך רעד אַרויס „אַ" אָדער „ע" בלייבט דער רוקן פון דער צונג כמעט פּאַראַלעל צום גומען, און די גאָרגל־קאָפּ איז

מיטלמעסיק געעפֿנט. דאָס איז די גרינגסטע עפֿענונג פון די שפּראַך־אברים. דעריבער זיינען די מיטלסטע טענער — „אַ” און „ע” די גרינגסטע פאַר דער אויס־שפּראַך; בפרט אָבער פאַר אַ יידן, וואָס רעדט דאָך געוויינטלעך זינגעוודיקער־הייט, איז במילא גרינגער אַרויסצוזינגען די מיטלסטע טענער „אַ”, און „ע”, איידער די אונטערשטע און אויבערשטע.

דערפון נעמט זיך דער וויכטיקער פאַרטונקלונגס־געזעץ אין דער יידישער פֿאָנעטיק. אין אַלע אמת־יידישע ווערטער, וואָס ווערן שוין פון אַלטע צייטן געברויכט ביים פֿאָלק, זיינען אַלע ניט־באַטאָנטע וואָקאַלן פאַרטונקלט געוואָרן. די ערשטע פאַרטונקלונגס־מדרגה איז — אין „אַ”; אַזוי ווערן פאַרטונקלט על פּי רוב די ערשטע טראַפן פון וואָרט („פאַר־, באַ־, פאַנאַנדער־, אַ־, אַנט־”) און די וואָקאַלן פאַרן „כ”, ווייל דער „כ” ווערט אין יידיש אויסגעשפּראָכן ניט מיטן האַרטן און אויך ניט מיטן ווייכן גומען, נאָר מיטן גאָרגל, איז ממילא גרינגער אים אויסצורעדן מיטן ריינעם גאָרגל־טאָן „אַ”: „־לאַך” א.א.וו. אַלע איבעריקע אומבאַטאָנטע וואָקאַלן ווערן פאַרטונקלט אין „ע” (צווייטע פאַרטונקלונגס־מדרגה), אָבער ניט אַלע גלייך, אַזוי אַז „ע” קלינגט אַ מאָל נענטער צו „אַ” און אַ מאָל צו „ע” אָדער צו „או”, בלייבן בלייבט אָבער דער קלאַנג אין תוך אַריין אַן „ע” (רוסיש ы, פּויליש v.) אָט זיינען ביישפּילן פון די ערשטע צוויי פאַרטונקלונגס־מדרגות: 1) „פאַרריכטן” פון „פערריכטען”, „באַגראָבן פון „בעגראָבן”, „אַנטלויפן”, „אַוועק” פון „הינוועק” („ענוועק”), „אַרויס”, „אַהיים”, „אַ יאָר” פון „איין יאָר”; פאַר אַ „כ”: „פריילאַך”, „נעבאַך” פון „ניעבאָהאַ”, „פאַרטאַך” פון „פאַרטוך”, „לעקאַך” פון „לעקקיך”, „רעטאַך” פון „רעטטיך”, „מיילאַך” פון „מלך”, „מימאָנעשאַך” פון „ממה נפשך”; 2) „אַרבעטער” פון „אַרבייטער”, „טינטער” פון „טינטהאָרן”, „קימפּעט” פון „קינדבעט”, „באָרוועס” פון „באַרוואָז” — „פאַלמעסן” פון „באַלזאַמירען”, „ענטפער” פון „אַנטוואורט”, „באַרמענען” פון „בר־מינן”, ”צעלאָכעס” פון „צו להכעיס”, „קרישמע” פון „קריאת שמע”, „צאָרעס” פון „צרות”, „לאָפּעטע” פון „לאָפּאַטאַ”, „וועדלעק” פון „וועדלוג”.

ס'איז פאַראַן נאָך אַ דריטע פאַרטונקלונגס־מדרגה, ווו דער וואָקאַל פאַלט לחלוטין אַרויס. דאָס טרעפט, ערשטנס, אין פיל אמת־יידישע ווערטער, ווי, למשל, „קרישמע” (קריאת שמע), „ברויז” פון „ברוי־הויז”, „הענטשקע” פון „האַנטשואַך”, אָבער תמיד האַרט, ווו דער סופיקס פון וואָרט באַשטייט פון די „ליקווידע” האַלב־אָפענע טענטער „ל” און „נ”. אין יידיש זיינען „ל” און „נ” טראַף־בילדנדיקע (”זילבענבילדענדע” בלע”ז) טענער, און פאַר זיי פאַלן דעריבער אַרויס די איבעריקע ניט באַטאָנטע אָפענע טענער (”וואָקאַלן”); למשל: „זאָגן” און ניט ”זאַגען”, „קעפל” און ניט ”קעפּעל” (די טראַפן זיינען: זאָ+גן, קע+פל), „וואָלוול” פון ”וואָלפייל”, „בראָנפן” פון

„בראַנטווייך", „בוימל" פון „בוימאייל", „פּערצן" פון „פּערצעהן", „כעשבן" פון „חשבון".

דער „ל" איז אָבער ניט טראַף־בילדנדיק נאָך אַ „נ" און נאָך אַ „ל"; דער „נ" איז ניט טראַף־בילדנדיק נאָך די פאָלגנדע קלאַנגען: נ, מ, נק, נג, און נאָך אַ „ל" מיט אַ פאָרויסגייענדיקן ניט־אָפענעם קלאַנג („קל", „גל", „טל", „דל", א. א. וו.): „קערנדל" פון קערנעל", „שטילעכל" פון „שטילעל", „וויינען" און ניט „וויינן", „ראַמען" און ניט „ראמן", „בענקען" און ניט „בענקן", „קלינגען" און ניט „קלינגן", „וויקלען", „מאָזלען" א.א.וו.

חוץ דעם, איז דער „נ" ניט טראַף־בילדנדיק אין יענע פּעלים, וואָס נעמען זיך פון העברעיש אָדער סלאַוויש: „ספק'ען", אכל'ען", „גנב'ען", בלאָנדזשען, סאָפּען א. דגל. פאַראַן אויך עטלעכע אויסנאַמען: „כאַפּן", „פּועלן".

לויט אָטאָ די פאָנעטישע כּללים שרייב איך אַלע אמת יידישע ווערטער. אויך די נעאָלאָגיזמען סטאַרע איך זיך, ביים שרייבן, ווי ווייט מעגלעך צו יידישן, אָבער דאָ מוז איך זיך אָפּט מאָל אָפּהאַלטן, כּדי ס'זאָל ניט אויסקומען אומפאַרשטענדלעך. בכלל נעם איך די ווערטער אַזוי, ווי זיי ווערן אַרויסגערעדט פון פאָלק, און ניט פון די אינטעליגענטן. דערפאַר שרייב איך „קיניג", „מיגלעך", „האַנט", „טויזנט", „ווינט", „טאָפּלט", „באַטייטונג" „בריוו"; דאָרט ווו דער פאָלק האָט געמוזט צוליב דער עקאָנאָמיע פון שפּראַך־קרעפטן געברויכן אַ צונויפגעזעצטן עקספּלאָזיוו־קלאַנג אַנשטאָט אַן אָטעם־קלאַנג (ספּיראַנט), שרייב איך דעם עקספּלאָזיוו־קלאַנג; „מענטש" ניט „מענש", „בענטשן" ניט „בענשען", „אונדז" ניט „אונז", „האַלדז" ניט „האַלז", „פענצטער" ניט „פענסטער" א. דגל. ווו דער פאָלק זאָגט אַרויס קלאָר דעם קאָפּ־טאָן „יי" (ji), ווועלכער טאָר ניט פאַרטונקלט ווערן, ווייל ער בלייבט תּמיד באַטאָנט, שרייב איך „יי": „ייך", „יים", „ייר", „ייד", „יידיש", „ייִנגל". אין יענע ווערטער, צוריק, וואָס ווערן יאָ פאַרטונקלט, אויב זיי ווערן געברויכט פּראָקליטיש, שרייב איך „אי": „אין", „איז", „איצט", „איבער".

יידיש האָט אָפּט מאָל באַהאַלטן דעם „סוואַראַבהאַקטי־וואָקאַל", וואָס דינט צו פונאַנדערטיילן צוויי ניט־טראַף־בילדנדיקע קלאַנגען אין דייטש: דער קלאַנג איז אויך געבליבן אין פיל דייטשע דיאַלעקטן, שרייב איך אים, ווי דער פאָלק רעדט ארויס, ד. ה. „אַ" אָדער „ע". „אָרעם" ניט „אַרם", „וואַרעם" ניט „וואַרם", „פינעף" ניט פינף", „עלעף" ניט „עלף", „נאַהען" פון „גיאון" (9), „צעהען" ניט „צעהן", „מילאַך" ניט „מילך", „קאַלאַך" ניט „קאַלך", „וועלאַכער" ניט „וועלכער". אַן אויסנאַם מאַך איך פאַר יענע ווערטער, וואָס דעם אינטעליגענט האָט זיך דערווייל אײַנגעגעבן שטאַרק קאַליע צו מאַכן: „האָפנונג" (מע דאַרף „האָפענונג"), „באַדערפניש" (מע דאַרף „באַדערפעניש"). אַזוינע פּשרות מאַך איך

נאָך אין פאָלגנדע פאַלן: דאָרט ווו דער פאָלק רעדט אַרויס גאָר אַנדערש, איידער מע שרייבט: דער פאָלק זאָגט, למשל, „קעריק", שרייבן שרייבט מען אָבער „צוריק"; מוז מען שוין דערווייל שרייבן אַזוי. אויך דעם נאָזאַלירטן „נק", „נג" שרייב איך ווי געוויינטלעך.

דערפאַר אָבער האָב איך די העזה צו שרייבן: „פאַרשיידן", „געוויינטלעך", „דאַפן" (ניט „דאַרפן"), „מע" ניט "מען" און ניט „מ", פאַרקערט „ס", ווייל ס'ווערט אָפט אַרויסגערעדט „ס"); קיין צוויי גלייכע אותיות שרייב איך ניט: דערפאַר — „אייביקייט", „ער אַרבעט" (ניט „אַרבייטט" אָדער „אַרבייטעט").

ביי דער אָרטאָגראַפישער רעפאָרם מוז מען נאָך האָבן אין זינען אַט די מאָמענטן: 1) אַז די שרייבונג דאַרף ניט צו שטאַרק כותר זיין די עטימאָלאָגישע באַטייטונג פונעם וואָרט. למשל, זאָגן זאָגט מען „טיילוויס", „איינציקוויס", — אַזוי ווי אָבער דער תואר דערפון קלינגט „טיילווייזער", שרייב איך מיט אַ „ז". 2) אַז יידיש ווערט געלייענט אין פאַרשיידענע קאַנטן פאַרשיידן, און דער ליטווישער יסוד דאַרף ניט צו שטאַרק סותר זיין די פוילישע אָדער וואָלינישע אויסשפּראַך. אַזוי לייענט דער פוילישער ייד צוויי „יי" נאָך אַ קאָנסאָנאַנט תמיד ווי "איי" אָדער „אַאַ". דעריבער דאַרף מען שרייבן ניט „ביינקען", נאָר „בענקען": אַניט וועט דער פוילישער ייד לייענען „באַנקען" און קען האָבן אַ טעות אין פשט.

1913

די ביבליאָטעק פונעם יידישן פילאָלאָג

פיר הונדערט יאָר יידישע שפּראַך־פאָרשונג

די מחברים, וואָס זייערע שריפטן ברענגען מיר דאָ, קאָן מען צעטיילן אויף אַ פּאָר גרופּן.

1) קריסטלעכע געלערנטע פון XVI—XVIII יאָרהונדערט, וואָס האָבן זיך ערנסט אינטערעסירט מיט יידיש צוליב גאַנץ פאַרשיידענע טעמים. די הומאַניסטן פון XVI יאָרהונדערט, צו וועלכע מ׳מעג נאָך צורעכענען דעם אָריענטאַליסט יאָהאַן בוקסטאָרף (דעם פאָטער), האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן שטודיום פון דער העברעישער און אַראַמעישער שפּראַך (דער דאָזיקער שטודיום איז דעמאָלט געווען אַ שטאַרקע באַדערפעניש ביי דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ), און כדי זיך בעסער צו פארטיפן אין דער רבנישער ליטעראַטור, האָבן זיי זיך אינטערעסירט אויך מיט יידיש. פון אַ זייער ענלעכן שטאַנדפּונקט זיינען צוגעגאַנגען צו יידיש אויך די בעסערע שרייבער פון XVIII יאָרהונדערט, און ספּעציעל די גרויסע ביבליאָגראַפן (באַרטאָלאָטשי וואָלף, קעכער); ווייטער, די מיסיאָנערן און טעאָלאָגן האָבן באַטראַכט די יידישע פאָלקס־שפּראַך ווי אַ מיטל זיך צונויפצורייזן מיט די יידישע מאַסן, כדי צו פאַרשפּרייטן צווישן זיי דעם קריסטלעכן גלויבן. אַ באַזונדער שטאַנדפּונקט פאַרנעמען צוויי קריסטלעכע געלערנטע, וואַגענזייל און שודט: דער ערשטער אינטערעסירט זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור און פאָלקלאָר, ווי אַ פילאָלאָג מיט אַ פיינעם חוש, און דער צווייטער צאַצקעט זיך מיט יידיש, ווי מיט אַן אינטערעסאַנטן קוריאָז צווישן פיל אַנדערע טשיקאַווע „יידישע מערקווירדיקייטן“, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין דער פראַנקפורטער ביבליאָטעק.

2) יידישע געלערנטע פון דער זעלביקער צייט (XVI—XVIII יאָרה.), וואָס האָבן צו יידיש גופא קיין שום אינטערעס ניט געהאַט, נאָר כדי צו דערלייכטערן דעם פּראָסטן המון אָדער די מלמדים דעם שטודיום פון תנ״ך, גמרא און ד. גל., פלעגן זיי אַן אַנדערש מאָל שרייבן יידישע ווערטערביכער און לערנביכער.

3) שונד־„לינגוויסטן“, על פּי רוב משומדים אָדער גלאַט שמוציקע יודאָ־פאָבן, וואָס פלעגן צונויפשטופּעווען „לערנביכער“, „גראַמאַטיקעס“ און „ווערטער־ביכער“ פון יידיש. דער „יידיש“ זייערער איז פּונקט אַזוי עם־הארציש און גראָב, ווי זיי אַליין און ווי דער יודאָפאָבישער דייטשער עולם, פאַר וועלכן זיי האָבן געשריבן. דערביי פלעגט איין „מחבר“ גנבען ביים צווייטן.

די דאָזיקע „ליטעראַטור“ הייבט זיך אָן און וואַקסט זיך מוראדיק פונאַנדער

אינעם XVIII יאָרהונדערט. אָבער אויך אין XIX יאָרה., און אַפילו אין אונדזערע טעג איז זי נאָך ניט אויסגעשטאָרבן אין גאַנצן.

4) ליבעראַלע קריסטלעכע פאָרשער אינעם XIX יאָרהונדערט. על פי רוב שעצן זיי יידיש ווי אַ דייטשן דיאַלעקט, וואָס „פאַרשפּרייט די דייטשע קולטור אין די סלאַווישע לענדער". אָן אַ זייט שטייען אָבער דערביי די בעסטע פון אָט די פאָרשער — רעע, אַווע־לאַלעמאַן און אנדערע.

5) אַסימילירטע יידן, וואָס גייען צו צו יידיש, ווי צו אַ פאַרדאָרבענעם דייטשן דיאַלעקט, וואָס זיי באַטראַכטן פון אַ ריין־לינגוויסטישן שטאַנדפּונקט.

6) מחברים פונעם נייעם יידישן דור, וואָס פאַרשטייען דעם קולטורעלן אָדער לפחות דעם בילדונגס־ווערט פון דער יידישער שפּראַך און שטרעבן זי קולטורעל צו אַנטוויקלען. ביז דער לעצטער צייט האָבן מיר געהאַט אַ יידישע לינגוויסטיק, און אַ גאַנץ אָרעמע דערצו; איצט הייבט אָן צו באַווייזן זיך אַ יידישע פילאָלאָגיע אינעם ברייטן נאַציאָנאַל־קולטורעלן זינען פון דעם וואָרט. ביז איצט איז יידיש געווען אַן ענין פאַר פאָרשונג, פאַר פובליציסטיק און פאַר שונד־שרייבעכץ; אַצינד, מיט דעם אויסוואַקסן פון דער נאַציאָנאַלער פילאָלאָגיע, זעען מיר שוין אויך די ערשטע פּרוּוון צו מאַכן יידיש פאַר אַ לימוד פון פאָלק און מיר האָבן שוין אַ קליינע ביבליאָטעק פון פּאָפּולאַריזאַציעס, לערנביכער פאַרן פאָלק. די לערנביכער גיב איך אָפּ אַ באַזונדער פּרק.

צייכנס און פאַרקירצונגען

יענע שריפטן, וואָס איך האָב אַליין ניט געזען, באַצייכן איך מיט אַ שטערנדל און אין עקיקע קלאַמערן ברענג איך דערביי יענע קוואַלן, פון וועלכע איך נעם אַרויס די ידיעה.

אַ פראַגע־צייכן באַטייט, אַז, מחמת איך האָב ניט דעם ווערק אונטער דער האַנט, קאָן איך ניט ערב זיין פאַר יענע איינצלקייטן (ווי צאָל זייטן א. ד. גל.), ביי וועלכע דער פראַגע־צייכן שטייט.

מיט פעטן דרוק ווערן אָנגעגעבן שריפטן, וואָס האָבן אַ באַזונדער הויכן ווערט, סיי מחמת זייער ערנסטקייט אָדער וויסנשאַפטלעכקייט, סיי ווייל זיי זענען דערווייל די איינציקע אין זייער פּרט, אָרט.

דרייפּונקט באַטייט, אַז איך קירץ דעם קעפּל, מחמת ער איז צו לאַנג. טאָפּלפּונקט: טיילט אָפּ דעם נאָמען פון אַן אַרטיקל און דעם נאָמען פון יענער צייטשריפט (אָדער יאָרבוך אָדער זאַמלונג) ווו דער אַרטיקל איז געדרוקט געוואָרן.

רוימישע ציפערן באַטייטן דעם באַנד (אָדער דעם יאָרגאַנג פון אַ צייטשריפט),

די אַראַבישע ציפערן — יענע זייט, פון וועלכער דער געגעבענער אַרטיקל (אָדער די אונדז אינטערעסירנדע שטעלן) הייבט זיך אָן.

נאָכן נאָמען פון אַ צייטשריפט ווערט איר רעדאַקטאָר אָדער אַרויסגעבער געשטעלט אין קלאַמערן.

אַזוינע קירצונגען ווי N. Y., Lond, Lpz., Fr. M. (שטעט) וועלן אַלעמען זיין פאַרשטענדלעך.

ווו איך גיב אָן אין עקיקע קלאַמערן אַ № געהערט עס צו דער פאָרליגנדער ביבליאָגראַפיע. למשל (594 II, 29 №) באַטייט: Wolf, Bibliotheca Hebraea, II, זייט 594.

אויב דער נאָמען פונעם מחבר, די שטאָט אָדער דער יאָר שטייען אין קיילעכדיקע קלאַמערן, הייסט דאָס, אַז זיי זיינען באַקאַנט, אָבער ניט פונעם שער־בלאַט.

די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע איז אָבער פאָר קיין פאַל ניט פולשטענדיק. און איך רעכן אויף געוויס, אַז חוץ די דאָ געבראַכטע שריפטן, געפינען זיך אין פאַרשיידענע קוואַלן כמעט נאָך אַ מאָל אַזוי פיל, וואָס זיינען מיר אָבער ניט באַקאַנט.

א. פרימיטיווע פילאָלאָגישע שריפטן

I. קריסטלעכע געלערנטע

1) לינגוויסטישע ווערק (פון XVI ביז XVIII יאָרהונד.)

* 1. Johannes Boeschenstein בשם ארבע אותיות Elementale intraduktorium in hebraeas literas teutonice et hebraice legendas, Augustae (id e. Augsburg (ב. ב. 1514. [Geiger, Studium hebr. Sprache, 51].

ס'איז אַ סברה, אַז בעשענשטיין איז געווען אַ משומד הגם ער אליין האָט דאָס ענערגיש אָפּגעלייקנט. אין זיין ביכל געפינט זיך, חוץ אַנדערע זאַכן אויך אַ קורצע אָנווייזונג, ווי צו לייענען און שרייבן יידיש־טייטש. דאָס ביכל איז שווער צו קריגן; גייגער האָט עס געזען אין דער היידלבערגער ביבליאָטעק.

2. Sebastianus Munsterus, Dictionarium hebraicum..., (Basel) 1523.

דאָס בוך טראָגט אויך אַ העברעיש קעפּל: „ערוך השורשות" (sic).

אין דעם דאָזיקן ווערטערבוך פאַרטייטשט מינסטער (איינער פון די גרעסטע הומאַניסטן) אייניקע העברעיִשע און אַראַמעיִשע ווערטער אויף יידיש־טייטש. — א. שולמאַן (עמקי שפה: השלח 1898) זאָגט, אַז מינסטער האָט אָפּגעגעבן דער יידיש־טייטשער שפּראַך אַ באַזונדער קאַפּיטל אין זיין „מלאכת הדקדוק" — ...Opus grammatikum. דאָס איז ניט ריכטיק. אין דעם ווערק מינסטערס האָב איך ניט געפונען קיין שום שפּור פון יידיש־טייטש.

* 3. Paulus Fagius, Compendiaria Isagoge in linguam hebraeam, Constantiae 1543 [Geiger, Studium 73 ; Wolf, Bibl. Hebr. II 594; Grünbaum, J.-D. Chrestom, 555 f.].

ס'איז אַ סברא, אַז פאַגיוס איז אויך געווען אַ משומד. זיין ביכל ברענגט אויך כללים פונעם יידיש־טייטשן לייענען און שרייבן.

* 4. Michael Adam, Institutio brevis legendi Jud.-Germ., Zürich 1546 [Steinschneider, Geschichtslit. der Juden 30 f.].

דאָס איז אַ ביילאַגע צו מיכאל אַדמס יידיש־טייטשער איבערזעצונג פון „יוסיפון״. מיכאל אדם איז געווען אַ משומד, און ס׳איז אַ גרויסע סברא אַז ער און פּוילוס פאַגיוס זיינען איין און די זעלביקע פּערזאָן. דאָס ביכל איז איצט זייער שווער צו קריגן.

* 5. Elias Schade, Misterium, d. i. Geheimniss St. Pauli Röm. II von Bekehrung der Juden... Sodann auch e. gewisser Bericht Von der Juden Teutsch-Hebreischer Schrifft, Strassburg 1592 [Wolf, Bibl. Hebr. II 594, 1070; Fürst, Bibl. Jud. III, 257].

דער מחבר איז אַ מיסיאָנער.

6. JOHANNES BUXTORFIUS, Thesaurus Grammatikus linguae sanctae, Basel 1609; ed. 5-ta ibid. 1651, ed. 6-ta 1663, pp. 639-669.

אין דער הוספה צו דעם פונדאַמענטאַלן ווערק וועגן דער העברעישער גראַמאַטיק גיט בוקסטאָרף אַ קורצן גראַמאַטיש־פילאָלאָגישן קאַפּיטל וועגן יידיש־טייטש מיט אַ קליינער ביבליאָגראַפיע און כרעסטאָמאַטיע:

LECTIONIS HEBRAEO-GERMANICAE USUS ET EXERCITATIO.

בוקסטאָרף איז דער אייגנטלעכער פאָטער פון דער יידיש־טייטשער לינגוויסטיק. אָבער זיין באַגריף וועגן יידיש איז נאָך זייער נאַיוו; ער מיינט, אַז נאָר דער בלינדער פאַנאַטיזם פון די יידן צווינגט זיי אַריינצומישן אין דייטש העברעישע ווערטער און צו פאַרדאַרבן די באַטייטונג פון די דייטשע ווערטער:

“Adeo Hebraismi tenaces sunt, ut Germanismum obscurent; adeo in externa ac literali dictione servanda superstitiose haerent, ut sensum quandoque nullum, quandoque obscurum, quandoque insipidumt relinquant”.

אינטערעסאַנט איז, וואָס שוין אין יענע צייטן (אַרום יאָר 1609!) פלעגן די אַ ביסל מער אינטעליגענטע יידן שטרעבן צוצופּאַסן יידיש צו די ריינע דייטשע אויסדרוקן:

“Quicunque tamen nunc paulo accuratius edocti sunt, elegantioribus et clarioribus versionibus student, ac ad linguae Germanicae proprietatem se accommodant”.

בוקסטאָרף ברענגט יענע שריפט, מיט וועלכער מע פלעגט דענסטמאָל דרוקן יידיש־טייטשע ספרים; די דאָזיקע שריפט האָט געטראָגן דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען „ווייבער־טייטש״, אַנדערש האָט זי געהייסן אויך „משקיט״, וועלכן נאָמען ס׳איז שווער צו דערקלערן. אויף די זייטן 641—643 רעכנט אויס בוקסטאָרף 20 יידיש־טייטשע ספרים (געדרוקטע), וואָס ער אַליין האָט געזען, און ווייטער ברענגט ער אייניקע שטעלן פון אָט די ספרים.

* 7. Andreas Sennert, Rabbinismus h. e. praecepta Targumico-talmudico-rabbinica... Wittenberg 1666 [Wolf, Bibl. Heb. II 594; Fürst, Bibl. Jud. III, 312].

אויף די ז״ז 2 און 63 רעדט זענערט אַרום די יידיש־טייטשע שריפט. ער איז אַ מיסיאָנער און לינגוויסט.

8. August Pfeiffer, Kritika sacra..., Dresden 1680; ed. 2-da 1688; ed. 4-ta Lpz. 1702; ed. 5-ta 1712.

פפייפער איז אַ טעאָלאָג. דער XV קאַפּיטל פון זיין ווערק טראָגט דעם נאָמען:

De lectione Ebraeo-Germanica.

* 9. Ammersbach, ABC-Buch, auch Anweisung die rabbinischen teutschen Bücher und Briefe ohne Puncte zu lesen, Magdeburg 1689 [Wolf, Bibl. Hebr. II 594; Landau, Bibliogr. des Jüd.-D.].

אַמערסבאַך ברענגט פיר אַלף־ביתן פון פאַרשיידענע שפּראַכן, און אויף דער ז. 29 פ. אויך דעם יידישן „ווייבער־טייטש״.

* 10. Christian Moller, Anweisung zum lesen des Jüdischdeutschen [Wolf, 1. c. II 459, IV 204 sq. Soeze, Verzeichniss, 268] Fr. a. M. 1700.

דאָס איז אַ הוספה צו מאָלערס יידיש־טייטשער איבערזעצונג פון ברית חדשה, וואָס איז ארויס אין פראַנקפורטביים מיין אין יאָר 1700. מאָלער איז אַ מיסיאָנער, און לויט ווי וואָלף דערציילט, האָבן די יידן, ווו נאָר מעגלעך, געזוכט דעם בוך צו קריגן און צו פאַרניכטן. דעריבער איז שוין אין וואָלפס צייט דער בוך געווען אַ יקר המציאות.

* 11. Joachim Fr. Schmidt, Manuductio grammaticalis ad linguam ebraicam..., Frankf. a. Oder 1708 [Fürst, 1. c. III, 279].

צו דער שריפט איז צוגעגעבן אַ הוספה:

Ratio legendi hebraeo-germanice.

* 12. Johann Michel Koch, Brevis Manuductio ad lectionen scriptorum Judaeorum Germanicorum, Fr. a. M. 1709 [Wolf, 1. c., II 594; Schudt, Jüd. Merkw. II 284].

דאָס איז אַ קליין ביכל פון איין דרוק־בויגן. שודט לויבט עס זייער, ווי אויך כריזאַנדער (Unterricht vom Nutzen...). אָבער פון די שפּעטערדיקע ביבליאָגראַפן האָט זי קיינער ניט געזען. דער מחבר איז אַ סטודענט פון טעאָלאָגיע.

13. Caspar Calvör, Gloria Christi, Beweisthum der Warheit christlicher Religion..., Lpz. 1710.

צום סוף האָט דער בוך אַ קורצע

Anleitung wie das Jüdisch-Teutsche zu lesen.

* 14. Philipp Nicodim Lebrecht, ראש פנה ,Eckstein des wahren christlichen Glaubens, Dresden 1719. [Wolf, 1. c. II 594, 1011].

דער בוך איז אַרויס אין יידיש און אין דייטש. צום סוף פון דער דייטשער אויסגאַבע איז צוגעגעבן אַ קורצע וויזונג, ווי צו לייענען און שרייבן יידיש. דער מחבר איז אַ משומד.

* 15. Gustav Christian Christoph, יסוד אמונת משיח Das auf Mose und Propheten gegründete Christenthum, Berlin 1719 [Wolf, 1. c. II 594 et 1605].

צום סוף ביכל איז צוגעגעבן, ווי צו לייענען און שרייבן יידיש. דער מחבר איז אַ משומד, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ שמוציקער שונד־שרייבער.

* 16. R. Springer, de Judaeorum Germanorum literis et lingua.

דאָס איז אַ כתב־יד; ער ווערט דערמאָנט ביי וואָלף ב. II ז. 594.

* 17. J. H. CALLENBERG, KURTZE ANLEITUNG ZUR JUDISCHDEUTSCHEN SPRACHE, Halle 1733 (1/2 Bogen). 2 Aufl. 1738. 3 Aufl. 1749 [Avè-Lallemant, Das deutsche Gaunerthum III 221; Vater, Lit. d. Gram., 193].

18. (דער זעלבער) JÜDISCHTEUTSCHES WORTERBUCHLEIN..., Halle 1736, 200 s.

קאַלענבערג, אַ פּראָפעסאָר אין האַלע, איז אַ גאַנץ ערנסטער געלערנטער, נאָר מיט ווייניק טאַלאַנט. אין יאָר 1728 האָט ער געגרינדעט אין האַלע אַ „יידישן אינסטיטוט״ פאַר קריסטלעכע סטודענטן צו לערנען העברעיש און יידיש. זיין ווערטערביכל איז נאָך לעוויטאַס (זע אונטן נ' 80) די ערשטע פּראָבע פון דעם מין; ברענגט אָבער נאָר די העברעיש־אַראַמעישע ווערטער פון יידיש־טייטש.

* 19. E. C. F. Oppenheimer, Hodejus Ebraeo-Rabbinicus, Kurze u. deutliche Anweisung, wie... die... Bücher und Briefe, Contracte, Handschriften, Wechselzettel usw. des heutigen Judenteutsch zu lesen und zu verstehen, Lpz. 1731 [Avé-Lallemant, 1. c., III 242].

שוין מיט פופציק יאָר צוריק האָט אווע־לאַלעמאַן ניט געקאָנט קריגן דעם ביכל.

* 20. J. W. CHRYSANDER, JUDISCH-TEUTSCHE GRAMMATIK... Lpz. u. Wolfenbüttel, 1750, 6 Blätter [Avé-Lallemant III 222; Saineanu, Studiu dialectol. 20; Vater, 1. c. 193].

21. (דער זעלבער) UNTERRICHT VOM NUTZEN DES JUDEN-TEUTSCHEN... Wolfenbüttel, 1750 [Avé-Lall. III 49, 222: Saineanu 1. c.].

ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס כריזאַנדערס ביכער איז איצט אַזוי שווער צו קריגן. שוין מיט פופציק יאָר צוריק זיינען זיי געווען יקרי המציאות, און אַווע־לאַלעמאַן האָט מחמת דעם געפונען פאַר נייטיק צו ברענגען לאַנגע ציטאַטן פון כריזאַנדערס ווערק. די ציטאַטן באַווייזן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ גאָר ערנסטן און טאַלאַנטפולן פאָרשער.

* 22. J. A. Gottfried, Anweisung zum Jüdisch-Teutschen, Tübingen 1755, 16 s. [Köcher, Nova bibl. Hebr., II 137].

* 23. Gottfried Selig, Kurze und gründliche Anleitung zu einer leichten Erlernung der jüdischdeutschen Sprache, Lpz. 1767, [Avé Lallemant III 226].

24. (דער זעלבער) LECTOR PUBLICUS, LEHRBUCH ZUR GRÜNDLICHEN ERLERNUNG DER JÜDISCH-DEUTSCHEN SPRACHE... mit einem vollständigen jüdischdeutschen Wörterbuch, Lpz. 1792.

זעליג איז אַ משומד, אָבער פון די פיל משומדים, וואָס האָבן אין XVIII יאָרהונדערט געשריבן יידישע לערנביכער, איז ער דער איינציקער גוטער קענער פון יידיש און העברעיש. פון דעסטוועגן געפינט זיך אין זיין ווערטערבוך (וועלכער ברענגט נאָר די העברעיש־אַראַמעישע ווערטער און ראשי־תיבות פון יידישע) אויך אַ סך גרייזן און דרוקפעלערן.

2) ליטעראַטור־געשיכטלעכע ווערק, כרעסטאָמאַטיעס און ביבליאָגראַפישע ווערק פון XVI ביז XVIII יאָרהונדערט

25. JULIUS BARTOLLOCCIUS, קרית ספר BIBLIOTHECA MAGNA RABBINICA... 4 vol., Romae 1675-1693.

דער ריזיקער ווערק פונעם מאָנאַך דזשוליאָ באַרטאָלאָטשי (פיר בענד צו 700—1000 זייטן אין יעדן) איז אַ גענויע ביבליאָגראַפיע פון טויזנטער העברעישע און אויך יידישע ספרים, וואָס דער געלערנטער האָט אויסגעפאָרשט מיט אַ וואונדערבאַרן פלייס. דער בוך איז געשריבן גלייכצייטיק אין לאַטיין און אין העברעיש. די ביכער גייען דאָרט נאָכן אַלף־בית פון די מחברים, און די אַנאָנימע ביכער ווערן געבראַכט אונטער דער רובריק: פ'א — פלוני אלמוני.

26. JOHANN CHRISTOF WAGENSEIL, BELEHRUNG DER JÜDISCH-TEUTSCHEN RED-UND SCHREIBART... Königsberg 1699; 2-te Aufl. Fr. a. M., 3-te Aufl. Fr. a. M. 1737.

דער מחבר איז, פון איין זייט, אַ גוטער קענער פון פאָלקלאָר בכלל (ער איז איינער פון די ערשטע דייטשע פאָלקלאָריסטן) און, פון דער אנדערער זייט, אַ גרויסער בקי אין העברעיש, אין די יידישע דינים און מנהגים, און אויסגעצייכנטער קענער פונעם יידישן לעבן און דערצו נאָך אַ לינגוויסט און ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור. ער איז דער ערשטער, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיטן יידישן פאָלקס־שאַפן. זייענדיק, לערך צו זיין צייט, אַ גרויסער פריידענקער, איז ער אויך געווען אַן אוהב ישראל, האָט אין זיינע שריפטן פיל געקעמפט מיט די פאָראורטיילן קעגן די יידן. אַזוי האָט ער, למשל, אין אַ באַזונדער שריפט אָנגערופן דעם בלוט־בלבול „דער שאַנד־ליגן". אָבער קיין העלד איז ער ניט געווען און צו ליידן פאַר זיינע איבערצייגונגען האָט ער ניט געהאַט קיין מוט; דערפאַר, אַז דער פּרייסישער קעניג האָט אונטערגעשטיצט אייזענמענגערס יידנפרעסערישע אַגיטאַציע, האָט וואַגענזייל, שוין אין דעם עלטער פון 70 יאָר, מורא באַקומען פאַר זיין פּרייזיניקייט און איז פּלוצלינג אַרויס קעגן יידן מיט אַ געקינסטלט־שאַרפן פאַמפלעט (Denunciatio Christiana"..., 1703"). דאָס האָט אים פארשאַפט אַ גאַנץ אומריכטיקן שם פון אַ יודאָפאָב. אויך אין זיין ווערק וועגן דער יידישער שפּראַך איז די לאַנגע הקדמה ("Fürtrag") אומישנע צונויפגעשטעלט געוואָרן אַזוי, אַז זי הייבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס מיט יודאָפאָבישע סענטענציעס, און פאַרקערט, אין מיטן געפינט זיך אַ לאַנגע התנצלות פאַר יידן בכלל און פאַר דער יידישער ליטעראַטור בפרט. אָבער וועלנדיק אָפּנאַרן די שטרענגע פינצטערע יודאָפאָבישע צענזור פון יענער צייט, האָט וואַגענזייל אויך אריינגע־בראַכט אין טעות אונדזערע ביבליאָגראַפן, און דערפאַר זאָגן אַוועלאַלעמאַן, שאַינעאַנו, אלעזר שולמאַן אין איין קול, אַז וואַגענזייל איז נאַיוו, אַז ער איז אַ יודאָפאָב, האָט פיינט די יידישע שפּראַך וכדומה. כדי צו באַווייזן וואַגענזיילס ריכטיקע באַציונג צו יידיש, ציטיר איך פונעם מיטן פון זיין ווערק:

(Fürtrag, Blatt H[1]) in solchem (jüdisch-teutschem) Dialecto, sind sehr viel Historien-Bücher (מעשות) gedruckt/ welche sowol wahre als erdichtete Geschichte enthalten/ und haben bevorab die letzteren /eine sonderbare Anmuth allermassen dann die Juden zu allen Zeiten/ in Apologis, Gleichnussen/ Rätzeln/ und lehrreichen Fabeln/ vor andere Nationen/ Maister gewesen... Können also die Sorgen/ schwere Gedanken und Traurigkeiten/ mit nichts besser/ als denen Jüdischen Teutschen Büchern/ vertrieben werden/... die einem so wol eingehen/ dasz man deren nit leicht vergessen kan; welches mit anderer Völcker Erzehlungen und Mythologiis nit so beschaffen".

וואַגענזיילס גראַמאַטישע באַמערקונגען זיינען ניט אינטערעסאַנט; זיי חזרן איבער בוקסטאָרפס כללים. דערפאַר איז אָבער וואַגענזיילס כרעסטאָמאַטיע אויסגעצייכנט: זי ברענגט עטלעכע גרויסע יידישע לידער (צווישן זיי די ווינץ־ליד), אַ יידישן ראָמאַן (אַיין שין מעשה פון קיניג אַרטוש האָף), אַ מוסר ספר און עטלעכע מעשיות.

27. (דער זעלבער) Mose Rabbi Stendels nach Jüdisch-Teutscher Red-Art vorlängst in Reimen gebrachte Psalmen Dawids, Lpz. 1705.

28. JOHANN JAKOB SCHUDT, JÜDISCHE MERKWÜR-DIGKEITEN, 4 Bde, Fr. M. 1710-1718.

שודט איז טאַקע שטאַרק אָנגעשטעקט מיט יודאָפאָביע. בכלל לוינט זיך ניט דאָ אָפּצושטעלן אויף זיין משונהדיק ניט־סיסטעמאַטישן ריזיקן ווערק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, לויט אַוועלאַלעמאַנס צוגעטראָפענעם אויסדרוק, אַ „קלייט מיט געלערנטע אַלטוואַרג". פאַר אונדז זיינען נאָר אינטערעסאַנט, ערשטנס, די ז. 283—289 פונעם II באַנד, וווּ שודט רעדט אַרום די יידישע שפּראַך, און די יידישע כרעסטאָמאַטיע אינעם III באַנד זז' 1־82 און 202־327 און אינעם IV באַנד (III־טע „קאָנטינואַציאָ") זז' 81־192. אַן אַ שום געשמאַק (צום אונטערשייד פון וואַגענזייל) ברענגט דאָ שודט אַלצדינג, וואָס

סע ווייזט זיך אויס „מערקווירדיק" פאַר זיין קליינעם פעדאַנטישן יודאָפאָבישן מח. צופעליק ברענגט ער אויך אייניקע זייער וויכטיקע זאַכן, וואָס זיינען געוואָרן אַצינד יקרי המציאות. אַזוי געפינען זיך ביי אים איבערגעדרוקט צוויי יידישע פאָלקס־קאָמעדיעס פון „פורים־שפיל" — „אקטא אסתר־אחשורוש" און „מכירת יוסף". ווי שודט דערציילט, האָט אים אַ ייד פאַרזיכערט, אַז די רבנים מיט די מנהיגים פון די קהילות פלעגן אומעטום פאַרברענען די געדרוקטע עקזעמפּלאַרן פון „אחשורוש־שפיל", ווייל דער גראָבער טאָן פון דער קאָמעדיע איז מחלל קודש. — וואַגענזיילס און שודטס כרעסטאָמאַטיעס האָבן אַ גרויסע באַטייטונג פאַר דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלקלאָר. חוץ דעם, ברענגט שודט דעם „בראַנטשפיגל" און אַנדערע זאַכן.

29. JOHANN CHRISTOPHOR WOLF, BIBLIOTHECA HEBRAEA, 4 Libri, Hamburg und Lpz. 1715-1733.

די פיר אומגעהייערע בענד (צו 1200—1700 זייטן יעדער באַנד) אַנטהאַלטן אַ גענויע און סיסטעמאַטישע ביבליאָגראַפיע סיי פון דער העברעישער, סיי פון דער יידיש־טייטשער ליטעראַטור און אויך פון דער גאַנצער ליטעראַטור, וואָס קריסטן אָדער משומדים האָבן געשריבן וועגן יידן אָדער וועגן איינצלנע יידישע ענינים. צום באַדויערן זיינען די יידיש־טייטשע ספרים ביי וואָלף, גלייך ווי ביי באַרטאָלאָטשי, ניט אויסגעטיילט באַזונדער, נאָר זיי גייען אין איין אלף־בית מיט די העברעישע. וואָלף ברענגט אָפט מאָל אויך ציטאָטן. אין ב. II, ז. 593—594 גיט ער אויך אַ קורצע רשימה פון מחברים, וואָס האָבן געשריבן וועגן יידיש־טייטש.

30. Johann Melchior Goeze, Verzeichniss seiner Sammlung seltener u. merkwürdiger Bibeln in verschiedenen Sprachen, Halle 1777.

וועגן טייטש־חומש געפינען זיך אינטערעסאַנטע סטאַטיסטישע און ביבליאָגראַפישע ידיעות אין דער הקדמה. זז' V—VI און אין טעקסט זז' 6—7 און 268.

31. Herm. Fr. Koecher, Nova bibliotheca Hebraea..., 2 partes, Jena 1783-1784.

דאָס איז אַ דערגענצונג צו וואָלפס ביבליאָגראַפיע און איז געאָרדנט לויט וואָלפס סדר. די בעסטע פילאָלאָגן און ביבליאָגראַפן, ווי למשל, משה שטיינשניידער (Bibliogr. Handbuch üb. die... Literatur für hebräische Sprachkunde, Lpz. 1856 s. XVI), געפינען אָבער, אַז אויף קעכערס ידיעות קאָן מען זיך ניט תמיד פאַרלאָזן.

II. סענסאַציאָנעלע שריפטן וועגן יידיש־טייטש

1) שונד־שריפטן וועגן יידיש־טייטש.

32. J. W., Jüdischer Sprach-Meister, ad... ein Discours... wobey der Christ sich der Frömmigkeit, der Jude aber, ihres Geschlechts Gewohnheit nach, des Betrugs befleisziget... Gedruckt in dem jetzigen Jahr.

דער דאָזיקער „פּאַטער" פון דער שונד־ליטעראַטור וועגן יידיש איז געווען אַ משומד, ווי מ'זעט פון דעם, ווי ער רופט זיך אַליין אָן אינעם שער־בלאַט:

“Aufgezeichnet von einem, der ehedessen unter diesem Volke viele Jahre zugebracht, nun aber vom gantzen Herzen Gott liebet, und seinem Nächsten gerne dienet”.

לויט וואָגנערן איז דאָס ביכל אַרויס אין יאָר 1702, אָבער לויט ה. ט. (אין דער צייטשריפט „באָהעמיא") אין יאָר 1742. אווע־לאַלעמאַן געפינט, אַז ניט קוקנדיק אויפן גראָבן עם־הארצישן אינהאַלט פון דעם ביכל, האָט עס דאָך אַ ווערט פאַר אַ פילאָלאָג ווייל זיין מחבר איז, קענטיק, אַ גרויסער „בקי" אין די גראָבסטע אויסדרוקן פונעם פּראָסטן יידישן המון אין דייטשלאַנד.

* 33. Christoph Gustav Christian, שילת ,Hebräisch u. Deutsche Vocabula und Wörterbüchlein... 1727 [Avé-Lall. III 231; Wagner: Neuer Anzeiger 1863, s. 70].

דער מחבר באַהאַלט זיך אונטערן טיטל "ein Religioser" און איז אַ משומד. פאַרגל. אויבן, №15.

34. דער זעלבער. ספר אלה הדברים Neu Vermehrtes und ... verbessertes Vocabulorum Hebraeicum, Nürnberg 1728 [Avé-L. 1. c., 232; Wagner, 1. c.]

איצט שעמט זיך דער מחבר מער ניט און רופט זיך אָן אויפן שער־בלאַט אָפן "ein Convertit" ד. ה. משומד.

*35. Gottfried Paulus Theodor, Neu Vermehrtes..., (ווי אין № 34) Tübingen 1765. [Avé-L. 1. c. 236].

דאָס איז דער זעלבער מחבר, ווי אין די זז׳ 15, 33 און 34, נאָר נאָך זיין טויט האָט מען זיך שוין ניט געשעמט אויסזאָגן, מן הסתם, זיין אמתן נאָמען (גאָטפריד).

*36. Philoglottus. Kurze und gründliche Anwesiung zur Teutsch-Jüdischen Sprache..., Freiberg 1733. [Avé-L., 1. c. 233; Wagner 1. c., 1861, s. 120; Vater, 1. c. 193].

דער אמתער נאָמען פונעם מחבר איז J. P. Lütke; זיין ווערטערביכל גייט לויטן דייטשן אלף־בית.

*37. אַנאָנים. Hebräisch- u. teutsches Sprachbuch, Nürnberg 1735 [Wagner 1863, s. 71].

38. Bibliophilus. Jüdischer Sprach-Meister Oder Hebräisch- Teutsches Wörterbuch., Fr.a.M. u. Lpz. 1742. 2-te Ausg. 1750.

שאַינעאַנו ווייזט אָן על פּי טעות דעם יאָר 1792; איך האָב געזען די אויסגאַבע פון 1742, די זעלביקע, וואָס ווערט דערמאָנט ביי אווע־לאַלעמאַן, ביי וואַגנער און ביי לאַנדוי. דאָס ביכל איז שרעקלעך עם־האַרציש, פון דעסטוועגן אַנטהאַלט עס אייניקע אינטערעסאַנטע אויסדרוקן, וואָס זיינען באמת געווען פאַרשפּרייט צווישן דעם פּראָסטן יידישן עולם.

*39. אַנאָנים. Neu-eingerichtetes Teutsch-Hebräisches Wörterbuch, Oettingen 1764; 2 Aufl. 1774; 3 Aufl. 1790 32 s. [Avè-L., III 238; Wagner 1863, s. 71].

40. C. F. Krakherr, Bequemes und nützliches Handlexicon... Nürnberg 1766.

דאָס איז אַ דייטשער פרעמד־ווערטערבוך, וואָס צו אים איז צוגעגעבן (זז׳ 492—514) אַ קלייגער עם־האַרצישער יידישער ווערטערביכל.

41. (L. Tirsch), Handlexikon der jüdisch-deutschen Sprache..., Prag.

דער ווערטערביכל אַנטהאַלט אויך אייניקע יידישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן, על פּי רוב צונויפגעשטעלט פון העברעישע אָדער אַראַמעישע ווערטער. בכלל איז אָבער דער ביכל מוראדיק עם־האַרציש. אינטערעסאַנט איז נאָר, וואָס דער דאָזיקער בוך איז אַרויס נאָך אין פיל אויסגאַבן, אַלע אין פּראָג, שטענדיק אַנאָנים, נאָר מיט אַ ביסל פאַרענדערטע קעפּלעך Kleines jüdisch-deutsches Wörterbuch אָדער Nützliches Handlexicon etc. אָדער Handlexicon der Jüd.-deutschen Sprache, ה׳ אַ. לאַנדוי (Bibliogr. des Jüd.-Deutschen), 1773 ברענגט פאָלגנדע 10 אויסגאַבן:

אַן אַ יאָר, 1773, ווידער 1773, און ווידער טאַקע 1773, 1774, 1776, 1777, 1778, 1780 און 1782. דאָס אַליין באַווייזט שוין, ס'אַראַ דערפאָלג סע האָט געהאַט אינעם XVIII יאָרהונדערט די שונד־ליטעראַטור וועגן יידיש־טייטש, ווי גרויס איז געווען דער אינטערעס פונעם דייטשן פּובליקום צו דער יידישער שפּראַך. זע נאָך אונטן № 46.

*42. K. W. Friedrich, Unterricht in der Judensprache und Schrift..., Prenzlau 1784 ([Avè-Lall. III 225; Steinschneider: Jew. Quart. Review XVI 760].

אַווע־לאַלעמאַן איז משער, אַז דאָס איז אַ משומד.

43. אַנאָנים. Verzeichniss... derjenigen Redensarten... deren sich die Juden... gegen einander... auf Rossmärkten und Handlungen bedienen.

דער ביכל האָט ניט קיין שער־בלאַט. געפינט זיך ביי ה׳ דר. אַלפרעד לאַנדוי אין ווין. דר. לאַנדוי האָט אַנטדעקט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ הוספה צו דעם פאָלגנדיקן בוך:

*43. a. Wolf Ehrenfried. v Reizenstein, Der Vollkommene Pferde-Kenner... Uffenheim 1764 [F. Kluge, Rotwelsch, I 247].

44. J. Schaller, Ganz neues Vocabularium hebraicum... wie man... in Handel... bei den Juden sich Nuzen schaffen könne.

45. אַנאָנים. Anweisung, wie man die Rabbinischen Teutschen Bücher u. Brieffe wie auch die Contracte... u. Wechsel-Zettul der heutigen Juden ohn Puncten recht lesen u. verstehen soll.

נ׳ 44—45 זיינען אָן אַ יאָר און אָרט.

46. J. C. Vollbeding, Handwörterbuch der jüdisch-deutschen Sprache, Lpz. 1804.

ס׳איז אַן עזותדיקער פּלאַגיאַט פון נ׳ 41.

47. אַנאָנים. Vollständiges jüdisch-deutsches u. deutsch-jüdisches Wörterbuch, enthaltend eine hinreichende Erklärung aller in dieser Sprache vorkommender Worte, Hamburg אָן אַ יאָר, 2 Aufl. 1808.

ס׳איז אַ פּלאַגיאַט פון זעליגן (ז׳ נ׳ 24).

*48. Dr. Sc-tt, Judenfibel, od. Anweisung die Judenschrift in e. paar Tagen lesen und schreiben zu können, mit einer Vorrede zum Todtlachen u. drei erprobten Mitteln gegen Ratten, Mäuse, Raupen u. Zahnweh, Hamburg [Landau, Bibliogr. des Jüd.-Deutschen].

49 a. Itzig Feitel Stern, Drei Gedichte vun e graussen Baal-Chochme oder Goje mit Nume Fr. v. Schiller, München 1827. [Wagner, 1. c., 1816, s. 121].

49 b דער זעלבער, Israels Verkehr und Geist, Meissen 1833. [id. ib.].

49 c. דער זעלבער, Die Schabbeslamp, Meissen 1835. [id. ib.].

49 d. דער זעלבער, Lauberhütenkränz, Meissen 1840. [id. ib.].

49 e. דער זעלבער, Schabbesgärtle Meissen 1851 [id. ib.].

49 f דער זעלבער, Gedichter, Perobeln und Schnokes, Meissen, 2 Thle, 1852. [id. ib.].

דאָס זיינען אַלץ שמוציקע יודאָפּאָבישע וויצן, צו וועלכע דער מחבר גיט צו יעדן מאָל „ווערטערביכער״, כדי דער לעזער זאָל קאָנען געניסן די גאַנצע „חכמה״.

49 g. דער זעלבער. מדרשספר לתנהקדש אשקנז ואשכנס לתנהקדש. sic!), Lexicon der jüdischen Geschäfts-u. Umgangssprache, Zwei Theile. Vom Jüdischen in's Deutsche und vom Deutschen in's Jüdische. Mit einem Anhang zur Erlernung der Lussnekoudischen Sprache, München 1833, 2 Thle.

„איציג פייטעל שטערן״ איז דער פּסעוודאָנים פון אַ ווילדן יודאָפּאָב האַלצשוהער. ער איז געווען אַזוי אַנטציקט פון זיין „למדות״, אַז ער האָט געלאָזט אַרויסגעבן אַלע זיינע „ווערק״ אַ צווייטן מאָל נאָך „פאַרבעסערט״ אונטערן טיטל:

*49 h. Itzig Feitel Stern's Gesammelte Schriften, Leipzig und Meissen 1858. [Avè-Lall. III 240; Landau 1. c.].

50. R. Gierhl, Jüdisches Conversationlexicon für Christen aller Stände, 2 Thle, Nürnberg 1829.

51. J. Wolf. Die Geheimsprache der Handelsleute oder... Lexikon zur Entzifferung... jüdischer und jargonischer Wörter... für Metzger, Viehändler, Oekonomen u. Gewerbetreibende aller Art, Berlin (1880 ?); 2 Aufl. 1885.

דער עם־האַרצישער ביכל האָט געהאַט נאָך פאָלגנדע ווייטערדיקע אויפלאַגן:

51a. אַנאָנים. Die geheime Geschäftssprache der Israeliten, 7 Aufl. 1886, 8 Aufl. Neustadt a. d. A., 1888.

און ווידער דערשינען אונטער דעם טיטל:

51 b. E. Bischoff, Jüdisch-deutscher Dolmetscher, ein prakt. Jargon-Wörterbuch nebst kurzer Grammatik, Lpz. 1901.

52. J. H. M., Sem und Japhet, die hebräischen Worte der jüdisch-deutschen Umgangssprache, Lpz, 1882. 2 Aufl.: Dolmetscher der Geheimsprache... 1889.

ס'איז כמעט דאָס זעלבע, וואָס נ' 51, און פּונקט אַזוי עם־האַרציש.

*53. F. Friedrich, Populäre Anleitung auf mnemonischem Wege binnen 3 Tage die... hebräische Quadrat-, die jüdisch-deutsche Druk- u. jüdisch-deutsche Current-buchstaben sich anzueignen, Prag (1885 ?). [Landau, 1. c.].

*54. Der Talmud od. d. Sittenlehre d. Judenthums, nebst... jüdisch-deutschen Wörterbuch... 7 Aufl. Marburg 1889, 45 S. [Landau, 1 c.].

55. Ed. Naschér, Das Buch des jüdischen Jargons... Wien—Lpz. 1910.

דאָס איז אַן אויסגעבעסערטע און מער ערנסטע באַאַרבעטונג פון נ' 51 און 52, אָבער אויך עם־האַרציש. פון דעסטוועגן האָט ער אַן אַנדערש מאָל אינטערעסאַנטע לינגוויסטישע סברות (אַזוי, למשל, אַז „דאַוונען" שטאַמט פונעם פראַנצויזישן deviner.)

עקלהאַפט איז די דאָזיקע, מישטיינס געזאָגט, „ליטעראַטור"; פאָרט טאָר מען זי נישט אין גאַנצן אַוועקמאַכן אונטערן האַנט. ערשטנס, איז זי צו גרויס אין צאָל, כּדי מ'זאָל זי מעגן גאָר איגנאָרירן: דער גרעסטער טייל פון דער אַלטער קריסטלעכער ליטעראַטור וועגן יידיש באַשטייט פון עם־האַרצישן און רעקלאַמע־שרייענדיקן שונד, דער קלענערער טייל אָבער באַשטייט פון ערנסטע שריפטן. הייגט דער דייטשער לעזער, ער קומט דאָ אויך אין באַטראַכט: דער מבול עם־האַרצות באַווייזט דאָך, ווי שטאַרק דער דייטשער פּובליקום אינטערעסירט זיך מיטן יידישן „דבור". חוץ דעם, איז אוועלאַלעמאַן גאַנץ גערעכט, אַז ער געפינט כאָטש עפּעס אינטערעסאַנטס אין יעדער פון די שמאַטעס. אָט די אַלע ביכלעך, אַפילו די חוזק־מאַכערישע לצנות פון „איציג פייטעל שטערן" זיינען אָדער געשריבן פון מענטשן, וואָס קענען גאַנץ גוט דעם גראָבן לשון פון די נידעריקסטע שיכטן פון יידישע הענדלער, אָדער זיינען פּשוט געגנבעט געוואָרן ביי אַזוינע „קענער". אַ מאַן פון וויסנשאַפט מוז גובר זיין דעם עקל און דאָך דורכבלעטערן די אַנגעוויזענע שונד־ליטעראַטור. פאַר דעם יידישן פאָלקלאָר (אין דייטשלאַנד) האָט די דאָזיקע שונד־ליטעראַטור יעדנפאַלס ניט קיין קלענערן ווערט, ווי, למשל, בערנשטיינס זאַמלונג פון ניט־אַנשטענדיקע יידישע גלייכווערטלעך "Erotica et Rustica", וואָס קיין ערנסטער פאָרשער וועט דאָך זיי ניט מבטל זיין צוליב זייער שמוציקן אינהאַלט. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס בערנשטיין איז אַליין אַן ערנסטער געלערנטער, פאָרשער, בעת אונדזערע שונד־„לינגוויסטן" האָבן קיין שום שייכות ניט צו וויסנשאַפטלעכן ערנסט.

2) קרימינאַליסטישע שריפטן מכּח יידיש־טייטש.

דאָס איז ניט גאָר דאָס זעלבע, וואָס שונד־ליטעראַטור. איך מיין די שריפטן, וואָס גיבן זיך אָפּ אין אַן אלטמאָדישער נאַיווער אָדער אויך יידן־פיינדלעכער פאָרעם מיט דער אַליין פאַר זיך וויכטיקער פראַגע וועגן דער באַציונג פון יידיש־טייטש צו די גנבישע דיאַלעקטן. וועגן דער פראַגע וועל איך גענויער רעדן שפּעטער. דערווייל ברענג איך די שריפטן, וואָס זיינען דערשינען פאַר דעם וויסנשאַפטלעכן ווערק פון אוועלאַלעמאַן.

56. Martin Luther. Von der falschen Betler bueberey... und hinden

an ein Rothwelsch Vocabularium..., Wittenberg 1528, 2 Aufl. 1529.

דאָס איז אַן אויסגאַבע פונעם „ליבער וואַגאַטאָרום". לוטערן געהערט נאָר די הקדמה. א.מ. וואַגנער („סעראַפּעאום", 1862, ז' 114) רעכנט אויס 10 אויסגאַבעס פון דעם ביכל מיט לוטערס הקדמה אינעם משך פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט. די נייסטע אויסגאַבע געפינט זיך אין גראָסס „אַרכיוו פיר קרימינאַל־אַנטהראָפּאָלאָגיע און קרימינאַליסטיק", ב. XVI.

דער פירער פון דער דייטשער רעפאָרמאַציע האָט, דוכט מיר, דער ערשטער אין דער דאָזיקער הקדמה באַשולדיקט די ייִדן, אַז זיי בילדן אַ שטאַרקן עלעמענט אין די גנבים־באַנדעס און אַז פון ייִדיש נעמט זיך די גנבישע שפּראַך („רויטוועלש").

57. אַנאָנים. Actenmässige Designation Derer von einer Diebischen Juden-Bande verübten Kirchen-Raubereien und... mörderischen Einbrüche... 3 Aufl., Coburg 1735.

קלוגע זאָגט, אַז דאָס בוך האָט געהאַט דריי אויסגאַבעס אין משך פון די דריי חדשים ווינטער פון יאָר 1735—1736.

האָט אַ קאַפּיטל: Jüdische Diebsausdrücke.

58. אַנאָנים. Entdeckter Jüdischer Baldober Oder Sachsen Coburgische Acta Criminalia wider eine jüdische Diebs und Räuber-Bande, worinnen... viele... Bosheiten und Diebsstreiche des Jüdischen Volks deutlich geoffenbaret und zum Behuf Künftiger Inquisitions-Processe... erläutert werden, Coburg 1737, 2 Aufl. 1758.

ביידע ביכער—נומ' 57 און 58 — שטאַמען פון איין מחבר, אַ גרויסן יודאָפאָב.

59. J. J. Bierbrauer, Beschreibung derer berüchtigten Jüdischen Diebes-Mörder- u. Räuberbanden..., Cassel 1758.

קלוגע ברענגט נאָך אַ צווייטע אויסגאַבע אין דעם זעלביקן יאָר.

60. C. P. T. Schwenken, Notizen über die berüchtigsten jüdischen Gauner und Spitzbuben, Marburg 1820; 2-te Aufl.: Neues Conversations-lexicon zur Kenntniss der berüchtigten jüdischen Gauner und Spitzbuben, Marburg, 1825.

61. J. Ch. Sommer, Seb. Ad. Krafft's juristisch-praktisches Wörterbuch... nebst... Wörterbuche über die rotwelsche sog. Jauner-... Sprache, Erlangen 1821.

62. K. Stuhlmüller Vollständige Nachrichten üb. eine polizeyl. Untersuchung gegen jüdische, durch ganz Deutschland... verbreitete Gaunerbanden, 1823.

63. J. K. von Train, Chochemer-Loschon, Wörterbuch der Gauner- u. Diebs-, vulgo Jenischen Sprache..., Meissen 1833.

קלוגע ברענגט נאָך צוויי פריערדיקע אויסגאַבעס, ביידע אין מייסען, 1832.

אין דער הקדמה באַטראַכט ער גאַנץ ערנסט די פראַגע מכח די באַציונגען צווישן דער ייִדישער שפּראַך און דייטשע גנבישע דיאַלעקטן.

64. A. F. Thiele, Die jüdischen Gauner in Deutschland... und ihre Sprache, 2 Bde, Berlin 1842-43; 2 Aufl. 1848.

65. Wörterbuch der Diebs-, Gauner- od. Kochemersprache enthaltend alle ihre... Dialekte, als: die rotwälsche, die jenische, die jüdische, etc... Zusammengestellt von dem Central-Evidenz-Bureau der K. K. Polizeidirection in Wien, 1854.

קלוגע ברענגט נאָך אַ פריערדיקע אויסגאַבע פון יאָר 1853.

66. Francisque Michel, Etudes de Philologie comparée sur l'Argot et sur les idiomes analogues parlés en Europe et en Asie... Paris 1856.

*67. Assassinat de M. Péchard, Relation complète des Débats... devant la Cour d'Assises de Calvados du 22 juin au 9 juillet 1858, Paris 1859. [Wagner, 1. c., s. 153].

האָט אויך אַ קאַפּיטל: "Argot juif" ("Ramauchen")

III. שריפטן פון יידישע מחברים

1. כתב־ידן.

[פון זיי האָב איך קיין איינעם ניט געזען, און די ידיעות נעם איך פון פאָלגנדע קוועלן:
Zunz, Zur Gesch, u. Lit.; Perles, Beiträge; Grünbaum, Jüd.-Deut. Chrestom; Güdemann, Geschichte des Erziehungswes., III; Steinschneider: Serapeum 1864; Steinschneider, Katalog... München, 2 Aufl.; Wolf, Bibl. Hebr.; Steinschneider, Katalog... Hamburg; Steinschneider, Katalog... Berlin; [Margoliouth, Descriptive List... British Museum.]*

* 68. מינכענער כתב־יד נ׳ 66 אנטהאַלט אַ פירוש אויף נביאים און פאַרטייטשט זייער אָפט העברעישע ווערטער אויף דייטש. דער כ״י איז קאָפּירט געוואָרן ארום 1550סטן יאָר, נאָר דער אָריגינאַל זיינער שטאַמט פונעם XIII יאָרהונדערט, ווי מ׳זעט דערפון, וואָס דער מחבר ציטירט זיין לערער ר׳ משה הדרשן, וואָס האָט געלעבט אין XIII יאָרה. („שמעתי אני ממורי הדרשן וכו״). די דייטשע ווערטער, וואָס ער ברענגט, זיינען אויך זייער אַלטע, פון יענער צייט; ער ברענגט זיי מיט „באש״ (=באשכנז) אָדער מיט „וקורין״, „שקורין״. ס׳טרעפן ביי אים אויך גאַנצע דייטשע פראַזן, ווי, למשל, צו ישעיה י״ד כ״ג: „וטאטאתיה במטאטא באש׳ אונ׳ ורקירט זי מיט קירווישא״ (=און פארקערט זי מיט קערוויש).

* 69. מינכענער כ״י נ. 420: קצור ערוך — אַ פאַרקירצונג און דייטשע איבערזעצונג פונעם ערוך (ד. ה. אַ ווערטערבוך צום תלמוד). פערלעס (l. c. 49—56) באַווייזט, אז דער כ״י שטאַמט פונעם XIV יאָרה., ניט שפּעטער.

* 70. בערלינער כתב־יד. נ. 50^2, אנטהאַלט אַ העברעיש־דייטשן ווערטערביכל צו תהלים און שטאַמט, ווי שטיינשניידער איז משער, פונעם XIV יאָרהונדערט. די דייטשע ווערטער זיינען געשריבן מיט יידישע אותיות.

* 71. מינכענער כ״י נ. 204, — אן ערוך קטן מיט דייטשע איבערזעצונגען פון תלמודישע ווערטער. ווען געשריבן ניט באַוווסט. ארום יאָר 1490 האָט זי אַ קריסט געקויפט און איבערגעזעצט אין לאטיין, כדי די הומאַניסטן יאָה. רייכלין, פעלליקאַן און אנד. זאָלן זי קאָנען באנוצן.

* 72. „מקרי דרדקי״ — אַ העברעיש־איטאַליעניש־אַראַבישער ווערטערבוך צו תנ״ך און רש״י, געדרוקט אין יאָר 1488 („ר״ח אלול שנת ה׳רח״ם״); דער מינכענער עקזעמפּלאַר פון דעם בוך האָט אויף די ראנדן א האַנטשריפטלעכע דערגענצונג, ווו די העברעישע ווערטער ווערן איבערגעזעצט אין יידיש־טייטש.

* 73. האַמבורגער כ״י נ. 92: מחברת — אַ קורצער העברעישער ווערטערבוך, וואָס צו אים ווערן צוגעגעבן אן אנדערש מאָל אויך דייטשע איבערזעצונגען.

* 74. מינכענער כ״י נ. 421. ברענגט אויך יידיש־טייטשע איבערזעצונגען פון אייניקע ווערטער אין תנ״ך. שטאַמט מסתמא פונעם XV יאָרה.

* 75. מינכענער כ״י נ. 63: „מקרי דרדקי״ מיט אויסשליסלעך דייטשע איבערזעצונגען פון די העברעישע ווערטער; קאָפּירט ארום יאָר 1550, דער אָריגינאַל מוז אָבער זיין פיל עלטער, ווייל די דייטשע ווערטער וואָס ער ברענגט, זיינען שוין טיילווייז פאַרשוואונדן אינעם XVI יאָרה.

* 76. לאָנדאָנער כתב־יד 18.688 N A d d. אַנטהאַלט א ווערטערבוך צום תנ״ך, דערביי ווערן די דערקלערונגען געגעבן אין יידיש־טייטש. מרגליות איז משער, אז דער כ״י שטאמט פון XV יאָרהונדערט.

---

* די נומערן פון די כתב־ידן ברענג איך, ווי ס׳וועט דערקענען יעדער מומחה, אין דער מעגלעכסט פאַראיינפאַכטער פאָרעם, ווי זיי שטייען אין די קאַטאַלאָגן, אָבער ניט אין די ביבליאָטעקן גופא.

* 77. יאָה. וואָלף [765 III, נ. 29] האָט ביי זיך געהאַט א כ״י פון אַ העברעיש־יידישן ווערטערבוך צום חומש, געשריבן פון יצחק כהן אַלעקסאַנדרינער אין יאָר 1513. וואָלפס כ״י געפינט זיך איצט אין דער האַמבורגער שטאָט־ביבליאָטעק אונטערן נ. 137.

* 78. האַמבורגער כתב־יד b2 נ. 182. אַנטהאַלט אַ העברעיש־יידישן ווערטערביכל אין גראַמען (מסתמא פאַר קינדער?): „חוטם נזא ארנבת הזא עט גריפל קוביא וורפיל א. א. וו.

* 79. באָדלעיאַנישער כ״י נ. 1507: „מקרי דרדקי״ מיט אויסשליסלעך דייטשער איבערזעצונג פון העברעישע ווערטער, געשריבן פון מרדכי בן מנחם אין יאָר 1522.

* 80. באָדלעיאַנישער כ״י נ. 1518: „ערוך גרן״ — אַ ווערטערבוך צום תלמוד, אָפט מיט יידיש־טייטשע איבערזעצונגען, געשריבן אַרום יאָר 1613, אָדער נאָך שפּעטער.

* 81. האַמבורגער כתב־יד נ. 195. ברענגט אויף דער ערשטער זייט אַן איטאַליעניש־יידישן קאָנווערסאַציע ווערטערביכל און שטאַמט, לויט שטיינשניידערס מיינונג, פונעם XVII יאָרהונדערט (האָט דאָס ניט קיין שייכות צו נתן־נטעס ווערטערבוך? ז׳ אונטן, נ. 91).

2. געדרוקטע ביכער (פון XVI ביז XVIII יאָרהונדערט).

82. (אליהו בחור בן אשר אשכנזי הלוי), ספר התשבי לאליהו התשבי באַזעל, 1526, איסני, 1541 און פיל אַנדערע אויסגאַבעס.

די ערשטע אויסגאַבע האָב איך ניט געזען. לויט באַרטאָלאָטשי (נ. 25, ב. I, 134) האָט די ערשטע אויסגאַבע געהייסן: „ספר התשב״י והוא ביאור על תשב״י מלות זרות״ און געדרוקט אין באַזעל שנת רפ״ז, ד. ה. 27—1526. זי ווערט אויך דערמאָנט אין „שפתי ישנים״ פון ר׳ שבתי בס עמ׳ צ״ב און ביי וואָלף (נומ׳ 29, ב. I, ז. 159), נאָר בן־יעקב האָט שוין פון דער אויסגאַבע ניט געוווּסט. איך האָב געזען אַ שפּעטערדיקע אויסגאַבע אונטערן טיטל: „ספר התשבי לאליהו התשבי שרשיו כמנין תשב״י״, געדרוקט אין איינעם מיט דער לאַטייניש ער איבערזעצונג פון לעוויטאַס תלמיד פּױלוס פאַגיוס אין איסני (Isnae) אין יאָר 1541. פיל ביבליאָגראַפן האַלטן על פי טעות די איסניער אויסגאַבע פאַר דער ערשטער, הגם פון פאַגיוס הקדמה גופא זעט מען, אז ספר התשבי איז פון פאַגיוס איבערגעדרוקט. — דער מחבר איז דער באַרימטער מדקדק אליהו לעוויטא, דער לערער פון פיל קריסטלעכע הומאַניסטן, אַ מענטש מיט גרויסע לינגוויסטישע קענטענישן און פעיקייטן. זיין ווערטערבוך אַנטהאַלט אַ פילאָלאָגישן פּירוש אויף 712 רבנישע ווערטער („תשבי״ איז דער צונאָמען פון אליהו הנביא און מאַכט בגימטריא 712); די דאָזיקע ווערטער ווערן אָפט איבערגעזעצט ביי לעוויטאַ אויף יידיש־דייטש און חוץ דעם ברענגט ער אַן אינטערעסאַנטע פילאָלאָגישע דערקלערונג פון אייניקע יידישע ווערטער („קאַטאָוועס״ — איסניער אויסגאַבע, ז. 179; „מעקן״, ז. 193, „משקיט״, ז. 205, „שעכטן״ און אנד.). לעוויטאַ איז בכלל געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישע פאָלקסשפּראַך און געהערט צו די ערשטע יידיש־טייטשע שריפטשטעלער (זיין איבערזעצונג „בבא־מעשה״ און אַנד.).

83. ספר של רבי אנשיל והוא מרכבת המשנה לקונקורדנציה היותו מורכב משתי לשונות לשון הקודש ולשון אשכנזי שהוא המורגל בינינו אשכנזים, קראָקאָ, רצ״ד (1534), 1552, 1584 און נאָך אַנדערע אויסגאַבעס. (די ערשטע אויסגאַבע האָט אויפן שער־בלאַט ניט די ווערטער „של רבי אַנשיל והוא״).

איך האָב געזען אַ שטאַרק באַשעדיקטן עקזעמפּלאַר, מסתמא פון דער ערשטער אויסגאַבע (סע פעלן די ערשטע און לעצטע זייטן). דאָס איז אַ ווערטערבוך צום תנ״ך און גלייכצייטיק אַ קאָנקאָרדאַנציע, ד. ה. ביי יעדן וואָרט איז אָנגעגעבן דער פּסוק, ווו ער שטייט. די העברעישע ווערטער (זיי גייען נאָכן אלף־בית) ווערן אַלע איבערגעזעצט אין יידיש־טייטש, אָבער אָן נקודות און מיט אַן אומבאַשטימטער אָרטאָגראַפיע; דערפאַר מוז מען זייער אָפט בלייבן אין ספק, ווי צו לייענען די יידישע ווערטער. ווער איז דער מחבר (רבי אַנשיל), ווייס מען ניט גענוי. זיין בוך איז דער ערשטער יידישער ווערטערבוך, וואָס איז געדרוקט געוואָרן.

84. **(ארחות צדיקים) ספר מדות**, נש״ם שאננות בטוחות ורעננות כל כבודה בת מלך וכו׳, איסני 1542.

דאָס איז אַ יידישע איבערזעצונג פון אַ לשון־קודשדיקן מוסר־ספר, וואָס ניט דער מחבר און ניט דער איבערזעצער (וואָס באַהאַלט זיך אונטערן נאָמען „פלוני אלמוני״) זיינען ניט באַקאַנט. צום סוף פון דער ייד־שער איבערזעצונג זיינען פונעם אומבאַקאַנטן איבער־זעצער אָנגעגעבן געוואָרן זייער אינטערעסאַנטע כללים פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע: „און׳ איצונדר וועלן מיר איין קליין וועניג רעדן פון דעם וויא מאַן טוייטש לייען און׳ שרייבן זאָל״. די דאָזיקע כללים זיינען געבראַכט געוואָרן מיט אַ גענויען פירוש ביי מ. גידעמאַן (Geschichte des Erziehungswesens, III) זז׳ 280—285. דעם ספר מדות גופא האָב איך ניט געזען, ער געפינט זיך נאָר אין וויניקע ביבליאָטעקן (מינכען, אָקספאָרד).

*85. **ספר שמות דברים ע״י אליהו בחור אשכנזי הלוי**, איסני, 1542; 2 אויפל. אין פ ר א נ ק ע ר, 1652.

דאָס איז ווידער אַ ווערק פונעם דערמאָנטן מדקדק, אליהו לעוויטאַ. ער שטעלט מיט זיך פאָר דעם ערשטן יידישן ווערטערבוך, ווו די יידיש־טייטשע ווערטער גייען נאָכן אלף־בית (ביי ר אַנשיל גייען נאָכן אלף־בית די העברעישע ווערטער); דער ווערטערבוך אַנטהאַלט 985 יידישע ווערטער, וואָס ווערן איבערגעזעצט אין העברעיש, לאַטייניש און דייטש. די לאַטייניש און דייטשע קאָלאָנעס האָט פאַרפאַסט פּוילוס פאַגיוס. דער בוך איז אַ יקר המציאות און ווערט באַשריבן ביי Perle אין זיינע Beiträge.

* 86. **ספר הערוך הקצר אשר חברו אחד מהקדמונים ולרוב ענותנותו לא הזכיר שמו עליו**, קראָקאָ, 1591; 2 אויפל. „קיצור ערוך״ קראָקאָ, 1619.

לויט ווי פערלעס (ibid) באַשרייבט דעם בוך, געפינען זיך אין אים פיל יידיש־טייטשע איבערזעצונגען פון די תלמודישע ווערטער; איך האָב געזען נאָר די אויסגאַבע פון מ. ק. ביסטריץ, פּראַג, 1863, ווו ס׳געפינען זיך אָבער גאָר ניט קיין יידיש־דייטשע ווערטער: מסתמא דערפאַר, ווייל ביסטריץ האָט באַאַרבעט די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אויסגאַבע פון יאָר 1516.

87. אברהם בן יהודה, חבורי לקט, 1593; צווייטע אויפל. לובלין, 1612.

דאָס איז אַ העברעישער ביאור צו נביאים וכתובים; ברענגט יידישע ווערטער צו דערקלערן די שווערערע שטעלן.

88. **(משה בן יששכר־בער הלוי שערטלן) ס׳ באר משה** פּראָג, שס״ד (1604).

89. **(דער זעלביקער), ס׳ לקח טוב** פּראָג, שס״ד (1605).

כ׳האָב געזען ביידע אין איין באַנד. דאָס זיינען זייער גענויע העבר־ייד. ווערטערביכער צו תנ״ך („באר משה״—צום חומש, „לקח טוב״—צו נביאים וכתובים), ווו סע ווערן פאַרטייטשט אין יידיש ניט נאָר איינצלנע העברעישע ווערטער, נאָר אויך גאַנצע פסוקים: דער סדר איז ניט לויטן אלף־בית, נאָר לויט דעם טעקסט פון תנ״ך. די יידישע ווערטער זיינען אָן נקודות.

* 90. משה בן מיכאל כהן, עט סופר, פירדא, 1606.

איך האָב געזען די אויפלאַגע פון יאָר 1691 (דער יאָר איז אָנגעגעבן: „הושיע׳ני... לפ״ק״), וואָס איז ניט מער ווי אַ העברעישער האַנטביכל פון בריוו־סטיל אין גראַמען. אָבער לויט ווי שטיינשניידער זאָגט אין "Serapeum" פאַרן יאָר 1849, ז. 27, איז צו דער אויסגאַבע, וואָס ער האָט געזען (1606), צוגעגעבן אויך אַ יידיש־טייטשע איינפירונג צום בריוו־סטיל.

91. **ספר שפה ברורה**, פּראָג, שנת... הקדוש״ה (ד. ה. 1655 אָדער 1660 — ב. ב.), 86 זייטן.

דער נאָמען פונעם מחבר איז אָנגערופן ערשט צום סוף פונעם ביכל: **נתן נטע בן משה הנובר**. ער שטאַמט פון אַ זאַסלאַווער משפחה (אין וואָלין) און איז מסתמא אַנטלאָפן פון כמיעלניצקיס פּאָגראָמען (ער רופט אָן זיין פאָטער „קדוש״). דאָס ביכל איז א מאָדנער ווערטערבוך פון פיר שפּראַכן: העברעישע ווערטער ווערן איבערגעזעצט

אין יידיש־טייטש („אשכנז״), איטאַליעניש און לאַטיין. די ווערטער גייען ניט נאָכן אלף־בית, נאָר געטיילט אין 17 קאַפּיטלען, לויט זייער באַטייט, און די ווערטער פון אַלע שפּראַכן זיינען געשריבן מיט העברעישע אותיות, אַלע מיט נקודות. לויטן אינהאַלט איז עס אַ מין העברעיש־יידיש־איטאַליעניש־לאַטיינישער „קאָנווערסאַציאָנס־ביכל״. ביזן 15טן קאַפּיטל זיינען די „אשכנזישע״ ווערטער אַלע הויפּט־ווערטער (סובסטאַנטיוון), און דערפאַר כמעט ווי ריין־דייטשע, נאָר אין 16טן קאַפּיטל גייט שוין אַ געשפּרעך אין אַן עכט־יידישער שפּראַך. — אַ צווייטע אויפל. איז דערשינען אין אמסטערדאַם אין יאָר 1701, נאָך מיט אַ פראַנצויזישער הוספה.

92. ספר יוסיפון ע״י אברהם בן מרדכי הכהן, אַמסטערדאַם, 1661.

אין זיין Jüd.-Deut. Cchrestom., ז. 556 פ., ברענגט מ. גרינבוים די הוספה פון דעם בוך: דאָס זיינען די זעלבע אָרטאָגראַפישע כללים וועגן יידיש־טייטש וואָרט־איין־וואָרט, וועלכע מיר האָבן פריער דערמאָנט אונטער נ׳ 84. אין די אויסגאַבן פונעם יידישן „ספר יוסיפון״, וואָס איך האָב געזען, איז די הוספה ניטאָ.

* 93. יוסף בן גוריון, בבא־בוך, פראַנקפורט־דמאַין, 1692, 2טע אויפל. [593 II, (נ. 29 Wolf].

אין דער הקדמה ברענגט דער מחבר אַ קורצע אָנלייטונג, ווי צו שרייבן יידיש.

* 94. משה בנדין, סדר חנוך לנער, אמשטרדם, 1713, 1715, פירטה 1780 [שטיינשניידער אין "Serapeum" 1848 יאָר, ז. 335, אָוועלאָלעמאַן III, ז. 241].

ס'איז אַ לערנבוך פון עברי אין יידיש, אויך אַ בריוושטעלער, אַן אָנווייזונג ווי צו שרייבן וועקסלען און א. וו.

* 95. תקון ספרים ותקון חלופי, אמשטרדם, 1714.

* 96. משה בן יוסף, ספר חנוך לנער, אמשטרדם, 1715.

דאָס זיינען קליינע לערנביכלעך פון יידיש־טייטש.

Wolf, ib.

97. שלמה לונדון בן משה רפאל פון נאַוואַהרודיק דליטא, קהלת שלמה, פראנקפורט, 1722, אמשטרדם, 1772.

דאָס איז אַ זאַמלונג, גלייכצייטיק אין העברעיש און יידיש, פון פאַרשיידענע דינים, הלכות־ווערק א. דגל., וואָס שלמה לונדון האָט קאָמפּילירט פון פאַרשיידענע קוועלן. אויך געפינט זיך דאָרט אַ קאַפּיטל „הלכות גידול בנים לתלמוד תורה״, ווו צום סוף (דף כ״ח—ל״ב) איז צוגעגעבן אַ קורצער ווערטערביכל פון העברעיש אויף יידיש־טייטש. דער ווערטער־ביכל איז אָבער ניט מער, ווי אַן אויסצוג פון נתן נטע הנוברס ביכל, וואָס מיר האָבן אָט ערשט געבראַכט (נ׳ 91).

98. **אברהם בן מודל מאוייטינגן, ספר מערכת אברהם,** פירטה, 1769.

דאָס איז אַ פּעדאַגאָגישע שריפט. דאָרט געפינען זיך אויך קורצע כללים פון יידיש־טייטשער אָרטאָגראַפיע, און ס'איז העכסט אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן מודלס כללים מיט יענע, וואָס דער פלוני־אלמוני (ז. נ׳ 84 און נ׳ 85) האָט געגעבן העכער צוויי הונדערט יאָר פאַר אים. דערביי מערקט מען אַ באַדייטנדע פאַרבעסערונג און פאַראייפאַכונג פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע. ביידע באַטראַכטן אָבער נאָר די שרייבונג פון די תנועות (וואָקאַלן), און מכח די קאָנסאָנאַנטן רעדן זיי בכלל גאָרנישט. — מודלס כללים ברענגט מ. גידעמאַן אין זיינע Quellenschriften zur Geschichte..., S. 303.

*99. Gerson Abraham (Schutzjude in Holzminden), Anweisung zur jüdischen Schreibart, nach welcher man Briefe und Wechsel lesen und schreiben kann, oder zu dem sogen. Juden-Deutsch, Braunschweig 1782. [Katalog Judaica u. Hebraica der Buchhandlung Jos. Baer, Fr. a. M. 1907].

*100. Lewy, Unterricht in der Jüdisch-Deutscher Sprache, 1792. [Jost. Ersch und Gruber's Encyklopädie, Sekt. II, B. 27, S. 323].

ב. פילאָלאָגישע ליטעראַטור פון דעם XIX און XX יאָרהונדערט

(אויך אַלטע דאָקומענטן, וואָס זיינען ספּעציעל פון איר אויסגענוצט געוואָרן).

1. שריפטן מיט אַן אַלגעמיין־ אָדער געמישט־פילאָלאָגישן אינהאַלט

1. ביכער און צייטונגס־אַרטיקלען.

101. Leopold Zunz, Die gottesdienstlichen Vorträge der Juden, Berlin, 1832, 438—442; 2 Aufl. Fr. a. M., 1892, 452 f.

דער גרויסער שעפער פון דער יידישער וויסנשאַפט, ד״ר יום־טוב ליפּמאַן צונץ, איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט געפּרוּווט וויסנשאַפטלעך צו אַנאַליזירן די עלעמענטן פון דער יידיש־טייטשער שפּראַך. זיינע אַנאַליזן זיינען מייסטערהאַפט פאַר זיין צייט, איצט אָבער האָבן זיי שוין פאַרלאָרן דעם אינטערעס.

102. ANTON REÉ, Die sprachverhältnisse der heutigen Juden..., Hamburg, 1844.

דער ביכל איז נאָך עד היום זייער אינטערעסאַנט. זיינע פילאָלאָגישע סברות זיינען ניט פיל ווערט, אָבער וויכטיק זיינען די באַמערקונגען מכח דער ווירקונג פון די יידישע ראַסן־אייגנשאַפטן און סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען אויף דעם בוי פון די יידישע שפּראַכן און אויף זייערע קלאַנגען. רעע איז געווען א באַקאַנטער יידישער פּעדאַגאָג (ביאָגר. ידיעות וועגן רעע, זע אונטן, 209 און 210).

103. FRIEDRICH, CHRISTIAN BENEDICT AVÉ-LALLEMANT, DAS DEUTSCHE GAUNERTHUM in seiner social-politischen, litterarischen und linguistischen Ausbildung..., 4 Bde, Lpz. 1858-1862.

אווע־לאַלעמאַן איז געווען אַ פּאָליציי־באַאַמטער אין ליבעק (דייטשלאַנד), אָבער צו גלייך אַ זייער געבילדעטער לינגוויסט. אַלס פּאָליציי־באַאַמטער האָט ער זיך גענומען אויספאָרשן דאָס לעבן פון דייטשע גנבים, זייער געשיכטע און שפּראַך, און — ווייל די יידישע גנבים האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך עלעמענטן אין דעם לשון פון זייערע דייטשע חברים, — איז אַווע־ל. אַזוי אַרום געקומען* צו דער אונטערזוכונג פון דער יידישער שפּראַך. איר האָט ער געווידמעט כמעט דעם גאַנצן דריטן באַנד פון זיין ווערק און אַ גרויסן חלק פונעם פערטן באַנד. הגם זיין ווערק איז שוין פאַרעלטערט כמעט אין אַלע פּרטים, דאָך בלייבט אווע־לאַלעמאַן נאָך עד היום דער גרעסטער פאָרשער אויפן געביט פון דער יידיש־טייטשער פילאָלאָגיע. ס'איז נאָר צו באַדויערן, וואָס דער פונדאַמענטאַלער ווערק וועגן יידיש איז פאַרבונדן מיט דער גנבים־שפּראַך... * אווע־לאַלעמאַנס באַציונג צו די יידן איז בכלל ניט גאַנץ קלאָר: אין פּאָליטישער טעטיקייט איז ער געווען אַ שאַרפער קעגנער פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, אין זיין ווערק אָבער דריקט ער אויס כסדר אַ גרויסע באַוווּנדערונג דעם יידישן פאָלק און אויך דער יידישער שפּראַך (ביאָגר. ידיעות וועגן אווע־לאַל. ז' אונטן №№ 211—213). אין זיין בוך ווערן באַרירט אַלע פראַגן פון דער יידישער פילאָלאָגיע: אי די באַטייטונג פונעם וואָרט „זשאַרגאָן” (III, 28—30, 45, 48), אי די פאַרשיידענע נעמען פון דער יידישער שפּראַך (52—54), אי דער ווייטערער קיום פון יידיש (55—68), אי די געשיכטע פון דער יידיש־טייטשער פילאָלאָגיע און איר ביבליאָגראַפיע (198—255), אי די יידישע פאָנעטיק און אָרטאָגראַפיע (255—353), אי די עטימאָלאָגיע (356—389), אי דער סינטאַקסיס, וואָרטבילדונג און סטיל (400—427). ווייטער גייט אַ קורצע ליטעראַטור־געשיכטע און א כרעסטאָמאַטיע, און אין פערטן באַנד ברענגט ער אַ ריזיקן ווערטערבוך פון די העברעיש־אַראַמעישע ווערטער און ראשי־תיבות, וואָס ווערן געברויכט אין יידיש (IV, 319—513): דער ווערטערבוך איז דער גרעסטער פון

* ז. וועגן דעם אונטן, № 405 און פאָלגנדע.

אלע, וואָס זיינען געווען געשריבן ביזן היינטיקן טאָג, — ער האָלט אָרום 7000—8000 ווערטער און 1200 ראשי־תיבות. — די פאַקטישע ידיעות, וואָס ער ברענגט, האָבן נאָך ביז איצט ניט אָנגעוואָרן זייער אינטערעס, אָבער זיינע היפּאָטעזן זיינען אַפילו פאַר זיין צ״יט געווען ווייניק באַגרינדעט און האָבן אַצינד קיין שום ממשות ניט, ווי למשל, זיין מיינונג, אז דער איצטיקער יידישער קורסיוו (וואָס מיר אַלע שרייבן אין אים) שטאַמט פונעם סירישן אַלף־בית א. דגל. אַ ווייטערדיקער חסרון איז דער געשוואָלענער, וואַסער־דיקער סטיל פונעם בוך. פיל ווערטער פון זיין ווערטערבוך ווערן אין יידיש גאָר ניט געברויכט און ס׳פעלן, צוריק, אַ סך אזוינע, וואָס ווערן יאָ געברויכט.

אווע־לאַלעמאַנס ווערק האָט ביים דערשיינען געמאַכט אַ גרויסן רושם און ארויס־גערופן עטלעכע אינטערעסאַנטע רעצענזיעס; אָט זיינען די רעצענזיעס:

104. Allgemeine Zeitung des Judenthums 1863 (?)

105. Jos. Maria Wagner's: Litterarisches Centralblatt, 1863, No. 3.

106. פון זעלביקן ,Rotwelsche Studien: Archiv für das Studium der neueren Sprachen und Litteraturen, Jg. XVIII (Bd 33), Braunschweig 1863, 197—246.

וואַגנער איז ניט קיין ייד.

107. M. Steinschneider's: Hebräische Bibliographie (Steinschneider), VII 128—130 u. VII 13—17 u. 113—116 (1864—65, Berlin).

ביידע לעצטע קריטיקירן אווע־לן גאַנץ שאַרף, בפרט וואַגנער, וועלכער רופט אים אָן אפילו „דילעטאַנט". אָבער ביי וואַגנערן דערקענט מען לייכט דעם כעס פון אַ קאָנקורענט, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט מיט ז י י ן ווערק, וואָס ער האָט געגרייט מכח דער זעלבער פראַגע.

*108. Полинковскій, Этнографическій очеркъ евреевъ: Труды Этнографически-статистической экспедиціи въ Западнорусскій Край, снаряженной Имп. Рус. Геогр. О-вомъ, Юго-Зап. Отдѣлъ. Матеріалы и изслѣдованія, собранныя П. П. Чубинскимъ, VII, Спб. 1872 [Систематическій Указатель, No. 169, 110, 2912; Globus (Andrée) 1880, XXXVII 333].

109. Richard Andrée, Zur Volkskunde der Juden, Bielefeld u. Lpz. 1881, 95—119.

שטיצט זיך אין גאַנצן אויף אווע־לאַל., צונץ און פּאָלינקאָווסקי. דער מחבר איז ניט קיין ייד.

110. MAX GRÜNBAUM, JÜDISCHE CHRESTOMATHIE, Lpz. 1882, 5879.

ברענגט גרויסע פראַגמענטן פון אַלע יידישע ספרים און כתב־ידן. דער בוך גיט צו גלייך א כרעסטאָמאַטיע, אַ ליטעראַטור־געשיכטע, אַ שפּראַך־געשיכטע און אַן עטימאָלאָגישן אַנאַליז פון פיל אַלטע און נייע יידיש־טייטשע ווערטער. גרינבוים האָט ארייגעלייגט אין זיין ווערק אַ ריזיקע אַרבעט, אָבער די חסרונות פונעם בוך שטייגן אַריבער די מעלות. ער באַנוצט נאָר יענע יידישע ביכער, וואָס געפינען זיך אין דער מינכענער קעניגל. ביבליאָטעק; זיינע ביבליאָגראַפישע ידיעות זיינען על פּי רוב אומריכטיק; די פראַגמענטן ברענגט ער ניט אין אָריגינאַל, נאָר אין אַ טראַנסקריפּציע, וועלכע איז ביי אים דערצו אָן אַ שום סדר, אַזוי אַז פון זיין בוך באַקומט מען ניט קיין באַגריף מכח דער אַלטער, העכסט אינטערעסאַנטער יידישער שרייבונג; די לינגוויסטישע פּירושים זיינען אָפּט מאָל געוואַגט, און זיין בוך איז זייער שווער צו באַנוצן, ווייל ער האָט ניט צוגעגעבן קיין אינדעקס פאַר די פונאַנדערגעוואָרפענע פּירושים. דער עיקר אָבער — גרינבוים איז לחלוטין אומבאַקאַנט געווען מיט דער לעבעדיקער יידישער שפּראַך. ביאָגר. ידיעות וועגן גרינבוים ז. אונטן נו׳ 221, 222.

דער בוך האָט ארויסגערופן פאָלגנדע רעצענזיעס (כמעט אַלע אומקריטיש גינציקע).

111. J. Perle's: Monatschrift f. d. Geschichte u. Wissenschaft d. Judenthums (H. Grätz). 1882, 128.

112. A. Berliner's : Magazin f. d. Wissenschaft d. Judenthums (Berliner u. Hoffmann). IX 1882.

113. Lewin's : Judisches Litteraturblatt, XI, No. 19—20.

114. Brüll's Litterarisches Centralblatt 1882, 681.

115. Strack's : Theologisches Litteraturblatt 1882, 89.

116. Köhler's : Anzeiger f. deutsches Alterthum, 1882, 402.

וויכטיקער פאַר אָט די אַלע רעצענזיעס, און אויך פאַר זיך אַליין גאַנץ אינטערעסאַנט איז:

117. Ad. Neubauer's : Revue des Etudes Juives, V Paris 1882, 142—149.

נייבויער ברענגט אויך אייניקע ציטאַטן אין דער אָריגינאַלער אַלטער אָרטאָגראַפיע און אויך פון דער אָקספאָרדער ביבליאָטעק.

118. PH. MANSCH, DER JÜDISCH-POLNISCHE JARGON : Der Israelit (Verein "Schomer Israel", Lemberg 1888 (Jg. 21) Nos. 18—23; 1889 (Jg. 22) N-N- 1—4, 6, 7, 9, 10, 12, 14, 18; 1890 N-N- 1, 3—8.

די ערשטע און די לעצטע פּאָר קאַפּיטלעך באַהאַנדלען בקיצור פאַרשיידענע פילאָלאָגישע פראַגן, אָבער דער גרעסטער טייל פונעם אַרטיקל איז אָפּגעגעבן דער אויספאָרשונג פון דער י י ד י ש ע ר ג ר אַ מ אַ ט י ק. דר. פיליפּ מאַנש איז געווען פון די איידלסטע יידישע כלל־טוער אין גאַליציע, אַן איבערגעגעבענער פריינד פון דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און טעאַטער (ער האָט אויך איבערגעזעצט שלום עליכמס „סטעמפּעניו" אין דייטש). זיין וווּנדערבאַר־טיפער גראַמאַטישער ווערק וועגן יידיש איז געשריבן מיט גרויסער ליבע, מיט אַ טיפן פילאָסאָפישן און פילאָלאָגישן קוק. דער חסרון זיינער איז, וואָס ער האָט גאָר שטאַרק געקענט די געשיכטע פון דער דייטשער שפּראַך, און דערפאַר איז זיין אַרבעט פול מיט אומריכטיקע, הגם תמיד זייער שאַרפזיניקע השערות. אָבער וואָס געהער צו דער י י ד י ש ע ר ש פּ ר אַ ך גופא (פון וועלכער ער באַהאַנדלט נאָר דעם ג אַ ל י צ י ש ן דיאַלעקט), איז מאַנשס גראַמאַטיק די בעסטע פון אַלע, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן ביז היינטיקן טאָג : ס'איז ניטאָ קיין שום וויכטיקע דערשיינונג אינעם בוי פון דער יידישער שפּראַך און אירע קלאַנגען, וואָס מאַנש זאָל ניט האָבן באַמערקט און באַקלערט. דער פריצייטיקער טויט (7טער אויגוסט 1890) האָט אונטערגעבראָכן זיין אַרבעט, וואָס איז געבליבן ניט פאַרענדיקט.

119. LAZAR SAINEANU, STUDIU DIALECTOLOGIC ASUPRA GRAIULUI EVREO-GERMAN,... Bucuresci 1889, 78 pp.

לאַזער שײנעאַנו איז אַ רומענישער ייד. ער איז דער גרעסטער לינגוויסט אין רומעניע* און איז היינט צו טאָג דער בעסטער פאָרשער אויפן פעלד פון דער יידיש־טייטשער שפּראַך. זיין ביכל איז אַזוי רייך אין אינהאַלט, ווי קליין אין אומפאַנג, און דער אינהאַלט איז דורכויס גרינדלעך, וויסנשאַפטלעך, אינטערעסאַנט. איין חסרון איז פ אַ ר א ו נ ד ז פאַראַן — וואָס שיינעאַנו איז, נאַטירלעך, מער באַקאַנט מיט דעם וואַלאַכישן דיאַלעקט פון יידיש, איידער מיט די איבעריקע דיאַלעקטן, וואָס שטייען אונדז נענטער. ווייטער שאַט אים זיין אַלגעמיינער אַסימילאַטאָרישער קוק אויף דעם קיום פון אונדזער שפּראַך. קודם ברענגט ער די געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך, ווייטער אירע דיאַלעקטן (זז. 13—16), דערנאָך די געשיכטע און ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער פילאָלאָגיע (זז. 17—28), די געשיכטע פון דער יידישע ליטעראַטור (28—39), און די ווייטערדיקע העלפט פונעם ביכל באַשעפטיקט זיך מיט דער יידישער גראַמאַטיק, וואָרטבילדונג און מיט פאַרשיידענע עלעמענטן פונעם יידישן ווערטערבוך. קורץ איבערגעבן דעם אינהאַלט פון ביכל איז ניט מעגלעך, ווייל דאָרט איז קיין איין איבעריק וואָרט ניטאָ. צום גרויסן באַדויערן איז די אַרבעט געבליבן ניט פאַרענדיקט.

---

* ער האָט געשאַפן די בעסטע פון די רומענישע גראַמאַטיקעס און דעם גרינדלעכסטן ווערטערבוך פון דער רומענישער שפּראַך ; ער האָט זיך פיל משתדל געווען, אַז רומעניע זאָל אים נאַטוראַליזירן, נאָר ער האָט דאָס ניט געפועלט. היינט אַרבעט ער אויף דער געשיכטע פון די ראָמאַנישע שפּראַכן בכלל.

שעינעאנו האָט דערנאָך אליין איבערזעצט זיין ביכל אין פראַנצויזיש און אים דערביי אַ ביסל דערגענצט:

120. LAZAR SAJNÉAN, ESSAI SUR LE JUDÉO-ALLEMAND..., Mémoires de la Société de Linguistique de Paris XII 1903, 90—138 et 176—196.

די פאַרשפּראָכענע פאַרזעצונג איז ניט דערשינען, ניט רומעניש און ניט פראַנצויזיש. פון דער פראַנצויזישער איבערזעצונג איז דערשינען אויך אַ באַזונדערער אָפּדרוק, פּאַריז, 1902.

אויף שעינעאַנוס ווערק זיינען מיר באַקאַנט נאָר צוויי קורצע אומבאַדייטנדע רעצענזיעס:

121. Jahresbericht über die Erscheinungen auf dem Gebiete d. german. Philologie, 1903.

122. O. Meisinger: Zeitschr. f. hochdeutsche Mundarten III 1902, 377.

123. אלעזר שולמאַן, עמקי שפה: השלח, כרך ד׳ תרנ״ח—נ״ט, בערלין, 1898, עמ׳ 37—46, 106—112, 221—229.

*124. דער זעלביקער, שפת יהודית־אשכנזית וספרותה:
הזמן מאסף לספרות ולמדע, 1903, I, סט׳ פטרסבורג.

* 124a. דער זעלביקער; די געשיכטע פון דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור: יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, II, 1889 (ניט געענדיקט).

איך באַמערק אגב אורחא, אַז שולמאַן הייסט ניט אליעזר, נאָר אלעזר. צווישן די רוסישע יידן איז ער דער ערשטער, וואָס האָט זיך גרינדלעך אָפּגעגעבן דעם שטודיום פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך־געשיכטע, און זיין גרעסטע מעלה איז, וואָס זיינע פילאָלאָגישע ווערק האָט ער געשריבן ניט אין פרעמדע שפּראַכן, נאָר אין אייגענע (יידיש און העברעיש). דער אַרטיקל „עמקי שפה" האָט אָבער ניט קיין גרויסן ווערט, זיינע לינגוויסטישע סברות זיינען ארויסגעזויגן פון פינגער, און די ביבליאָגראַפיע, וואָס ער גיט דאָרט (זז. 109—112 און 221—229) איז אַפילו גאַנץ רייך (אַרום 40 שריפטן דערמאָנט ער), מיט איר איז אָבער שווער זיך צו באַנוצן. ערגער פאַר אלץ איז אָבער, וואָס זיינע ידיעות זיינען ניט תמיד פריש, אָפט מאָל גענומען פון די דריטע הענט, און דערפאַר פאַסירן מיט אים אויך גאַנץ קאָמישע מיספאַרשטייעניש. — זיין אַרטיקל אין „הזמן" האָב איך ניט געקאָנט קריגן; ה׳ דובנאָוו און ה׳ צינבערג לויבן אים שטאַרק און באַדויערן, וואָס ער איז געבליבן ניט פאַרענדיקט. — ביאָגר. ידיעות וועגן שולמאַן, ז. אונטן, №№ 230—232.

125. LEO WIENER, THE HISTORY OF YIDDISH LITERATURE IN THE NINETEENTH CENTURY, New-York 1899, XV+402 pp.

דאָס איז דער ערשטער פרווו פון אַ יידישער ליטעראַטור־געשיכטע, און אַלס ערשטער פרווו, איז די אַרבעט אַ נישט־קשהדיקע. דער מחבר האָט זיך אָפּגעגעבן דער עיקר מיטן XIX יאָרהונדערט: פון דעסטוועגן אַנטהאַלט זיין בוך אַחוץ דעם אויך אַן אַלגעמיינע הקדמה וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך, וועגן איר קולטורעלער באַטייטונג און קיום, וועגן אירע עלעמענטן, ווייטער וועגן דעם יידישן פאָלקלאָר (שפּריכווערטער, פאָלקס־מעשיות זז. 25—52), פאָלקס־ליד, (זז. 53—71), וועגן דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, די פאָלקס־דיכטער, דעם טעאַטער (זז. 231—244), פּרעסע און וויסנשאַפטלעך־פּובליציסטישער ליטעראַטור (זז. 250—256). דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אַ (ווייניק געלונגענער) כרעסטאָמאַטיע (אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע און אַ גאַנץ גענויער ביבליאָגראַפיע (זז. 357—382). ווינער האָט פאַרשטאַנען זיין אויפגאַבע גאַנץ ברייט און האָט געגעבן אַ סך מער, ווי דער טיטל זאָגט צו. פאָרט פילט זיך אין דער גאַנצער אַרבעט אַ גרויסע אויבנאויפיקייט. — ביאָגר. ידיעות וועגן ווינער זע №№ 226, 226a.

אינטערעסאַנט (אויך אַליין פאַר זיך) זיינען פאָלגנדע צוויי רעצענזיעס אויף ווינערס בוך.

126. נ. סירקינס „די געשיכטע פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור": „דער יוד" (יוסף לוריע), II קראָקע, 1900, 126, № 7.

127. L. Fränkel's : Literaturblatt f. german. u. roman. Philologie, XXII 1901, 386—391.

128. ד״ר נ. סירקין, דער זשאַרגאָן : דער יוד (יוסף לוריע) II, קראָקע, 1900, נג׳ 30, 36—38, 40—42, 47.

ס׳איז אן אַרטיקל איבער דער סאָציאַל־קולטורעלער געשיכטע פון יידיש און איבער זיין צוקונפט. טיף און אויסגעצייכנט איז ה׳ סירקינס אַנאַליז פון דעם לינגוויסטישן און פסיכאָלאָגישן אונטערשייד צווישן די דייטשע און די לשון־קודשדיקע עלעמענטן אין יידיש. דער פובליציסטישער טייל אַנטהאַלט אינטערעסאַנטע געדאַנקען, איז אָבער פול מיט אויפפּאַלנדיקע ווידערשפּרוכן (דער מחבר איז אַ העברעיסט, און זיינע אנטי־יידישיסטישע ראיות זיינען די טיפּסטע אין דער גאַנצער פובליציסטישער ליטעראַטור).

129. FABIUS SCHACH, DER DEUTSCH-JÜDISCHE JARGON U. SEINE LITERATUR : Ost unb West I Berlin 1901, 179—190.

אַ קורצער, פּאָפּולערער, אָבער זייער אינהאַלטסרייכער אַרטיקל, באַרירט אלע הויפּט־דערשיינונגען פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור־אַנטוויקלונג.

130. FÉLIX FALK, MÉLANGES BIBLIOGRAPHIQUES SUR LES LIVRES DE SAMUEL en strophes de Nibelungen..., Lpz. 1909.

130 a. דער זעלביקער Mitteilung zur jüd. Volkskunde, 1908, Berlin 31—51, 79—85, 97—116 u. 128—150.

דער מחבר האָט אַליין איבערגעזעצט זיין ביכל אין דייטש. די אַרבעט איז, צום גרויסן באַדויערן, געבליבן ניט פאָרגעזעצט. ד״ר פאַלק ברענגט אַ קורצע, אָבער זייער אינטערע־סאַנטע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ רייכער ביבליאָגראַפיע. ספּעציעל שטעלט ער זיך אָבער אָפּ אויף דער פראַגע, ווער איז דער מחבר פונעם קלאַסישן געגראַמטן „שמואל־בוך״.

131. HEINRICH LOEWE, DIE SPRACHEN DER JUDEN, Köln 1911.

ד״ר לעווע שטעלט זיך מער אָפּ אויף דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער און פסיכאָלאָגישער זייט. אינטערעסאַנט זיינען די ריין־וויסנשאַפטלעכע טיילן פונעם ביכל ; די פובליציסטישע טיילן (נביאות וועגן דער צוקונפט פון יידיש) זיינען שוואַך און פול מיט ווידערשפּרוכן.

132. M. Pinès, Histoire de la littérature judéo-allemande, Paris 1911.

133. Prof. Andler, Preface. (צו פּינעס געשיכטע)

133a. ד״ר מ. פּינעס, די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור (איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש), וואַרשע, תרע״ב 1911, 2 בענד.

*133ь. М. Я. Пинесъ, Исторія еврейской литературы, съ предисловіемъ и дополненіями С. С. Вермеля, Москва 1912 [Разсвѣтъ 1912 № 49].

דער בוך האָט שוין אין פראַנצויזישן אָריגינאַל אַ קנאַפּן וויסנשאַפטלעכן ווערט, פּונקט אַזוי ווי די וואָסערדיקע הקדמה פון פראָפ. אַנדלער ; בפרט אָבער די יידישע איבערזעצונג וואָס איז לחלוטין עם־הארציש און מוראדיק שלעכט „רעדאַגירט״ (?) און קאָרעגירט. די רוסישע איבערזעצונג האָב איך ניט געזען, און איך האָף, אז זי איז בעסער פאַר דער יידישער. — דאָס איז אַ דאָקטאָר־דיסערטאַציע, געשריבן פאַר פראַנצויזישע פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן קיין שום השגה ניט וועגן דעם ענין, און פון אַ מענטשן, וואָס האָט אפילו אַריינגעלייגט אין זיין בוך אַ סך ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור, אָבער ווייניק קענטעניש. נאָך ווינערס ארבעט קאָן מען דעם בוך אויך ניט פאַרענטפערן מיט דעם, וואָס ער איז אן „ערשטער פרווו״. ער רעדט אַרום אַלצדינג — אי די יידישע שפּראַך, אי איר געשיכטע, דיאַלעקטן און גראַמאַטיק, אי די אַלטע יידישע ליטעראַטור, אי דעם פאָלקסליד, אי די נייערע יידישע ליטעראַטור „ביז דעם 1890 יאָר״ (?). און אויף אַלצדינג ליגט אַ שטעמפּל פון דילעטאַנטיזם. גענוג אָנצווייזן, אַז דער מחבר האָט אין די אויגן ניט געזען קיין איינעם פון די עלטערע יידישע ספרים (הגם ער רעדט וועגן זיי, ווי אַ גרויסער בר סמכא), אַז אַחוץ דער לידער־זאַמלונג פון ה׳ גינזבורג און מאַרעק, האָט ער קיין השגה

ניט פון דעם רייכן יידישן פאָלקלאָר, אַז אַלע זיינע היסטאָרישע ידיעות ווערן געשעפּט פון אַזוינע ניט־זיכערע קוועלן, ווי גרינבוים און ווינער. די ווערטער פון דער הקדמה צו דער יידישער איבערזעצונג, אַז ה׳ פינעס האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט אין די אַרכיוון און ביבליאָטעקן״, מוזן נאָר אַרויסרופן אַ שמייכל ביי יעדן, וואָס האָט אַ באַגריף פון „אַרכיוון און ביבליאָטעקן״. אויך די באהאנדלונג פון דער נייערער יידישער ליטעראַטור באַשטייט ביי פינעסן פון אַ באַרג גימנאַזיסטישע רעפעראַטן, אָן אַ שום לייט־געדאַנק, אָן אַ וויסנשאַפטלעכן בליק — היינט די שפּראַך פון דער איבערזעצונג!

וועגן פינעסעס בוך זיינען מיר באַקאַנט פאָלגנדע רעצענזיעס: *

134. ד״ר מוקדוניס: פריינד, X, 1912, (פעברואַר?).

135. חיים קראַפּטס: דער יודישער אַרבייטער (פּועלי־ציון), XI, לעמבערג, 1912, נ׳ 8.

136. צינבערגס: С. ЦИНБЕРГЪ, НОВЫЙ ИСТОРИКЪ ЖАРГОННОЙ ЛИТЕРАТУРЫ : Разсвѣтъ, Спб. 1912 № № 7—9.

137. יעקב מילכס: צוקונפט, ניו־יאָרק, XX, 1912, 268.

138. ש. ניגערס, דער ערשטער פּרוּוו: די אידישע וועלט, 1912, ספט״ב, נ. 1, זז׳ 69—82.

אַלע רעצענזענטן באַציען זיך צו פינעס בוך מער־ווייניקער נעגאַטיוו. פון די ריין נעגאַטיווע קריטיקעס איז ה׳ ציננבערגס די גענויסטע און גרינדלעכסטע. ה׳ מילך און ה׳ ניגער באַנוגענען זיך ניט מיט דער ריין־נעגאַטיווער קריטיק און ווייזן אויך אָן פּאָזיטיוו, ווי אַזוי דאַרף דאָך געשריבן ווערן אַ יידישע ליטעראַטור־געשיכטע.

*139. К. Житомирскій, Еврейско-нѣмецкое нарѣчіе, его сущность и значеніе : Вѣстникъ О-ва Р. П. Е. въ Россіи, Спб. 1911, кн. 3 и 4 [Разсвѣтъ 1912 № 19—20; Еврейскій Міръ 1911 № 9].

2) אַרטיקלען אין די ענציקלאָפּעדישע ווערטערביכער.

פון די יידישע ענציקלאָפּעדיעס האָט נאָר איינע אַן אַלגעמיינעם אַרטיקל וועגן יידיש־טייטש:

140. י.ד. אייזענשטיין, (שפת) יהודית־אשכנזית אין דער ענציקל. „אוצר ישראל״, ח׳ V, ניו־יאָרק, תרע״א, עמ׳ 75—79.

אַ גאַנץ געלונגענער אַרטיקל, וואָס באַרירט אי די שפּראַך, אי די ליטעראַטור, אי דעם שפּראַך־קאַמף. ה׳ אייזענשטיינס לינגוויסטישע באַמערקונגען (וועגן דעם מקור פון איינצלנע יידישע ווערטער) זיינען אָריגינעל און וויכטיק.

אין דער Jewish Encyclop. און Еврейская Энциклоп. געפינען זיך אַרטיקלען מכח איינצלנע צווייגן פון דער יידישער פילאָלאָגיע:

141. Leo Wiener, Judeo-German (Language) : The Jewish Encyclopedia VIII, New-York 1904, 304-309.

142. Peter Wiernik, Judaeo-German Literature : ibid. VII 309-310.

143. Richard Gottheil a. William Popper, Periodicals ibid. IX 607-615 (1905).

144. Peter Wernik, Drama, Yiddish: ibid. IV 653-654 (1903). ibid. XIII 144—152. (1912).

און חוץ דעם, אייניקע קלענערע אַרטיקלען, וואָס איך וועל ברענגען אין די שייכותדיקע אָפּטיילונגען. — די אַרטיקלען אין דער „דזשואיש ענסיקל״. זיינען גאָרניט ווערט, און אויף די פאַקטישע ידיעות, וואָס זיי גיבן, דאַרף מען זיך ניט פאַרלאָזן.

145. С. ЦИНБЕРГЪ, ДРАМА (ЖАРГОННАЯ): Еврейская Энциклопедія, Спб. VII (1910).

---

* זע אויבן דעם אַרטיקל פון בעל דמיון: „ד״ר פינעסעס געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״.

146. דער זעלביקער, ЛИТЕРАТУРА, РАЗГОВОРНО-ЕВРЕЙСКАЯ: ibid. X 284—292 (1911).

147. דער זעלביקער, ПЕРІОДИЧЕСКАЯ ПЕЧАТЬ: ibid. XII 402—407 (1912).

חוץ דעם האָט ה׳ צינבערג (וועלכער רעדאַגירט אין דער „יעוור. ענציקל״. די אָפּטיילונג פון דער נייערער ליטעראַטור) געגעבן דאָרט נאָך אַ גאַנצע ריי קלענערע אַרטיקלען, וואָס איך וועל ברענגען אונטן.

148. С. ЦИНБЕРГЪ и И. КАПЛАНЪ, ПѢСНИ НАРОДНЫЯ: ibid. XIII 144—152 (1912).

149. С. АН-СКІЙ, ПОСЛОВИЦА: ibid. XII 769—771.

150. דער זעלביקער, ПОГОВОРКА: ibid. XII 598.

151. Б. Бороховъ, Языкъ нѣмецко-еврейскій: ibid. (דרוקט זיך).

דעם יידישן פילאָלאָג וועט געוויס אינטערעסירן, וואָס איז געשריבן געוואָרן בנוגע צו אונדזער שפּראַך אין די ענציקלאָפּעדיעס פון די אומות העולם. פון די פיל פאַרשיידנשפּראַכיקע ענציקלאָפּעדיעס האָב איך געפונען אַרטיקלען וועגן יידיש אין די פאָלגנדע:

152. J. M. Jost, Judenteutsch, Jüdisch-teutsch: Ersch- u. Gruber's Allgemeine Encyklopädie der Wissenschaften und Künste, II Section, Th. 27, Lpz. 1850, 322—324*.

153. Jüdisch-deutscher Dialekt (Judendeutsch): Meyers Konversations-Lexikon. 5 Aufl., Lpz. u. Wien, IX 1895, 651—652; 6 Aufl. X 1905, 343—344.

154. Judendeutsch: Brockhaus' Konversations-Lexikon 14 Aufl. IX Lpz. 1908, s. 1012.

155. Judendeutsch: Herders Konvers.-Lexikon, 3 Aufl., IV Freiburg in Breisgau 1905, s. 1141.

156. Еврейско-нѣмецкій діалектъ или, правильнѣе, жаргонъ: Энциклопедическій словарь изд. Брокгаузъ-Ефрона, т. XIV, Спб. 1894, 485—486.

157. Judéo-Allemand: Nouveau Larousse illustré, Paris, V 433.

158. Juifs, Linguistique: La grande Encyclopédie (H. Lamirault), Paris XXI, 273.

159. Židovska némčina: Slovnik Naučny, Dil X², v Praze, 1872, 505.

160. Joodsch-Duitsch: Winkler Prins' Geïllustreerde Encyclopaedie, 3 Druk, X Deel, Amsterdam 1909, 70.

161. Slang (=גנבים־שפּראַך, זשאַרגאָן): The Encyclopaedia Britannica, 11th Edition, XXV Cambridge 1911, 208.

אין די פריערדיקע אויסגאַבעס פון די פראַנצ. און ענגלישע ענציקלאָפּעדיעס זיינען די אַרטיקלען ניטאָ.

קיין אַרטיקלען ספּעציעל וועגן יידיש איז אין דער בריטאַנ. ענציקל. ניטאָ. ס׳איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אין דער איטאַליענישער ענציקל. איז ניטאָ גאָרנישט וועגן יידיש, דאָס ווונדערבאַרסטע איז אָבער, וואָס ניט אין דער פּוילישער, 1859—1868 Encyklopedyja Powszechna (Warszawa) 1859—1868 ניט אין ביטשס (Beach) גרויסער אַמעריקאַנישער ענציקלאָפּעדיע (The Encyklopedia Americana) אין ניו־יאָרק־טשיקאַגאָ האָב איך ניט געפונען קיין שום אַרטיקל און אפילו קיין שום וואָרט ניט וועגן

* יאָסטס אַרטיקל איז גאָרניט ווערט; ער אַליין איז אָבער געווען פון אים אַזוי נתפּעל, אַז ער האָט אים נאָך איבערגעדרוקט אין זיין "Geschichte des Judenthums u. seiner Sekten", ב. III, לייפּצ., 1859, 203.

דער יידיש־טייטשער שפּראַך. פון די נייע פוילישע ענציקלאָפּעדיעס: (Wielka Encykloped. Powsz. Illustrowana; S. Orgelbranda, Encykl. Powszechna)

האָב איך ניט געזען די לעצטע בענד מיטן אות ž, די גרויסע אונגאַרישע ענציקל. איז נאָך אויך ניט דערגאַנגען ביז די ווערטער Žsidó און németi, דאָס זעלבע די ריזיקע שפּאַנישע ענציקלאָפּ. (Judio). ביידע האָבן ניט לאַנג אָנגעהויבן צו דערשיינען.

3) זאַמלביכער און פּעריאָדישע אויסגאַבעס פאַר יידישער פילאָלאָגיע.

כמעט אין אַלע יידישע וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן פון פאַרשיידענע לשונות קאָן מען געפינען פונאַנדערגעוואָרפענע אַרטיקלען מכח דער יידיש־טייטשער שפּראַך, ליטעראַטור און פאָלקלאָר. אַזוי אין:

Monatsschrift f. Geschichte u. Wissenschaft des Judentums (Frankl, Grätz, Brann); Brüll's Jahrbücher f. jüd. Gesch. u. Literatur; A. Geigers Jüd. Ztschrf. f. Wiss. u. Leben; L. Geigers Ztschr. f. die Gesch. dr J. in Deutschland; Leo Winz' Ost und West; Jahrbuch f. jüd. Geschichte u. Literatur. און אַנדערע דייטשע צייטשריפטן.

ווייטער אין:

Revue des Etudes Juives, Paris; Jewish Quarterly Review, London; Anuarul pentru israeliti (Bucurescî); Magyar Żsidó Szémle (Budapest); Évköny (izr. L. irod. T.);

אויך גאַטירלעך אין די יידישע: השלח, המגיד (=השבוע), אוצר הספרות, Восходъ; „יודישעס פאָלקס־בלאַט", „הויז־פריינד", „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק", „יודישע ביבליאָטעק", „צוקונפט", „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטען", „לעבען און וויסענשאַפט", „דאָס נייע לעבען", „ליטעראַטור" און אנד.

ספּעציעל דער יידישער פילאָלאָגיע זיינען געווידמעט נאָר די פאָלגנדע אויסגאַבעס:

162. MITTEILUNGEN ZUR JÜDISCHEN VOLKSKUNDE, red. von Dr. Max Grunwald, 1889—1912.

ביז דעם 1903טן יאָר איינשליסלעך האָט דער זשורנאַל געהייסן: Mitteilungen der Gesellschaft für jüdische Volkskunde.

די ערשטע זעקס יאָר פלעגט ער דערשיינען צוויי מאָל אַ יאָר, דערנאָך פיר מאָל; די ערשטע זעקס יאָר אין האַמבורג, די יאָרן 1904—1908 אין בערלין, 1909 אין לייפּציג, און פון יאָר 1910 אין ווין. אַרויסגעגעבן ווערט ער פון דער יידישער עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין ווין—האַמבורג. ביז גאָר דער לעצטער צייט איז דאָס געווען די איינציקע צייטשריפט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן ספּעציעל מיט דער יידישער פילאָלאָגיע, און מער פאַר אַלץ מיט פאָלקלאָר. זי ווערט אָבער שוואַך רעדאַגירט און האָט ניט פאַר־שטאַנען צוצוציען גוטע מיטאַרבעטער; אחוץ דר. מאַקס גרונוואַלד און דר. אַלפרעד לאַנדוי פון ווין, ווי אויך ה׳ ווייסענבערג פון יעליסאַוועטגראַד און ה׳ ביילין פון אירקוטסק, איז דאָרט ניט צו טרעפן מער קיין ממשותדיקע זאַכן. די לעצטע צייט באַגעגנט מען דאָרט ניט מער דעם דר. לאַנדוי, און דאָס רופט זיך שלעכט אָפּ אויפן אינהאַלט. כדי דער לעזער זאָל זיך גרינגער אָריענטירן אינעם מאַטעריאַל פון די "Mitteilungen" דינען די „אינהאַלטס־פאַרצייכעניש" פאַר די העפטן 1—6 אינעם ה׳ 7, ז. 100; פאַר די העפטן 7—61 אינעם ה׳ 17, ז. 54; פאַר די הה׳ 17—36 אינעם העפט 37, ז. 171. די אונגאַריש־יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט (Az Izraelite Magyar Irodalmi Társulat), וועלכע גיט אַרויס די מאָנאַטלעכע רעווי Magyar Żsido Szemle און אַ יאָרבוך (Evkönyv) אין בודאַפּעשט, האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אָנגעהויבן זאַמלען מאַטעריאַל מכוח יידישן פאָלקלאָר און יידישער שפּראַך אין אונגאַרן (ווו ס׳וווינען כמעט אַ מיליאָן יידן, וואָס

רעדן יידיש־טייטש), אָבער די געזעלשאַפט קאָן זיך נאָך עד היום ניט אַנטשליסן צו פאַרעפנטלעכן די שוין געזאַמלטע מאַטעריאַלן, ווייל דאָס וועט חלילה זיין ניט גענוג מאַדיאַריש־פּאַטריאָטיש. אין רוסלאַנד הייבן אָן צו דערשיינען זאַמלביכער פאַר יידישער פילאָלאָגיע:

163. זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע, ב. I וואַרשע, 1913.

164. דער פנקס, יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע, רעדאַג. פון ש. ניגער, ווילנע.

די פּערטליאָרשריפט פון דער „ייד. היסטאָריש־עטנאָגראַפ. געזעלשאַפט" (Еврейское Историко-Этнографическ. Общество) «Еврейская Старина» פּעטערבורג, 1909—1912, ברענגט אַ סך מאַטעריאַל וועגן יידישער פילאָלאָגיע — דער עיקר אָבער מכח יידישן פאָלקלאָר (אונטער דער רעד. פון ה' ש. דובנאָוו).

II. געשיכטע און צושטאַנד פון דער יידיש־טייטשער פילאָלאָגיע

1) ביבליאָגראַפיע פון דער יידיש־טייטשער פילאָלאָגיע.

א) לינגוויסטיק.

165. Joh. Severin Vater, Literatur der Grammatiken, Lexica u. Wörtersammlungen aller Sprachen der Welt. 2. Aufl., von B. Jülg. Berl. 1847, 193 (Judendeutsch), ברענגט 13 שריפטן וועגן יידיש־טייטש.

166. Jos. Maria Wagner, die Litteratur der Gauner- u. Geheimsprachen seit 1700: Neuer Anzeiger f. Bibliogr. u. Bibliothekswissenschaft (J. Petzholdt) Dresden 1861, 120 (Judendeutsch) u. 1863 (Nachtrag).

ברענגט ארום 30 שריפטן וועגן יידיש־טייטש.

167. A. LANDAU, BIBLIOGRAPHIE DES JÜDISCH-DEUTSCHEN: Deutsche Mundarten (J. W. Nagl. I, Heft II Wien 1897, 126—132.

ד"ר אלפרעד לאַנדוי ברענגט 64 שריפטן וועגן דער יידישער גראַמאַטיק און לעקסיק.

ב) אַנדערע פילאָלאָגישע צווייגן:

168. IGNACY BERNSTEIN, (KATALOG DZIEŁ TREŚCI PRZYSŁOWICOWEJ SKŁADAJĄCYCH BIBLIOTEKĘ IGNACEGO BERNSZTEJNA, 2 t. Warszawa 1900; II 634 (Juif—żydowski).

אויפן סמך פון בערנשטיינס גרויסאַרטיקן פּראַכט־קאַטאַלאָג האָט דר. לאַנדוי צונויפגעשטעלט און דערגענצט:

169. A LANDAU, BIBLIOGRAPHIE DER JÜD.-DEUTSCHEN SPRÜCHWÖRTER, Mitteilungen d. Gesellschaft t. jüd. Volkskunde, H. VIII, 1901, 115-121.

*170. А. Драбкинъ, Библіографія: Евр. Энцикл. IV, Спб. (1909).

זע אויך אויבן ביי אונדז נ' 130 און 130a.

ג) יידיש־טייטשע פילאָלאָגיע בכלל.

171. Moritz Stern, Quellenkunde zur Geschichte der deutschen Juden B. I, Die Zeitschriftenliteratur, Kiel 1892, 8—10.

ברענגט נאָר דייטשע אַרטיקלען.

172. СИСТЕМАТИЧЕСКІЙ УКАЗАТЕЛЬ ЛИТЕРАТУРЫ О ЕВРЕЯХЪ, изд. «Восхода», Спб. 1893 (?), №№ 3130—3149, 4651—4683 и passim стр. 265—267.

אנטהאַלט נאָר רוסישע שריפטן*

173. MOÏSE SCHWAB, RÉPERTOIRE DES ARTICLES RELATIFS À L'HISTOIRE ET À LA LITTÉRATURE JUIVES parus dans les périodiques de 1783 à 1898, 3 v. Paris 1899—1900.

ה׳ שוואַב, דער ביבליאָטעקאַר פון דער ייד. קהלה אין פּאַריז, האָט אויף זיך גענומען אַ ריזיקע אַרבעט — דורכצוקוקן אַ באַרג מיט זשורנאַלן פאַר אַ משך צייט מער ווי הונדערט יאָר אין די פאַרשיידנסטע מערב־אייראָפּעישע שפּראַכן, אַרויסצוזוכן פונעם באַרג אַלע אַרטיקלען בנוגע צו דער געשיכטע און ליטעראַטור פונעם יידישן פאָלק און צוזאַמענשטעלן פון דעם אַ סיסטעמאַטישע ביבליאָגראַפיע לויטן אלף־בית פון די מחברים. דער דריטער באַנד שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינדעקס (לויט דעם אינהאַלט פון די אַרטיקלען). דאָס ווערק האָט אָבער גרויסע חסרונות: ערשטנס, איז עס דערשינען ניט געדרוקט, נאָר ליטאָגראַפירט, און אָפט מאָל זייער אומדייטלעך; צווייטנס, איז דער אינדעקס אויסגעקומען גאַנץ אויבערפלעכלעך און אַנטהאַלט אין זיך ניט אַלע אָנווייזונגען. חוץ דעם נאָך אייניקע טעכנישע חסרונות ברענגען מיט זיך, אַז דעם בוך צו באַנוצן קאָסט אַליין אַ גרויסע מי (אָפט מאָל אַרויסגעוואָרפענע מי און צייט).

174. לאַזאַר סענעאַן, צו דער געשיכטע פון דער יידישער פילאָלאָגיע (פון פראַנצויזיש, איבערזעצט פון א. גלאַנץ): דאָס נייע לעבן (דר. ח. זשיטלאָווסקי), III, ניו־יאָרק, 1911, 341, 404.

דאָס איז אַן איבערזעצונג פונעם ביבליאָגראַפישן קאַפּיטל פון שעינעאַנוס ווערק (ז. אויבן נ׳ 119 און 120); אָבער דער איבערזעצער, וואָס שטייט, קענטיק, גאַנץ ווייט פון דער פילאָלאָגישער וויסנשאַפט, האָט זיך דערלויבט נאָך זיין אייגענער דעה אַרויסצוואַרפן גאַנצע שטיקער פונעם געלערנטן אַרטיקל; דער עיקר אָבער האָט ער אַרויסגעוואָרפן אלע כראָנאָלאָגישע און ביבליאָגראַפישע דאַטן. אַזוי אַז דעם לעזער קומט אויס זיך אַליין אָנצושטויסן, אַז בוקסטאָרף, למשל, האָט ניט געלעבט פאַרן חורבן בית שני, אָדער וואַגענזייל איז ניט ה׳ גלאַנצס אַ פעטער. ס׳בלייבט אַ קשיא: ווער האָט דערלויבט גלאַנצן צו „פאַרבעסערן" שעינעאַנוס ווערק?

2) מאַטעריאַלן בנוגע דער געשיכטע און צושטאַנד פון דער יידישער פילאָלאָגיע.

א. אין אַלגעמיינעם.

175. "Hebräische Bibliographie" (red. von M. Steinschneider) IX 1869, 59.

אַ נאָטיץ וועגן דעם, וואָס הערמאַן לאָטצע (אַ באַרימטער געלערנטער, א דייטש) האָט אין יאָר 1869 געגרינדעט אין לייפּציג אַ „פעראיין פיר יידיש־דייטשע ליטעראַטור".

* 176. מ. ספּעקטאָר, אויפרוף וועגן די יידישע שפּריכווערטער; „יודישעס פאָלקס־בלאַט" (קאַנטאָר), ספּט״ב 1886, נ׳ 4 (הקדמה צו י.ב. יידישע שפּריכווערטער אין „הויזפריינד").

177. С. Гинзбургъ и П. Марекъ, Воззваніе о собраніи еврейскихъ народныхъ пѣсенъ: Недѣльная хроника «Восхода». 1898 — № 11. 58 № 1898. הצפירה; המליץ 1898, № 71.

178. I. Бикерманъ, Къ спору о языкѣ (?): Еврейскій Міръ, Спб. 1910 № 3.

179. Б. Бороховъ, Пара словъ о пользѣ знанія: Разсвѣтъ, Спб. 1912 № 35.

* אַן אַלגעמיינע באַמערקונג צו די №№ 166—173, 120, 119, 103, 31 און 29: אַלע שריפטן, וואָס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן פונעם „סיסטעמ.אוקאַזאַטעל", פון שוואַב, שטערן, בערנשטיין, לאַנדוי, וואַגנער, פאַטער, שעינעאַנו, אווע־לאַלעמאַן, קעכער און וואָלף בנוגע צו דער ייד.־ט. פילאָלאָגיע, זיינען פון מיר, ווי ווייט מעגלעך, אויסגעזוכט געוואָרן און אריין אין אונדזער „ביבליאָטעק".

ב. ביאָגראַפיעס פון איינצלנע געלערנטע, וואס האָבן געפאָרשט יידיש־טייטש.*

180. Ludwig Geiger, Das Studium der hebräischen Sprache in Deutschland..., Breslau 1870, 51—73.

ברענגט ביאָגראַפישע ידיעות מכוח בעשעטשטיין און פאַגיוס (ז. אויבן, נ׳ 1 און 3) און לעוויטא, ז׳ אויבן נג׳ 82 און 85).

181. Boeschenstein, Johann: Allgemeine Deutsche Biographie III Lpz. 1876, 184 (No. 1 זע אויבן)

182. Boeschenstein, Johannes: Jew. Enc. III. N. Y. 1902, 284.

183. שלמה בובער, תולדות אליהו התשבי (והוא ר׳ אליהו בחור) לפסיא 1855. (ז׳ № 82 און 85).

184. J. Lewi; Elia Lewita als Grammatiker, Breslau 1888.

185. H. Grätz, Geschichte der Juden IX, 3 Aufl. Lpz. 1891, 588 (Register, s. v. Lewita, Elia).

185a. צבי גרעטץ דברי ימי ישראל, מתורגם מאת שאול פנחס ראַבינאָוויץ, ח׳ שביעי, וואַרשא, תרנ״ט (ע׳ „ר׳ אליהו בחור" ברשימת השמות עמ. 450).

186. L. Geiger, Lewita, Elias: Allgem. Deutsche Biographie, XVIII. Lpz. 1883, 505.

187. Lewita, Elias: Jew. Enc. VIII, N. Y. 1904, 46.

188. Левита, Илія: Еврейская Энцикл. X, 118.

189: בחור, אליהו בן אשר הלוי: אוצר ישראל, III, ניו־יאָרק, 1909, 16

190. Fagius, Paul: Allgem. Deutsche Biographie VI Lpz. 1877, 533 (ז. № 3).

191. Fagius, Paulus: Jew. Enc. V, 1903, 325.

191a. J. Perles, Beiträge zur Geschichte der hebräischen und aramäischen Studien, München, 1884, 173.

ברענגענדיק בריוו פון פּוילוס עמיליוס (אַ משומד, אַ באַקאַנטער איבערזעצער פון חומש אין יידיש־טייטש), שטעלט פּערלעס אַרויס די השערה, אַז פּוילוס עמיליוס איז דער אמתער מחבר פון ספר מדות (ז׳ אויבן, № 84) — אַלזאָ, אויך פון די ערשטע אָרטאָגראַפישע כללים אין יידיש־טייטש.

192. Anschel: Jew. Enc. I, N. Y. 1901, 161, ז. אויבן נומ׳ 83.

193. Buxtorf, Johann: Allgem. Deutsche Biogr. III Lpz. 1877, 668—673.

194. Buxtorf, Johannes: Jew. Enc. III, 1902, 466. (ז׳ אויבן № 6.)

195. בוקסטאָרף, יוחניס: אוצר ישראל, III, ניו־יאָרק, 1909, 13.

196. M. Kayserling, Richelieu... Buxstorf et... Roman: Revue des Etudes Juives VIII, Paris 1884, 70.

197. דער זעלביקער Correspondants juifs de Jean Buxtorf: ibid XIII, 1886, 260.

198. Hannover, Nathan Nata: Jew Enc. VI 1904, 220. (ז׳ אויבן, № 91).

199. הנובר, נתן בן משה: אוצר ישראל, IV, ניו־יאָרק, 1910, 164

200. Wagenseil, Joh. Christoph: Allgem. Deutsche Biogr. XL 1896, 481—483.

---

* איבער ריין־צופעליקע סבות זיינען אַהער ניט אַריין די ביאָגראַפיעס פון די פילאָלאָגן און פאָלקלאָריסטן דרייזין, גאָלאָמב, י.ל. כהן, ד״ר ספּיוואַק, ש. גינזבורג, לאַזער שעינעאַנו, אַלפרעד לאַנדוי, ש. ציַנבערג, פ. פאַלק, יעקב גערצאָן, ווי אויך פון דעם ערשטן יידישן לעקסיקאָגראַף ישוע ליפשיץ. די ביאָגראַפיעס פון צונץ, ש. דובנאָוו, אברהם אליהו הרכבי, פ. מאַרעק א. אַנד. געהערן צו אַן אַנדער פּרק און זיינען בכלל לייכט צו געפינען.

201. Wagenseil, Joh. Christoph : Jew. Enc. VII 1906 455.

(ז' אויבן, №№ 26, 27).

202. Schudt, Joh. Jakob : Allgem. Deut. Biogr. XXXII, 1891, 651.

203. Schudt. Joh. Jakob : Jew. Enc. XI 1905, 112. (ז' אויבן, № 28).

204. Wolf, Joh. Christoph : Allgem. Deut. Biogr. XLIV, 1898, 545—548.

205. Wolf. Joh. Christoph : Jew. Enc. XII 1906, 549.

(ז' אויבן, № 29).

206. Callenberg, Johann Heinrich : Allgem. Deut. Biogr. III 1876, (ז. אויבן, №№ 17, 18).

207. Callenberg, Johann Heinrich : Jew Enc. III 516.

208. Chrysander, Wilhelm Chrystian Justus : Allgem. Deut. Biogr. IV 1876, 252 u. (Berichtigung) XXIV 1837, 784 (ז. אויבן, №№ 20, 21)

209. Rée, Anton : Allgem. Deut. Biogr. LIII, 1907, 255—258

(ז. אויבן, № 101)

אַ נעקראָלאָג אויף אַנטאָן ריי אין

210. Allgemeine Zeitung des Judentums (G. Karpeles) 1891, 38.

211. Avé-Lallemant, Friedrich Christian Benedikt : Allgem. Deut. Biogr. XLVI 1902, 144 (זע אויבן No. 103).

212. S. Karlebach, Geschichte d. Juden in Lübeck u. Moisling, Lübeck 1898, 136—138.

קאַרלעבאַך ברענגט אַ פּאָר פאַקטן מכח אווע־לאַלעמאַנס באַציונג צו יידן.

213. Avé-Lallemant, Fr. Chr. B. : Jew Enc. II 1902, 343.

214. Steinschneider, Moritz : Constant v. Wurzbach, Biographisches Lexikon des Kaisertums Oesterreich, XXXVIII Wien 1879, 160—167.

215. Steinschneider, Moritz : Jew. Enc. XI, 1905, 545—547.

שטיינשניידערס ביאָגראַפיעס קאָן מען געפינען אין פיל ענציקלאָפּעדישע ווערטערביכער פון די אומות העולם, ווי אויך אין פאַרשיידענע יידישע און ניט־יידישע צייטשריפטן צו דער צייט פון זיינע געבורט־יובילייען (1876, 1886, 1896, 1906), און נעקראָלאָגן (ער איז געשטאָרבן 24סטן יאַנואַר 1907).

216. A. Berliner, Die Schriften des Dr. M. Steinschneider, zu seinem 70 Geburtstage zusammengestellt, Berlin 1886.

217. G. A. Kohut, Bibliography of the Writings of Prof. Dr. Moritz Steinschneider : Festschrift zum 80 Geburtstage Mor. Steinschneider's, Lpz. 1896.

218. A. G—g, Nachtrag zu G.A. Kohut, Bibliography of the Writings of M. Steinschneider : Zeitschr. f. hebräische Bibliographie (Brody u. Freimann) V 1901, 189—190.

219. דער זעלביקער, Nachtrag... bis 1904 : ibid. XIII, 1909, 90—92.

220. דער זעלביקער, Nachtrag 1905—1906 : ibid. XIII, 1909, 94—95.

בערלינער, קאָהוט און ג—ג האָבן צונויפגעשטעלט גענויע רשימות פון שטיינשניידערס הונדערטער פאַרשיידענע שריפטן, ביכער, (אַרטיקלען און נאָטיצן), וואָס דער דאָזיקער גאונישער ביבליאָגראַף, היסטאָריקער און לינגוויסט האָט אָנגעשריבן אין זיין לעבן (דער גאון פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע האָט געלעבט 91 יאָר).

221. L. Fränkel, Grünbaum, Maier (Max), Allgem. Deutsche Biogr., XLIX 1904, 589—594.

222. Grünbaum Max : Jew. Enc. VI, 1903, 99.

גרינבוימס נעקראָלאָגן (ער איז געשטאָרבן דעם 11טן דעצ. 1898) זיינען געווען אין פיל יידישע צייטשריפטן.

223. W. Bacher, Joseph Perles: Jewish Quarterly Review VII London 1894, 1—23.

224. Perles Joseph: Jew. Enc. XI 1904, 642.

225. Перлесъ, Іосифъ: Евр. Энц. XII 1912, 440.

226. Wiener Leo: Jew. Enc. XII 1906, 516.

* 227. אלכסנדר הרכבי, אויטוביוגראפיה: הלאום III, ניו־יאָרק, 1913 [Jew. Enc. VI 234].

226a. ווינער, ליאו־אוצר ישראל, IV, ניו־יאָרק, 1910, 206.

228. אַלכסנדר הרכבי, לשאלת שפת יהודית־מדוברת; הצפירה, 1888, № 207—208.
דער אַרטיקל האָט איצט מער אַ ביאָגראַפישע באַטייטונג, איידער אַ פּובליציסטיש־לינגוויסטישע.

229. Harkavy Alex.: Jew. Enc. VI 1903, 233.

229a. Гаркави, Алекс.: Евр. Энц. VI, 1910.

230. 25 יאָריקער יובילעאום פון ל. שולמאן: דער יוד (י. לוריע, III) קראָקוי, 1901, נ׳ 17 (אַ בריוו פון קיעוו).

231. ר. ברייניז, אלעזר שולמאן (צו זיין יובילעאום): יידישער פאָלקס־קאַלענדאַר (ג. באַדער), VII, לעמבערג, תרס״ב, 104—106.

232. ר׳ אלעזר שולמאן (לחג יובלו): לוח אחיאסף לשנת תרס״ב, וואַרשא, עמ׳ 351—355.

233. ד״ר פיליפּ מאַנש: ספר זכרון, וואַרשע, 1888, עמ׳ 67—68 (שוואַרץ).

234. Schwarzfeld Moses: Jew. Enc. XI, 120.
מאזעס שוואַרצפעלד איז אַ היסטאָריקער און פאָלקלאָריסט אין רומעניע.

235 Bernstein, Ignacy: Encyklopedja powszechna (S. Orgelbrand) Warszawa, 1898.

236. Bernstein Ignacy: Jew. Enc. III, 1902, 100.

236a. Бернштейнъ, Игнацъ: Евр. Энц. IV.

236b. בערנשטיין, איגנאַצי; אוצר ישראל, III, 1909, 152.

237. Ан—скій (Раппопортъ С. А.): Евр. Энц. II.

237. Ан-скій (Раппопортъ С. А.): Евр. Энц. II.

אויך אַרטיקלען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן צו ה׳ אַנ—סקיס 25 יאָריקן יוביליי, פעבר. 1910.

238. Прилуцкій Ной: Еврейская Энциклоп. XII, Спб. 912, 920.

ישוע ליפשיצס ביאָגראַפיע האָב איך אין ערגעץ נישט געפונען *

III. יידיש־טייטשע ביבליאָגראַפיע און ביבליאָטעק־וויסנשאַפט

1) ביבליאָגראַפיע אין ענגן זינען.

239. Leopold Zunz, Essay on the geographical literature of the Jews... (in the Asher's edition of the travels of Benjamin of Tuleda. Berlin 1840—1841, II 230).

239 a. דער זעלביקער, Zur Geographischen Literatur der Juden: Dr. Leopold Zunz' Gesammelte Schriften, I, Berlin, 1875, 146.

צו דער יידיש־טייטשער געאָגר. ליטעראַטור געהערן ביי צונץ די נ׳ 92, 100, 101, 113, 116, 117, 120, 121a, 125.

---

* ישוע ליפשיץ פון בערדיטשעוו איז דער ע ר ש ט ע ר יידיש־טייטשער פילאָלאָג אין רוסלאַנד, וואָס האָט נאָך אין די 60־ער יאָרן פאַרפאַסט 2 גרויסע יידישע ווערטערביכער (ז׳ אונטן № 309 און 310). די ביאָגראַפיע פון אָט דעם מענטשן, וואָס האָט אַזוי פיל געאַרבעט און געקעמפט פאַר אונדזער שפּראַך (און אויך פאַר אירע קולטורעלע רעכט), וועט איר אומזיסט זוכן אין דער „יעוור. עקציקל״.

240. דער זעלביקער, Hebräische Drucke in Mantua: Zunz, Zur Geschichte u. Literatur, I, Berlin, 1845, (173, 257).

241. דער זעלביקער, Annalen der hebräischen Typographie von Prag, ibid. 274.

242. MORITZ STEINSCHNEIDER, JÜDISCH-DEUTSCHE LITERATUR nach einem handschriftlichen Katalog der Oppenheimschen Bibliothek...

Serapeum, Zeitschr. f. Bibliothekswissenschaft, Handschriftenkunde u. ältere Literatur (R. Neumann IX Lpz. 1848, 313—336, 344—352, 363—368, 375—384; X 1849, 9—16, 25—32, 42—48, 74—80, 88—96, 107—112, (u. Register: Intelligenz-Blatt, Beilage zum "Serapeum", 1849, 54, 57, 68).

משה שטיינשניידער איז, ווי מיר וועלן נאָך זען צענדליקער מאָל, דער אמתער גאון פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע און ליטעראַטור־געשיכטע, און זיינע ווערק קאָן זיך אַ יידישער פילאָלאָג פון אָרט ניט אַ ריר טאָן. שטיינשניידערס וויכטיקערע ווערק מוז מען תמיד האָבן אונטערן האַנט, אויב מ'וויל ניט בלאָנדזשען אין דער פינצטער און אַרויסזויגן פון די פינגער. אין דעם אָט ערשט דערמאָנטן אַרטיקל באַשרייבט שטיינשנ. 385 געדרוקטע יידיש־טייטשע ספרים, וואָס זיינען דערשינען פונעם אָנהויב פון XVI יאָרהונד. ביז אַרום 1740 יאָר און געפינען זיך אין דער באָדלעיאַנישער ביבליאָטעק אין אָקספאָרד.

243. דער זעלביקער JÜDISCH-DEUTSCHE LITERATUR U. JÜDISCH-DEUTSCH: Serapeum XXV 1864, 33—45, 49—61, 65—78, 81—95, 97—103.

דאָ באַשרייבט שטיינשנ. 64 יידיש־טייטשע כתב־ידן פון פאַרשיידענע מערב־אייראָפּעיִשע ביבליאָטעקן, דערהויפּט אָבער אָקספאָרד און מינכען.

244. דער זעלביקער, JÜD.-D. LIT. U. JÜD.-D., 2 ARTIKEL,— DAS MAASSE-BUCH: Serapeum XXVII 1866, 1—12.

245. דער זעלביקער, JÜD.-D. LIT. U. JÜD.-D., NACHTRÄGE: Serapeum XXX 1896, 129—140, 145—159.

(וועגן די אלטע טייטש־חומשים און יידיש־טייטשע איבערזעצונגען פון תנ"ך בכלל).

246. דער זעלביקער, Eine deutsche Übersetzung von "Prinz u. Derwisch" u. Buch Esther in Reimen: Hebr.: Bibl. VII 42—44.

247. דער זעלביקער DEUTSCHE GEBETBÜCHER: Hebräische Bibliographie (Benzian u. Steinschn.) XII 1872, 125—129.

248. דער זעלביקער, Schach bei den Juden: A. v. d. Linde, Geschichte u. Bibliographie des Schachspiels, Berl. 1837, 182.

249. דער זעלביקער, Die Jüd. Frauen u. die Jüd. Literatur: Hebr. Bibliogr. XIX 1879, 83.

250. דער זעלביקער, Letteratura delle donne: Il Buonarotti, scritti sopra le arti e le lettere (E. Narducci) Roma XV—XVIII, 1880, 1883, p.

251. דער זעלביקער, PURIM UND PARODIE: ISRAELITISCHE LETTERBODE (M. ROEST), Amsterdam, VII 1881, 1-13, IX 1883, 45-58.

שטיינש. ברענגט דאָ 31 אויסגאַבעס פונעם „פורים־שפּיל".

252. דער זעלביקער, HEBRÄISCHE DRUCKE IN DEUTSCHLAND: Ztschr. f. d. Geschichte d. Juden in Deutschland (L. Geiger), Braunschw. I 1887, 103—105, 281—287, 377—382, II 1888, 200—203, III 1889 84—86, 262—274.

253. דער זעלביקער, Bibliogr. Notiz: Jahrbücher f. jüd. Gesch. u. Literatur (N. Brüll), IX Fr. a M. 1889.

254. דער זעלביקער, , Jüdische Schriften zur Geographie Palästinas.

אינעם „חלק אשכנזי" פון א. מ. לונצס יאָרבוך „ירושלים", ירושלים, תרנ"א—נ"ב.

איך האָב אויך געזען אַ באַזונדערן אָפּדרוק (ס"ה אין 50 עקז. — Jerusalem, 1892).

255. דער זעלביקער, PURIM UND PARODIE: Monatschrift f. Geschichte u. Wissenschaft des Judentums (Brann), XLVI—XLVIII (Neue Folge X—XII) Breslau 1902—1904.

וויכטיק איז פאַר דער יידיש־טייטשער ליטעראַטור יענער חלק, וואָס גייט אינעם ב. XLVII (XI) קאַפּ. IV (Dramen), זז. 84—89, 279—286, 360—370, 468—474. דאָ ברענגט שטיינשנ. 15 אויסגאַבעס פון ייד.־טייטשן פּורים־שפּיל, ווי אויך פאַרשיידענע אויסגאַבעס פון יידיש־טייטשע חנוכה־ביכלעך, זמירות לחנוכה, מגילות אנטיוכוס א. דגל.

256. דער זעלביקער, DIE GESCHICHTSLITERATUR DER JUDEN IN DRUCKWERKEN UND HANDSCHRIFTEN, I Abteil. Fr. a. M. 1905.

257. דער זעלביקער, MATHEMATIK BEI DEN JUDEN, Monatschr. f. Gesch. u. Wiss. d. Judentums (Brann) XLIX — LI (N. F. XIII—XV) Breslau 1905—1907.

מיר וועלן נאָך אָפּט מאָל באַגעגענען דעם גאון פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע. דערווייל וועל איך באַמערקן, אַז נאָר די נג' 242 — 248 באַשעפטיקן זיך ספּעציעל מיט דער יידיש־טייטשער ליטעראַטור. אַלע איבעריקע ווערק פון שטיינשנ. האָבן צו טאָן בעיקר מיט דער העברעיִשער ליטעראַטור, און די יידיש־טייטשע ביכער באַשרייבט ער נאָר דאָרט, וווּ דאָס קומט אויס מחמת כראָנאָלאָגישע אדער אַנדערע ביבליאָגראַפישע טעמים. דערפאַר קומט אויס אַ יידיש־טייטשן פילאָלאָג זיך געווינען אָפּמאַטערן און אומזיסט פאַרלירן פיל צייט, דורכקוקנדיק שטיינש. ווערק, ביז מ'באַגעגנט דאָרט אַ יידיש־טייטשן בוך. שטיינשניידערס ווערק זיינען אַ ים מיט העברעיִש־ביבליאָגראַפישע ידיעות, וווּ ניט ווו דורכגעמישט מיט יידיש־טייטשע (אויך יידיש־אַראַבישע, יידיש־פראַנצויזישע א. דגל.) און זיי וואַרטן נאָך אויף אַ קראַפט, וואָס זאָל קומען אַרויסגעפינען און צונויפשטעלן די יידיש־טייטשע אינדזלען אין איין קאָנטינענט. — ביאָגר. ידיעות וועגן שטיינשנ., ז' № 214—220.

258. JOS. PERLES, BIBLIOGRAPHISCHE MITTEILUNGEN AUS MÜNCHEN: Monatsch. fr. Gesch. u. Wiss. d. J. (Grätz) Krotoschin 1876, 350—375.

259. דער זעלביקער, Notice: Revue des Etudes Juives, Paris 1882, 315.

260. דער זעלביקער, BEITRÄGE ZUR GESCHICHTE DER HEBRÄISCHEN U. ARAMÄISCHEN STUDIEN, München 1884.

פערלעס גיט זייער וויכטיקע ביבליאָגר. ידיעות (אויפן גרונד פון דער קעניגל. ביבליאָטעק אין מינכען) און ברענגט אויך אַ סך פראַגמענטן און אינטערעסאַנטע ציטאַטן פון די עלטסטע יידישע כתבי־ידן, נאָר ער שרייבט שרעקלעך ניט־סיסטעמאַטיש, און דעריבער איז אים שווער צו באַנוצן. אינטערעסאַנט זיינען פאָלגנדע רעצענזיעס אויף פערלעס בוך.

261. M. Steinschneider's: Deutsche Literaturzeitung (Rödiger), Berlin 1885, 262.

262. Frankl's: Monatschr. f. Gesch. u. Wiss. des J. (Grätz), 1885, 278, 332.

263. Ed. Biberfeld, Die hebräischen Druckereien zu Karlsruhe in Baden und ihre Drucke: Ztschr. f. Hebr. Bibliogr. I—III 1896—1899.

ס'איז פאַראַן אויך אַ באַזונדערע אויסגאַבע: קאַרלסרוהע, 1898.

264. A. FREIMANN, NOTIZ: Ztschr. f. Hebr. Bibliogr. III 1899, 62—63.

אַ נאָטיץ מכח 4 יידיש־טייטשע כתבי־ידן אין דער פראַנקפורט־מאַינער שטאָט־ביבליאָטעק, וואָס זיינען פריער געווען ניט באַקאַנט.

265. С. Е. Винеръ, Библіографическій указатель сборниковъ пѣсенъ на разговорно-еврейскомъ языкѣ, находящихся въ Азіатскомъ Музеѣ Академіи Наукъ (Приложеніе

къ сборнику еврейск. народ. пѣсенъ Гинзбурга и Марека, Спб. 1901)

266. M. Weinberg, Die hebr. Druckereien in Sulzbach: Jahrbuch d. Jüdisch-Literarischen Gesellschaft, I, Fr. a. M. 1903, 19—202.

267. R. GOTTHEIL a. W. POPPER, LIST OF PERIODICALS: Jewish Encyclopedia IX N. Y. a. London, 1905, 616—640.

אַ גרויסע רשימה (נאָכן אלף־בית) פון יידישע צייטשריפטן פון פאַרשיידענע לענדער אין די פאַרשיידנסטע שפּראַכן. ניט קוקנדיק, וואָס אין דער רשימה פעלן אייניקע צייטשריפטן, איז דאָס פון דעסטוועגן אַן אומגעהייער נוצלעכע אַרבעט. די „יעוו. ענציקל.״ (פּעטערבורג) האָט די רשימה ניט איבערגעזעצט: מסתמא דערפאַר, ווייל איר האָבן געפעלט קרעפטן זי צו דערגענצן ביז די לעצטע יאָרן.

268. ISRAEL DAVIDSON, PARODY IN JEWISH LITERATURE, New-York 1907.

צו דעם וויכטיקן בוך וועלן מיר זיך נאָך אומקערן. אויף ז. 209—263 ברענגט דעווידסאָן אַ ביבליאָגר. רשימה פון פאַרשיידענע פּאַראָדיעס (פּורים־שפּיל, הגדות של פּסח חנכּה־פּאַראָדיעס א. דגל.) אין העברעיש און יידיש־טייטש ביז גאָר דער לעצטער צייט.

269. Löwenstein, Historische Lieder · Ztschr. f. Hebr. Bibliogr. VII 1910, 124—127.

אַ רשימה פון אַלטע יידיש־טייטשע און העברעישע לידער, וואָס געפינען זיך אין פאַרשיידענע ביבליאָטעקן.

270. Notiz: Ztschr. f. Hebr. Bibliogr. V, 1901, 159.

וועגן אַ צייטונג („דירנפורטער פּריפילעגירטע צייטונג״), וואָס איז דערשינען אין דער דייטשער שפּראַך מיט יידישע אותיות אין יאָר 1771.

271. SIGM. SEELIGMANN, NOTIZ: ZTSCHR. F. HEBR. BIBLIOGR. VII 1903, 24—25.

וועגן אַ יידיש־טייטשער צייטונג, וואָס פלעגט דערשיינען צוויי מאָל א וואָך אין אַמסטערדאַם אין 1686—1687סטן יאָר מיטן נאָמען „דינשטאַגישי קוראַנט״ און „פרייטאַגישי קוראַנט״. זעליגמאַן האָט פון איר געזען אַרום הונדערט נומערן (טאַקע אין דער ייד.־טייטשער שפּראַך).

*272. С. Цинбергъ, Евр. Энц. IV. "Beobachter an der Weichsel":

דער „בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסל״ איז געווען דער ערשטער יידישער אָרגאַן אין רוסלאַנד (וואַרשע, 1823) — אין דער דייטשער שפּראַך מיט יידישע אותיות. זע אויך № 125.

2) ביבליאָגראַפישע צייטשריפטן.

273. המזכיר — Hebräische Bibliographie, hrsg. von Jul. Renzian, red. von Moritz Steinschneider, Berlin 1858—1865, 1869—1882.

274. Zeitschrift für Hebräische Bibliographie, hrsg. von H. Brody u. A. Freimann, 1896—1913.

פון 1896 ביז 1899 רעדאַגירט נאָר פון ד״ר בראָדי און דערשינען אין בערלין; פון 1900סטן יאָר אָן דערשיינט זי אין פראַנקפורט־מאין; 1900—1905 רעדאַגירט פון בראָדי און פריימאַן, פון 1906טן יאָר אָן, נאָר פון פריימאַן. די דאָזיקע צייטשריפט וויל זיין דער המשך פון שטיינשניידערס „המזכיר״.ביידע צייטשריפטן רעגיסטרירן גאַנץ גענוי אַלץ, וואָס ס׳דערשיינט פון העבראַיקא און יודאיקא, אָבער די יידיש־טייטשע אויסגאַבעס ווערן כמעט ניט פאַרצייכנט. חוץ דעם דרוקן זיך דאָרט קאַטאַלאָגן, ביבליאָגר. אַרטיקלען און נאָטיצן (זעלטן אויך וועגן יידיש־טייטשער ליטעראַטור).

275. ירושלים, ירחון ספרותי־ביבליוגרפי, השקפה על ספרות ישראל בכל הלשונות, נערך ע״י (יונה) קרפל, קראָקא, תרס״ח.

דאָס איז געווען דער ערשטער, און אַ גאַנץ געלונגענער פּרווו צו רעגיסטרירן אַלץ, וואָס ס׳דערשיינט פון יודאַיקא און העברעאיקאַ, אויך די ייִדיש־טייטשע ליטעראַטור האָט דערביי פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט. די צײַטשריפט האָט אָבער אויפגעהערט צו דערשיינען, און דעם ייִדיש־טייטשן ביבליאָגראַף קומט נאָך אַלץ אויס צו גראָבן זיך אין דער „ליטעראַרישער כראָניק״ פון פאַרשיידענע ייִדישער בלעטער. די בעסטע „כראָניק״ (ביבליאָגראַפיע) ווערט געגעבן:

פאַר רוסלאַנד: אין שלום עליכמס „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק״ (1888, פאָלג., קיעוו), י. ל. פּרצס „בלעטלאַך״, „דער יוד״ (1899 פאָלג., קראָקע), „לעבען״ (1905, ס׳פּעטערבורג), „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען״ (1908, ווילנע), „לעבען און וויסענשאַפט״ (1909 פאָלג., ווילנע).

«Восходъ»; «Недѣльная хроника Восхода»; «Еврейская Жизнь»; «Разсвѣтъ»; «Еврей скій Міръ».

פאַר גאַליציע און בוקאָווינא: „ד״ר בירנבוימס וואָכענבלאַט״ (1908, טשערנאָוויץ), „דער יודישער ארבייטער״ (אָרגאַן פון די פּועלי־ציון אין עסטרייך, קראָקע—לעמבערג, 1912—1903); “Kalender f. Israeliten (Ost. isr. — Union)” ברענגט רשימות פון ייִדישע צײַטשריפטן אין עסטרייך (1913—1892).

פאַר אַמעריקע: „אַמעריקאַן דזשויש יירבוק״ (ענגליש, ניו־יאָרק, 1913—1899), — פאַרצייכנט אַלע ייִדישע בלעטער; „די צוקונפט״ (1912—1892, ניו־יאָרק); „דאָס נייע לעבן״ (1912—1908, ניו־יאָרק).

די אַלע צײַטשריפטן ברענגען אָפט מאָל רעצענזיעס, אויך ליטעראַריש־קריטישע. סיסטעמאַטישע ליטעראַריש־קריטישע ביבליאָגראַפיע ווערט אָבער ווייניק געפירט; די וויכטיקסטע פון די לעצטע זיינען געווען אין די פריערדיקע יאָרן:

276. КРИТИКУСЪ, ОСТАТКИ ЛИТЕРАТУРНОЙ ЖАТВЫ ПОСЛѢДН. ГОДА.

277. דער זעלביקער, НОВОСТИ ЖАРГОННОЙ ЛИТЕРАТУРЫ.

278. דער זעלביקער, ЛИТЕРАТУРНАЯ ЛѢТОПИСЬ.

און דגל. אין „וואָסכאָד״ (פּעטערבורג) אין די 80ער און 90ער יאָרן. קריטיקוס איז דער פּסעוודאָנים פון ה׳ ש. דובנאָוו.

279. בעל מחשבות, צייטונגס־שטימען, (מער מכוח העברעישע צייטונגען).

280. דער זעלביקער, נייע ביכער.

אין „דער יוד״, קראָקע, 1899—1902. בעל מחשבות (ד״ר א. עליאַשעוו) פלעגט זיך אָפּט חתמען „א. ע.״

281. С. ЦИНБЕРГЪ, ОБЗОРЪ ЕВРЕЙСКОЙ ПЕЧАТИ:

אין „וואָסכאָד״ 1906—1902 (אויך אַ סך מכוח דער העברעישער פּרעסע). ה׳ צינבערג פלעגט זיך דערביי חתמען “Z”.

3) ביבליאָגראַפיש־ביאָגראַפישע ווערטערביכער.

ערשטנס, קומען אַהער אלע ייִדישע ענציקלאָפּעדיעס, באַזונדערס אָבער די „יעווריעיסקאַיא ענציקלאָפּעדיאַ״, וווּ די דאָזיקע אָפּטיילונג ווערט רעדאַגירט פון ה׳ ש. צינבערג (סט. פּעטערבורג, 16 בענד, 1908—1913).

282. Julius Fürst, Bibliotheca Judaica, 3 Bde, Lpz. 1849—1863.

דאָס איז אַ ביבליאָגר. ווערטערבוך פון „יודאַיקאַ״ (ד. ה. ליטעראַטור וועגן ייִדן און וועגן ייִדנטום), אָבער טיילווייז אויך פון „העבראַיקא״ (ד. ה. העברעישע, תלמודישע, רבנישע, ייִדישע ליטעראַטור אוז דגל.). פירסטס ידיעות זיינען אָבער אָפט מאָל ניט־גענוי אָדער גאָר אומריכטיק, און שטיינשניידער “Bibliograph. Handbuch üb. die... Literatur f. hebr. Sprachkunde” Lpz. 1856, Vorrede s. XVI איז גאַנץ גערעכט, ווען ער באַהויפּט, אַז פירסטס ווערטערבוך האָט ניט קיין וויסנשאַפטלעכן ווערט.

283. יצחק אייזיק... בן יעקב, אוצר הספרים, ספר ערוך לידיעת ספרי ישראל נדפסים וכתבי יד עד שנת התרכ״ג לפ״ג (1863), ווילנא, 1880.

ביי דער דורכפירונג פון דער ריזיקער אַרבעט האָט אויך געהאָלפן משה שטיינשניידער. דער ווערטערבוך פאַרצייכנט אויך די יידיש־טייטשע ספרים. דער גרעסטער חסרון פונעם בוך איז — דער פעלן פון אַ גוטן אינדעקס.

284. Ch. D. Lippe, Bibliographisches Lexikon der gesammten jüdischen Literatur der Gegenwart, 2 Bde, Wien 1881 u. 1887. Neue Serie, I, Wien, 1899.

יידיש־טייטשע שריפטן זיינען דאָרט געלאָזן כמעט ביי דעם זייט. דערפאַר אָבער געפינט מען דאָרט די נייטיקסטע קורצע ביאָגראַפישע ידיעות אויך וועגן יידיש־טייטשע שרייבער (דעמאָלט האָבן זיי נאָך אַלע געשריבן אויך העברעיש) און רשימות פון יידיש־טייטשע צייטשריפטן. יעדער באַנד גייט נאָכן אַלף־בית פון די מחברים.

285. ספר זכרון לסופרי ישראל החיים אתנו כיום, נערך ע״י נ. סאָקאָלאָוו, וואַרשע, תרמ״ט. האָט צוויי אָפּטיילונגען: אַ ביאָגראַפישע און אַן אויטאָביאָגראַפישע. אין יעדער אָפּטיילונג גייען די שרייבער נאָכן אַלף־בית. אינעם ערשטן טייל זיינען פאַר אונדז וויכטיק די ביאָגראַפיעס פון גאָטלאָבער, גאָלאָמב, גאָלדפאַדען, דיק, לינעצקי, ספעקטאָר, צעדערבוים, שלום עליכם, ראַוויניצקי, שייקעוויטש; אין דער צווייטער — די אויטאָביאָגראַפיע פון מענדעלע מו״ס.

4) פסעוודאָנימען־ווערטערביכער.

286. מ.זאַבאָלאָצקי, אוצר הפסודונימים... ברדיטשוב תרס״ב.

זאַבאָלאָצקי ברענגט 355 פסעוודאָנימען פון 196 יידישע מחברים, וואָס שרייבן אין פאַרשיידענע שפּראַכן (העברעיש, יידיש, רוסיש, דייטש). דער ביכל האָט אָבער, אַלס ערשטער פּרווו, אויך געוויסע חסרונות: ער פאַרטייטשט דעם פסעוודאָנים אויפן ריכטיקן נאָמען, און פאַרקערט — ניט; חוץ דעם פעלן דאָרט פיל פסעוודאָנימען („גר צדק״ — ד״ר א. עליאַשעוו; רבי קצין״ — ראַוויניצקי; „דער משוגענער פילאָסאָף״ און „בן נץ״ — ווינטשעווסקי, מאַטהיאַס אחר — ד״ר נתן בירנבוים און אַנד.); אַפילו „מענדעלע מוכר ספרים״ איז ניטאָ (פאַראַן „מנדלי מו״ס!). פון דעסטוועגן בלייבט זאַבאָלאָצקיס ביכל אַ נייטיקער פאַרן יידישן ליטעראַטור־היסטאָריקער. קיין בעסערס האָבן מיר עד היום ניט. צו דערגענצן זאַבאָלאָצקיס ידיעות קאָנען נוצן:

287. Isr. Davidson, Pseudonimous Literature a. writers: Jewish Encyclop., X 1905, 256—261.

288. William Zeitlin, Anagramme, Initialen u. Pseudonyma neuhebräischer Schriftsteller u. Publizisten: Ztschr. f. Hebr. Bibliogr. IX 1905, XIV, 1910 u. XV, 1911.

דעווידסאָן און צייטלין ברענגען נאָר די מחברים, וואָס שרייבן העברעיש.

289. С. Цинбергъ, Псевдонимы: Евр. Энцикл. XIII 1912, 102.

ברענגט אייניקע נייסטע פסעוודאָנימען פון ייד. שרייבער אין פאַרשיידענע שפּראַכן.

5) יידישע ביבליאָטעק־וויסנשאַפט.

290. OPPENHEIM, DAVID-BEN-ABRAHAM: Jew. Enc. IX, 410—411.

290a. ОППЕНГЕЙМЪ, ДАВИДЪ-БЕНЪ-АВРААМЪ: Евр. Энцикл. XII, 109—110.

דער רוסישער אַרטיקל איז איבערגעזעצט פונעם ענגלישן. דוד בן אברהם אָפּפּענהיים איז געווען דער ערשטער גרויסער זאַמלער פון יידישע ספרים (XVII—XVIII יאָרהונד.).

און נאָך זיין טויט איז אַ גרויסער טייל פון זיין ביבליאָטעק אַריבער אין דער באָדלעיאַנישער ביבליאָטעק אין אָקספאָרד (ענגלאַנד).

410—411.

291. BERNH. STRASSER, DIE BODLEIANISCHE BIBLIOTHEK IN OXFORD, Wien 1902.

די באָדלעיאַנישע ביבליאָטעק איז אין גאָר דער וועלט די רייכסטע אין אַלטע יידישע ספרים, געדרוקטע און כתב־ידן. אין איר געפינען זיך איצט פון העבראַיקאַ און יודאַיקאַ אַרום 360 טויזנט דרוקזאַכן און 25 טויזנט כתב־ידן (נאַטירלעך, על פי רוב העברעישע, נאָר אַ קליינער טייל יידיש־טייטש).

292. Bodleian Library : Jewish Encyclopedia, III N. Y. 1902, 281.

293. (Leopold) Zunz : Zur Geschichte u. Literatur, I Berlin 1845, 230--248.

צונץ באַשרייבט די ביבליאָטעקן, ווו ס׳געפינען זיך יידישע ספרים, און די געשיכטע פון די ביבליאָטעקן.

294. MOR. STEINSCHNEIDER, VORLESUNGEN ÜBER DIE KUNDE HEBRÄISCHER HANDSCHRIFTEN, Lpz. 1897.

אין דער דאָזיקער שריפט איז קיין וואָרט ניטא ספעציעל וועגן יידיש־טייטשע כתב־ידן. אָבער אַלץ, וואָס ס׳איז שייך צו העברעישע כתב־ידן, האָט אויך אַ וויסנשאַפטלעכע באַדייטונג פאַר דער יידיש־טייטשער פילאָלאָגיע : יידיש־טייטשע כתב־ידן ווערן געשריבן פון די זעלביקע מחברים אויף דעם זעלביקן פּאַפּיר, ווערן איינגעבונדן פון די זעלביקע בוכבינדער אָדער צונויפגעראָלט אויף דעם זעלביקן אופן, ווערן אויך אויף דעם זעלביקן שטייגער דאַטירט, אנטהאַלטן אָפט מאָל העברעישע הקדמות אָדער קעפּלעך, הוספות, באַמערקונגען א. דגל., און געפינען זיך זייער אָפט צוזאַמען מיט העברעישע כתב־ידן אין איינע קאָדעקסן א. א. וו. הכלל, אַלע אַרכעאָלאָגישע פראַגן און שוועריקייטן, וואָס זיינען דאָ ביים שטודיום פון העברעישע כתב־ידן, באַגעגענען זיך אויך ביי יידיש־טייטשע. — שטיינשנ. באַשרייבט אויך די יידישע ביבליאָטעקן און זייער געשיכטע.

*295 И. Чериковеръ, Библіотеки: Евр. Энцикл. IV 1909.

6) קאַטאַלאָגן פון איינצלנע ביבליאָטעקן, ווו ס׳געפינען זיך יידיש־טייטשע ביכער

דאָ מוז איך מאַכן אַ הקדמה, ווייל ביי אונדז ווייסט מען נאָך ווייניק צו שעצן אַ קאַטאַלאָג. ס׳איז פאַראַן פיר סאָרטן קאַטאַלאָגן : 1) יענע עם־הארצישע שמאָכטעס, וואָס אונדזערע פאַרלעגער און בוכהענדלער האָבן אַ העזה צו רופן זייערע „קאַטאַלאָגן", אין אמתן זיינען דאָס אָבער גאָר ניט קיין קאַטאַלאָגן, נאָר פרייזקוראַנטן פון ביכער, און דערצו שלעכטע פרייזקוראַנטן, וואָס אַ קולטורעלער מענטש קאָן אָן עקל אין האַנט ניט נעמען. 2) גוטע פרייז־קוראַנטן פון ביכער, — אַזוי גערופענע קאַטאַלאָגן פון די אייראָפעישע פאַרלאַגן און בוכהאַנדלונגען. זיי האָבן אַ הויכן ראַיעלן סוחרישן ווערט און קאָנען אַ ביבליאָגראַף, אַ ביבליאָטעקער, אַ לערער, אַ שרייבער אָפט מאָל זייער צו נוץ קומען. 3) געוויינטלעכע ביבליאָטעקס־קאַטאַלאָגן. ווו ס׳ווערן איינפאַך — אין אַ געוויסן סדר — פאַרצייכנט ביכער מיט די איינפאַכסטע ביבליאָגראַפישע פרטים (אָרט, יאָר, — אַ מאָל די צאָל זייטן). 4) וויסנשאַפטלעכע ביבליאָגראַפישע קאַטאַלאָגן, וואָס ווערן צונויפגעשטעלט פון געלערנטע מומחים, ווו יעדער בוך באַזונדער ווערט גענוי באַשריבן, פאַרגליכן מיט אַנדערע עקזעמפּלאַרן אָדער אויסגאַבן, היסטאָריש און פילאָלאָגיש קאָמענטירט.

קאַטאַלאָגן זיינען גרויסע וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס אָן זיי קאָן זיך אַ פילאָלאָג פון אָרט ניט אַ ריר טאָן. די מעטאָדע צונויפצושטעלן וויסנשאַפטלעכע קאַטאַלאָגן מיט אַרכעאָלאָגישע און ביבליאָגראַפישע פירושים האָט גלענצנדיק דורכגעפירט משה שטיינשניידער, וועלכער האָט דערמיט געבילדט אַ נייע שול ניט נאָר אין

דער יידישער, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער ביבליאָגראַפיע. איך ברענג דאָ נאָר אַזוינע וויסנשאַפטלעכע קאַטאַלאָגן (חוץ די נומערן 305 און 306, האַנאָווער און ווילנע), וואָס געהערן צו דער איינפאַכער (דריטער) קאַטעגאָריע.

אָ ד ע ס.

296. ש. דובנוב וא. גינצבורג (אחד העם), רשימת ספרי המחלקה העברית (HEBRAICA) בבית אוצר הספרים של חברת עוזרי המסחר העברית באדעסא, אדעסא תרס״ד, 120—140 (ספרי זרגון).

אַזוי ווי דאָ ווערן געבראַכט נאָר געדרוקטע זאַכן האָט דער קאַטאַלאָג ניט אַזוינע ברייטע אויפגאַבן ווי ביי כתב־ידן. די געערטע מחברים האָבן זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט איינפאַכער באַשרייבונג, נאָר האָבן אויך זיך געגעבן די מי אויסצוטיילן פון די צייטשריפטן די וויכטיקערע אַרטיקלען און זיי באַזונדער צו פאַרצייכענען.

אָ ק ס פ אָ ר ד (די באָדלעיאַנא, ז. אויבן, נג׳ 291, 292).

297. MORITZ STEINSCHNEIDER, CATALOGUS LIBRORUM HEBRAEORUM IN BIBLIOTHECA BODLEIANA, 2 Bde, Berlin 1852—1860, CXXXII+3104 (col.)+C pp.

אין דעם דאָזיקן ריזיקן, וווּנדערבאַרן קאַטאַלאָג איז אָבער ניט גרינג זיך פונאַנדערצוקלייבן, אויסזוכנדיק די צעוואָרפענע יידיש־טייטשע ביכער פונעם ים העברעישע ספרים. קיין באַזונדער אינדעקס פאַר די יידיש־טייטשע ביכער איז ניטאָ. צו דער אַלטער יידיש־טייטשער ליטעראַטור געהערן די №№ 1177—1300 (חומש און תנ״ך איבערזעצונגען אין יידיש), 2365, 3032, 3033, 3169—3211A (תחינות), 3336, 3389, 3625—3707 (לידער), 3893 —3942 (מעשיות און מעשה־ביכער), 3991—3993, 4423, 4576, 4960, 5545, 5859, 6024, 6473, 7172 און נאָך אייניקע אַנד. ביי דער באַנוצונג דאַרף מען אַכטונג געבן ניט אָנצונעמען פאַר יידישע אַזוינע ביכער, וואָס זיינען געדרוקט מיט דייטשע אותיות (typis Germ.) אָדער מיט ייִדישע אותיות, אָבער אין דייטשער שפּראַך (למשל, מענדעלסאָנס „ביאור״), ווייל שטיינשנ. רופט אָן Germanice ביידע שפּראַכן גלייך, אי יידיש אי טייטש. — דער קאַטאַלאָג איז אַ רעזולטאַט פון פופצן יאָר אַרבעט, וואָס שטיינש. האָט געפירט אין דער באָדלעיאַנישער ביבליאָטעק. דער קאַטאַלאָג באַשרייבט נאָר די געדרוקטע ביכער.

298. דער זעלביקער, Conspectus codd. mss. Hebraeorum in Bibl. Bodl., Berolini 1857.

299. דער זעלביקער, Supplementum Catalogi libr. Hebr. in Bibl. Bodl., Centralblatt f. Biblióthekswesen, Lpz 1894, 484—508 (Separatabdruck: Lpz, 1894).

300. AD. NEUBAUER, CATALOGUE OF THE HEBREW MANUSCRIPTS IN THE BODLEIAN LIBRARY..., Oxford 1886, 1168 col.

נייבויער איז דער ביבליאָטעקער פון דער באָדלעיאַנאַ. זיין בוך האָט די מעלה, וואָס אינעם אינדעקס זיינען ספּעציעל אויסגעטיילט די יידיש־טייטשע כתב־ידן (col. 1063—1064).

301. Adolf Neubauer a. Arthur E. Cowley, Catalogue of the Hebrew Manuscripts in the Bodleiana Library, vol. II, Oxford 1906.

דאָס זיינען דערגענצונגען צו דעם פריערדיקן ווערק. יידיש־טייטשע כ״י האָב איך דאָ געפונען נאָר 3: נג׳ 2783, 2784, און 2793.

ב ע ר לי ן.

302. Mor. Steinschneider, Verzeichniss der hebr. Handschriften (der Königl. Bibl. Berlin) Berl., 1878.

303. דער זעלביקער, Verzeichniss d. hebr. Handschr. (d. K. Bibl. zu Berlin), 2 Abteilung, Berl. 1897.

קיין באַזונדערער אינדעקס פאַר יידיש־טייטשע כ״י ניטאָ, און זיי איז שווער צו זוכן (ס׳איז אין בערלין אויך ווייניק דאָ יידיש־טייטשע כ״י).

האַמבורג.

304. דער זעלביקער, Catalog d. hebräischen Handschriften der Stadtbibliothek zu Hamburg..., Hamburg 1878.

נאָכן אינדעקס איז גרינג צו געפינען די יידיש־טייטשע כ״י.

האַנאָווער.

305 M. Zuckermann, Katalog der Israelit. Gemein-bibliothek zu Hannover, Hannover 1901.

ווילנע.

306. לקוטי שושנים והיא רשימת הספרים אשר אסף וקבץ... מתתיהו שטראשון, ברלין 1889.

לאָנדאָן.

307. (JOS. ZEDNER), CATALOGUE OF THE HEBREW BOOKS IN THE LIBRARY OF THE BRITISH MUSEUM, London 1867, VIII+884 pp.

דאָס זיינען נאָר געדרוקטע ביכער; אינעם אינדעקס זיינען די י.־ט. ספרים ניט אויסגעטיילט.

308. G. MARGOLIOUTH, DESCRIPTIVE LIST OF THE HEBREW. a. SAMARITAN MSS. IN THE BRITISH MUSEUM, London 1893.

309 דער זעלביקער CATALOGUE OF THE HEBREW a. SAMARITAN MSS. IN THE BRITISH MUSEUM, parts 3: (תנ״ך) 1899; London, 1909. II (תלמוד, הלכה ותפלות) 1905; III (קבלה), 1909.

מרגליותעס ווערק איז נאָך ניט פאַרענדיקט. י.־ט. כתבי־ידן איז ביי אים שווער צו זוכן, ווייל אין די אינדעקסן זיינען זיי ניט אויסגעטיילט.

מינכען.

310. MOR. STEINSCHNEIDER, DIE HEBR. HANDSCHRIFTEN DER K. HOF- u. STAATS-BIBLIOTHEK IN MÜNCHEN, München 1875; 2 Afl. (ergänzt) 1895.

די צווייטע אויפל. אַנטהאַלט אויך מער יידיש־טייטשע כ״י, ווי די ערשטע. די מינכענער ביבליאָטעק איז נאָך דער באָדלעיאַנאַ די רייכסטע אין יידיש־טייטשע ביכער (און כ״י). אָבער דער קאַטאַלאָג טיילט זיי ווידער טאַקע ניט אויס אינעם אינדעקס.

פּאַריז.

311. Catalogues des Manuscrits hébreux et samaritains de la Bibliothèque impériale, Paris 1866.

דער זעלביקער חסרון: די ווערטפולע יידיש־טייטשע כ״י, וואָס זיינען פאַרצייכנט אין קאַטאַלאָג, זיינען ניט אויסגעטיילט אינעם אינדעקס.

פּאַרמאַ.

312. (I. B. De-Rossi), Mss. Codices Hebraici Biblioth. I. B. De-Rossi... ab eodem descripti, Parmae, 3 vol. 1803.

די יידיש־טייטשע כ״י זיינען אויסגעטיילט אינעם ב.III, ז. 200.

312a. Pietro Perreau, Nachträge zu De-Rossi's Katalog..., Hebr. Bibliogr. VII 1864 und VIII 1865.

פעררא איז נוצלעך אלס דערגענצונג צו דע־ראָססי, הגם ער פארצייכנט ניט קיין יידיש־טייטשע כתב־ידן.

7) אַ פילאָלאָגישע און ביבליאָגראַפישע מיספאַרשטייעניש

312b דאָ איז דער אָרט צו דערקלערן אַ פאַרצווייגטע מיספאַרשטייעניש, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ ביסל צרות אין אונדזער פילאָלאָגיע און וואָס קיינער האָט זי נאָך עד היום ניט פונאַנדערגעפּלאָנטערט. אין זיין קאַטאַלאָג ברענגט דע־ראָססי (ז. אויבן, נ׳ 312) צו גלייך מיט די "Codices Judaeo-Germanici" אויך איין "Codex Russicus" און צוויי "Codices Polonici", דע־ראָססי מיינט, אַז זיי אַלע שטאַמען פון יידן און זאָגט, אַז די פוילישע געבונדענע כתב־ידן" זיינען אַ פוילישע איבערזעצונג (מיט העברעישע אותיות!) פון תהלים און פון די פינף מגלות; געשריבן זיינען זיי אין 1510 און 1511טן יאָר אין ברעשיא און מאַנטוא (איטאַליע). אויף דעם סמך האָט צונץ אין יאָר 1846 געזאָגט, אַז

312 c. "Polnische Juden, sogar polnisch sprechende, haben... um 1510 in Brescia und Mantua gewohnt, da einige biblische Bücher damals in diese Sprache für sie abgeschrieben wurden, die noch in Parma aufbewahrt werden" (Frankel's Ztschr. f. d. religiösen Interessen d. Judenthums III 1846, 384.).

312d. ה׳ אברהם אליהו הרכבי, וועלכער האָט דעמאָלט ניט געזען דע־ראָססיס קאַטאַלאָג, נעמט די ידיעה („היהודים ושפת הסלאַווים", ווילנא, 1867, 37) פון צונצן און ברענגט דאָס אלס די נייַנטע (ט׳) ראיה פאַר זיין טעאָריע, אַז די רוסישע יידן האָבן נאָך אין XVI יאָרהונדערט גערעדט רוסיש (הרכבי מיינט, אַז צונץ האָט על פי טעות אָנגענומען ד׳ רוסישע שפּראַך פאַר דער פּוילישער).

312e. רעדנדיק וועגן הרכבים ביכל, האָט שטיינשניידער קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז די גאַנצע זאַך מוז זיין אַ מיספאַרשטייעניש, נאָר קיין פאַקטישע ראיות האָט ער ניט געבראַכט (ז. אויבן נ׳ 245), ערשט ד״ר נייבויער, דער ביבליאָטעקער פון דער באָדלעיאַנאַ, האָט זיך אין 1892סטן יאָר מכוח דער פראַגע בריוולעך געווענדעט צום דירעקטאָר פון דע־ראָססיס ביבליאָטעק, ד״ר מאַדאָנאַ, און מאַדאָנאַ האָט אים גע־ענטפערט, אַז דע־ראָססיס כ״י זיינען גאָר יידיש־טייטשע:

"Codices Polonici contains nothing else but a translation, in Jüdisch-Deutsch, the German jargon of Polisch Jews".

אַן אויסצוג פון מאַדאָנאַס תשובה האָט נייבויער פאַרעפנטלעכט אין:

313. Jewish Quarterly Review, Lond. IV 1892, 703—704.

נאָר מיט דעם האָט זיך די מיספאַרשטייעניש ניט געענדיקט. נייבויער ברענגט פון מאַדאָנאַס ענטפער פאָלגנדע דאַטעס, וואָס שטייען אויף די כ״י; „ביום א, מרחשון רע״א לפ״ק" און „י״ג סיון רע״א לפ״ק". נעמט ד״ר נייבויער און פאַרטייטשט די ערשטע דאַטע מיט 1420סטן און די צווייטע מיט 1421סטן יאָר, און אַזוי איז אַוועק ביי אונדזערע ליטעראַטור־היסטאָריקער אַ קלאַנג, אַז אין פּאַרמאַ געפינט זיך עפּעס אַ יידיש־טייטשער כתב־יד, וואָס איז דאַטירט מיט 1421סטן יאָר. די כתב־ידן זיינען טאַקע יידיש־טייטשע, די דאַטע אָבער מיט 90 יאָר פאַרגרייזט: ו׳ייל באמת באַטייט מרחשון רע״א 1510טער יאָר פון דער קריסטלעכער ערע (כדי צו באַקומען די קריסטלעכע דאַטע מוז מען צו דער יידישער צאָל פון פ״ק צוגעבן 1240 אָדער 1241). 1510 איז טאַקע דער יאָר, וואָס דע־ראָססי אַליין גיט אָן אין זיין קאַטאַלאָג, און מ׳דאַרף זיך נאָר וווּנדערן אויף דעם גרייז ביי אַזאַ ביבליאָגראַף, ווי נייבויער (ז. אויבן, נ׳ 300 און 301).

יעדער, וועער ס׳האָט אַ באַגריף וועגן די אַלטע יידישע כתב־ידן און ווייס, ווי זעלטן ס׳טרעפן זיך דאַטירטע האַנטשריפטן פון יענער צייט, וועט מסכים זיין, אַז אַזאַ מיס־פאַרשטייעניש — כמעט אויף אַ גאַנצן יאָרהונדערט — איז זייער שעדלעך. שטיינשניידער (ז. אויבן, נ׳ 302, ז׳ 27) מיינט, אַז 1490 איז „די עלטסטע דאַטע, וואָס געפינט זיך אויף אַ

יידיש־טייטשן כ״י". איך האָב אָבער געפונען אין נייבויערס קאַטאַלאָג פון דער באָדלעיאַנאַ (ז' אויבן נ' 300, נ' 672) אַ יידיש־טייטשן כ״י, וואָס איז צוגעגעבן צו אַ העברעישן, און דער לעצטער איז דאַטירט מיט 1393סטן יאָר (אַ שיר פון אליה בן משה בלין און עטלעכע מעדיציניש רעצעפּטן).

IV. יידיש־טייטשע לינגוויסטיק (שפּראַך־לערע) *

א. יידיש־טייטשע לינגוויסטיק

1) גראַמאַטישע שריפטן און לערנביכ.ער.

*314 אַנאָנים, Vollständiger Unterricht, die hebräisch-deutsche Druck- u. Currentschrift lesen u. schön schreiben zu lernen, Prag 1817. [Wagner No. 163, 121; Vater 162].

*315. K. Rehfuss, Leschon Jehudith oder Leslehre des Jüdisch-Teutschen, Frankf. 1833 [Landau No. 162].

*31א. אלכסנדר הרכבי, די יידיש־טייטשע שפּראַך, ניו יאָרק, 1886 (הצפירה, 1888,

317. דער זעלביקער, היש משפט לשון לשפת יהודית: נר המערבי (ראָזענבערג), ניו־יאָרק, 1896 [234 VII ;Jew. Enc. VII 234] אסתר, צו דער פראגע וועגן ד. יוד. פאָלקס־שול, 58].

*318. יונה טרוביניק (המכונה זיידעל), „זשארגאָן־לערער, פּראַקטישעס לערבוך צו לייכט ערלערנען פערמיטעלסט איינעם לערער די זשאַרגאָנישע שפּראכע אין איין קורצע צייט", ווארשע, 1886 Landau No. 4558 n° 169 № .[Систематич. указ. 166;]

* 319. אַ רעצענזיע אויף טרוביניקס לערנבוך. „די יודישע פאָלקסביבליאטהעק" (שלום עליכם), קיעוו, 1888, ז. 329—333 [Landau No. 166].

320. Felix Rosenberg, Über e. Sammlung deutscher Volks- u. Gesellschaftslieder in hebr. Lettern: Ztschr. f. d. Geschichte d. Juden in Deutschland (L. Geiger) II Braunschweig 1888, 235 (Anmerkung).

ס'איז דאָ אויך אַ באַזונדערע אויסגאַבע, בערלין, 1888. וועגן דעם ביכל וועלן מיר נאָך רעדן אונטן אין דער אָפּטיילונג „אַלטע יידיש־טייטשע ליטעראַטור". אין דער איצט ציטירטער שטעלע ברענגט ראָזענבערג קורצע כללים פון דער יידיש־טייטשער גראַמאַטיק.

321. LEO WIENER, ON THE JUDAEO-GERMAN SPOKEN BY THE RUSSIAN JEWS: The American Journal of Philology (Basil L. Gildersleeve), XIV, Baltimore 1893, 41—67 a. 456—482.

א פּרווו פון אַ יידישער גראַמאַטיק (אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע).

322. JACOB GERZON, DIE JÜDISCH-DEUTSCHE SPRACHE, Eine gramm.-lexicalische Untersuchung ihres deutschen Grundbestandes (Jnaug.-Dissert.) Köln 1902, 134 S.

גערצאָנס ביכל איז די איינציקע וויסנשאַפטלעכע גראַמאַטיק אין יידיש, וואָס מיר האָבן. גערצאָן באַשעפטיקט זיך אָבער מיט די ד י י ט ש ע (מיטל־הויך־טייטשע) עלעמענטן און פאָרמען פון דער יידישער שפּראַך. צום סוף ברענגט ער 424 מיטל־הויך־טייטשע און בכלל עלטערע דייטשע ווערטער, וואָס ווערן איצט געברויכט אין יידיש און זיינען פון דער דייטשער שפּראַך פאַרלוירן געגאַנגען. אַגב, פון די ווערטער, וועלכע ער האַלט פאַר מיטל־הויך־טייטשע אָדער דיאַלעקט־טייטשע, זיינען דאָ אַ פּאָר צענדליק, וואָס זיינען גיכער פאַר אַלץ סלאַוויש. דער גרויסער חסרון פון זיין ווערק איז אָבער, וואָס ער, אַליין אַ דייטשער ייד, קען יידיש ניט פון לעבן, נאָר בלויז פון די ביכער (דווקא

* ז' אויך אויבן די נומערן 101, 103, 110, 118, 119, 120, 123, 128, 140, 151, וועלכע געהערן טיילווייז אַהערצו.

גוטע ביכער — מענדעלע מו״ס, פּרץ, שלום עליכם), און די אויסשפּראַך האָט ער געמוזט לערנען ביי זיינע קאָלעגן סטודענטן פון רוסלאַנד. די יידישע ווערטער ברענגט ער אין אַ לאַטייניש ער טראַנסקריפּציע, וואָס ער האָט גענוג וויסנשאַפטלעך אויסגעאַרבעט, נאָר זי דריקט ניט אויס גענוג די אמתע אויסשפּראַך. אים האָט אויך פיל געשטערט די משונהדיקע אָרטאָגראַפיע, וואָס הערשט אין די פון אים באַנוצטע יידישע קוועלן. הכלל, דער אומגליק איז, וואָס געראָצאָן איז ניט אויסגעוואַקסן אין אַ יידישער סביבה.

אַן אויסגעצייכנטע, זייער וויכטיקע רעצענזיע (אויך פון אַ דייטשן יידן — מיט די זעלביקע חסרונות) אויף געראָצאָנס שריפט איז:

323. RICH LOEWE'S : ANZEIGER F. INDOGERM. SPRACH-U. ALTERTUMSKUNDE, Beilage zu d. "Indogermanischen Forschungen" (W. Streiberg) XVI Strassburg 1904, 43—50.

אַנדערע רעצענזיעס:

324. O. Meisinger's : Ztschr. f. hochdeutsche Mundarten III 1902, 478.

325. פאַביוס שאַך, „אַ וויסנשאַפטלעכעס בוך איבער זשאַרגאָן״: „דער יוד״ (י. לוריע) קראָקע, VI, 1902; נ׳ 18.

326. ז. רייזען, יודישע גראַמאַטיק, וואַרשע, 1908, 99 ז.

דער ביכל איז אין דער ווירקלעכקייט פיל בעסער, איידער זיין אויסערלעכער אויסזען און דער אויבנאויפיקער איינדרוק. אין ה׳ רייזענס ביכל איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ סך פלייסיקע אַרבעט, אַ גרויסע ליבע צו דער זאַך און אַ באַטייטנדער לינגוויסטישער טאַלענט. ס׳פעלט אים אָבער אַ נייטיקע זאַך — לינגוויסטישע קענטעניש און פילאָלאָגישע בילדונג. דערפאַר איז ער געגאַנגען לערנען זיך צו אַ צייטונג (צום „פריינד״) און האָט זיך ניט דערלויבט איבערצושפּאַנען די ד׳ אמות פון „פריינדס״ „לינגוויסטיק״ (!?). דערפאַר מאַכט זיין ערנסטע אַרבעט אויפן אויבנאויפיקן לעזער דעם איינדרוק פון אַ יידישן קירפּיטשניקאָוו. אין דער אמתן אָבער האָט ה׳ רייזענס גראַמאַטיק אַ גרויסן וויסנשאַפטלעכן ווערט, — נאָר, צום באַדויערן, ניט אַליין פאַר זיך, נאָר אַלס רויער מ אַ ט ע ר י אַ ל פ אַ ר אַ ק י נ פ ט י ק ן ל י נ ג ו ו י ס ט, וועלכער דאַרף פאַראייניקן אין זיך געראָצאָנס בילדונג מיט רייזענס יידישקייט און ביידנס לינגוויסטישע פעיקייטן.

א גאַנץ אינטערעסאַנטע, אָבער צו פיל „זאַכלעכע״ און ווייניק פּרינציפּיעלע רעצענזיע אויף רייזענס גראַמאַטיק האָט געגעבן:

327. ק—ן, „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן״, IV, ווילנע, 1908, 153—156.

328. פ. קלמן, די יודישע שפּראַך־לעהרע, „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן״, III, ווילנע, 1908, 60—77.

די אַרבעט איז, צום באַדויערן, ניט פאַרענדיקט געוואָרן. אין איר געפינען זיך ערנסטע באַאָבאַכטונגען וועגן יידישן סינטאַקסיס. דער אַרטיקל ברענגט אויך אינטערעסאַנטע באַמערקונגען מכח דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך. נאָר זיין אַלגעמיינע מיינונג, אַז די אייגנטימלעכקייטן פון דער יידישער שפּראַך שטאַמען בלויז פונעם העברעישן איינפלוס, איז לחלוטין ניט ריכטיק. ווייס דען דער מחבר ניט, אַז פונקט די זעלביקע אייגנטימלעכקייטן באַגעגענען זיך אין פיל דייטשע פאָלקס־דיאַלעקטן (בפרט אָבער אין בייריש־עסטרייכישן) און אויך אין די סלאַווישע שפּראַכן?

329. נח פּרילוצקי, מאַטעריאַלן פאַר יידישער גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפיע: „לעבן און וויסנשאַפט״, I, ווילנע, 1909, נ׳ 5.

אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע און וועגן דעם יידישן פּאַרטיציפּ.

330. ד״ר X, פּראָבען צו אַ יודישער גראַמאַטיק: „לעבן און וויסנשאפט״, I, ווילנע, 1909, נ׳ 7 און 9. אינטערעסאַנטע פּאָנעטישע באַמערקונגען מכח איינצלנע ווערטער.

331. H. Bourgeois, Le Jargon ou le Judéo-Allemand, Courte étude philologique... Bruxelles et Leipzig, 1909, 46 pp.

דער ביכל איז געשריבן מיט א גוטן ערנסטן ווילן, האָט אָבער קיין שום ווערט ניט, ווייל ד״ר בורזשואַ פאַרלאָזט זיך זייער נאַיִוו אויף דער דזשויש ענסיקלאָפּעדיע (ז. אויבן, 143, №141) און שעפּט פון דאָרטן אַלע נאַרישקייטן און אַלע גרייזן, און אחוץ דעם ווייס ער גאָרנישט. זיין „כרעסטאָמאַטיע״ האָט ער גענומען פון גרינבוימען און טיילווייז מוסיף געווען פון א פּאָר ייד. צייטונגען.

*332. S. de Woolf, Grammar of the Yiddish Language, London 1910

[געזען אין אַ קאַטאַלאָג פון אַ בוכהאַנדלונג]

333. ד״ר חיים ספּיוואַק און יהואש..., אידיש ווערטערבוך, ניו־יאָרק, 1911, ז׳ IX— (איינלייטונג).

אַן אינטערעסאַנטער, הגם גאַנץ אויבנאויפיקער איבערבליק איבער די גראַמאַטישע פאָרמען פון די העברעיזמען אין דער יידישער שפּראַך. פאַראַן דאָרט אויך אַ פּאָר ניט־וויכטיקע כּללים. אזוי, ברענגען די מחברים דעם כלל, אז אַ חטף־פּתח אונטער אַן „א״ אָדער „ע״ נאָך א פּתח לייענט זיך ווי j, און באמערקן ניט די אויסנאמען דערפון (יעקב — „יאינקעוו״, תענית — „טאָנעס״, העויות — „האַוואָיעס״). די מחברים פאַרבייטן אומעטום די טאָפּלטע ענדונג „ענען״ מיט „ען״; אויב אָבער שוין מסכים זיין צו דער רעפאָרם, איז אויך נאָר דאָרט ווו דער ערשטער „ען״ פאַלט אַרויס אין דער בייגונג: אזוי, למשל, בייגט מען „איך גנב׳ע, ער גנבעט, איך חנפ׳ע״ אד״גל., מעג מען זאָגן דעם אינפיניטיוו „גנבען, חנפען״, — צוריק אָבער, בייגט מען „איך דרשן, ער דרשנט, ער פּסקנט, ער חקרנט״, טאָ מוז מען זאָגן דעם אינפיניטיוו „דרשענען, פּסקענען, חקרענען״. אויב די מחברים פירן ארויס „חקרנען, פון „חקרן״, מעג מען דאָך אַרויספירן אויך „דרשנען״ פון „דרשן״! זיי שרייבן „שרפן״ אָן אַ „ה״ — טאָ פאַר וואָס „טענהן״ מיט אַ „ה״?

*

לערביכער פון יידיש־טייטשער „עברי״, כרעסטאָמאַטיעס און אַנטאָלאָגיעס (לידער־זאַמלונגען) פאַר אָנפאַנגער און פאַרן פאָלק, בריוושטעלער א. ד. גל., לאָז איך אויף אַן אנדערש מאָל.

2. ווערטערביכער.

ז. אויבן, נ׳ 103.

*334. О. М. Лифшицъ, Русско-новоеврейскій словарь, 2 изд. Житоміръ 1874, 3 изд. ib. 1881, 4 изд. 1886.

*335. דער זעלביקער, Новоеврейско-русскій словарь, Житоміръ 1876.

[Сист. Указ. № 169 n° 4341; Dalman, Jüd.-deutsche Volkslieder, S. VII; Jew. Enc. VII 308; L. Wiener No. 123, p. 247].

דאַלמאַן און ווינער לויבן שטאַרק ליפשיצס ווערטערביכער, ווי אַן אוצר פון דער יידישער שפּראַך.

*336. 1. Дрейзинъ, Полный русско-новоеврейскій словарь 5 изд. Варшава 1894, 823 стр.

אינעם ווערטערבוך שטעקט פיל אַרבעט, נאָר קיין וויסנשאַפטלעכן ווערט האָט ער ניט, ווייל דער מחבר האָט ניט געהאַט לחלוטין קיין באַגריף מכּח יידישער גראַמאַטיק, שפּראַך־געשיכטע און וויסנשאַפטלעכן אויסלייגן.

*337. Alexadner Harkavy, Complete English-Jewish Dictionary, 1891.

*338. דער זעלביקער. Dictionary of Yiddish Language : Yiddish-English, 1898.

*339. דער זעלביקער. Yiddish Dictionary (pocket-edition) [Jew. Enc. VII 234].

340. **איגנאַץ בערנשטיין... יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען,** וואַרשע—קראָקע, תרס״ח, 1908.

צום סוף בוך איז צוגעגעבן אַ GLOSSAR, אין דער לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, פון 84 זייטן מיט אַן ערך 1600—1800 ניט דייטשע ווערטער, וואָס טרעפן זיך אין די געזאַמלטע שפּריכווערטער. ה׳ בנימין זעגעל, וועלכער האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער זאַמלונג פון די שפּריכווערטער און זייער סיסטעמאַטיזירונג, האָט געהאַט די פריינדלעכקייט צו געבן מיר מכוח דעם ווערטערבוך צו דער זאַמלונג די פאָלגנדע דערקלערונג: דער ווערטערבוך איז צונויפגעשטעלט נאָר פון בערנשטיין, און ה׳ זעגעל נעמט אויף זיך ניט די אחריות פאַר זיין אינהאַלט און פאָרם.

* 341. י. פּיראָזשניקאָוו, „העברייאיזמען־ווערטערבוך״, 1908.

איך האָב געזען אַ קאָרעקטור־בויגן פונעם אות „א״, וואָס דער מחבר האָט צוגעשיקט צו דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. פאַרגלייכנדיק מיט יהואשס ווערטערבוך (ז. אונטן, נ׳ 343), זע איך, אַז ה׳ פּיראָזשניקאָווס וואָלט געווען פיל אָרעמער אין ווערטער און אויסדרוקן. פון דעסטוועגן געפינען זיך ביי אים אייניקע ווערטער, וואָס יהואש האָט ניט, און אַחוץ דעם האָט דער פראַגמענט די מעלה, וואָס ביי די אויסדרוקן ווערט אָנגעוויזן די שטעלע אין תנ״ך אָדער תלמוד, פון וואַנען זיי שטאַמען. מיר דוכט, אַז ה׳ פּיראָזשניקאָווס ווערטערבוך איז ניט דערשינען.

* 342. ג. גאָלאָמב, מלים בלשוני (העברעיש־יידישער ווערטערבוך פון העברעיזמען), ווילנע, 1910, פאַרלאַג יאַוואָרקאָווסקי, 400+48 זייטן.

[Mitteil. z. jüd. Volkskunde, 1911, 156].

343. **ד״ר חיים ספּיוואַק און יהואש (ש. בלומגאַרטען), אידיש ווערטערבוך...,** ניו־יאָרק (פאַרלאַג „יהואש״), 1911, XXXI+340 זייטן.

ס׳איז אַ ווערטערבוך בלויז פון העברעיזמען און אַ רעזולטאַט פון אַ גרויסער פלייסיקער אַרבעט, וואָס פאַרמאָגט אַ הויכן וויסנשאַפטלעכן, און נאָך אַ העכערן פּראַקטישן ווערט. ס׳איז אָבער אַפילו פונעם ערשטן בליק צו באַמערקן, אַז אינעם ווערטערבוך פעלן אַ סך ווערטער, וואָס ווערן אָפט געברויכט אין יידיש, סיי אין ריידן, סיי אין שרייבן. אַזוי פעלן דאָרט, למשל: אין־סוף, ארץ זבת חלב ודבש, בוגד במלכות, בית הלל, בית שמאי, במציאות ניט זיין, בצלמו ובדמותו, זכות בנים (אַלס הפוך צו זכות אָבות), זיך חנען, מגדל בבל, עם עולם, עמק הבכא, ריב הלשונות, שבלת, שם הנרדף, שעיר לעזאזל, תכלית המכוון, תעודה און פיל, פיל אַנדערע. בכלל האַלט דער ווערטערבוך אַרום 6—7 טויזנט ווערטער און אויסדרוקן. די שרייבונג איז ניט גאַנץ אויסגעהאַלטן, די אַראַמעישע ווערטער ווערן געשריבן ווי העברעישע („אַדרבא״ מיט א „ה״!), דער מקור פון די אויסדרוקן ווערט ניט דערקלערט; ס׳ווערן געבראַכט אַזוינע ווערטער, ווי „קונדס״, וואָס האָבן, לכל הדעות, מיט העברעיש קיין שום שייכות ניט, בשעת פיל אַנדערע ווערטער, וואָס דער עולם האַלט (אָפט מאָל על פי טעות) פאַר העברעישע, ווערן ניט דערקלערט: אַזוי פעלן, למשל, די ווערטער: דאַווענען, פאַלמעסן, קאַטאָוועס. אין דער אָפּטיילונג פון פאַרשוינען־נעמען פעלן אַזוינע געברויכלעכע ווי: אַביי, רבא, שולמית, שושנה, ס׳פעלט אויך דער ביבלישער נאָמען פדהצור, וואָס שלום עליכם האָט געמאַכט אַזוי פּאָפּולער. די יידיש־טייטשע ווערטער זיינען ביי די געערטע מחברים שטאַרק פאַרדייטשמעריש, און די שרייבונג זייערע איז לחלוטין ניט אויסגעהאַלטן. דאָס אַלץ זיינען אָבער קלייניקייטן, וואָס מוזן און קאָנען אויסגעבעסערט ווערן אין דער צווייטער אויסגאַבע: דעמאָלט וועט דער וויסנשאַפטלעכער ווערט פון דעם ווערטערבוך שטייגן פיל העכער.

344. ב. קאַרלינער, פרעמד־ווערטערבוך, וואַרשע, 1910.

איך קאָן נאָר זאָגן: אַן גרעניץ איז די פעיקייט פון עם־האַרצים צו פּראָדוצירן שמאַטעס!

345. **א. נ. פינסקי, „זשאַרגאָנישעס פרעמד־ווערטערבוך״, ווילנע און פּיאָטרקאָוו.** 340+XXXI, 1911

צווישן די „פרעמדע ווערטער״ רעכנט דער „געלערנטער מחבר״ אויך די העברעישע, אָבער טאַקע נאָר די סובסטאַנטיוון, ווי „מלבוש, מנהג, מנחה, מלך״ וכדומה. מיט די פּעלים, אַדיעקטיוון א. ד. גל. צו רעכענען זיך שטייט ניט אָן פאַר אַזאַ חכם מופלג, ווי א. נ. פינסקי...

3) דיאַלעקטאָלאָגיע (פון די יידיש־טייטש דיאַלעקטן).

דיאַלעקטן בכלל:

* 346. ש. אייזענשטאַט, „די גרענעצען פון דער יידישער שפּראַך און אירע אויסשפּראַכן": ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן, IV, ווילנע, 1908.

ז' אויך אויבן, נומ' 119, 120 און 163.

עלזאסישער דיאַלעקט:

347. C. TH. WEISS, DAS ELSÄSSER JUDENTEUTSCH: Jahrbuch f. Geschichte, Sprache u. Literatur Elsass-Lothringens, XII Strassburg 1896, 121—182.

348. C. W. Faber, Zur Judensprache in Elsass : ibid. XIII 1897, 171.

349. H. Léwy, Zur Judensprache in Elsass : ibid XIV 1898, 78.

350. Ed. Halter, Die Mundarten in Elsass, Strassburg 1908 (Kap. XIII : Die Mda. der Juden).

4) געשיכטע פון דער שפּראַך און איר אורשפּרונג.

351. A. Berliner, Mittelhochdeutsches in jüdischen Quellen : Jüdische Presse I, Berl. 1870, Litteraturblatt No. 1.

352. דער זעלביקער, Die mittelhochdeutsche Sprache bei den Juden : Jhrbuch f. jüd. Geschichte u. Liter., I. Berlin 1898, 162.

353. L. Zunz, Jüdisch und Deutsch : Hebräische Bibliogr., XI Berl. 1871, 16.

354. LEOPOLD LÖW, GRAPHISCHE REQUISITEN U. ERZEUGNISSE BEI DEN JUDEN, II Lpz. 1871, 53—81.

פאָרשט אויס די געשיכטע פון דער יידישער שריפט, פון אירע פאַרשיידענע אופנים (אויך די יידיש־טייטשע שריפט) און אירע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען. ס'איז אָבער צו באַדויערן, וואָס לעוו ברענגט ניט די פאַרשיידענע שריפט־אופנים גופא.

355. MORITZ GÜDEMANN, GESCHICHTE DES ERZIEHUNGSWESENS U. D. CULTUR D. ABENDLÄNDISCHEN JUDEN (I Band) Wien 1880, 273—280 u. B. III Wien 1888, 69—79 u. 280—297.

1) מכּח דעם איינפלוס פון פראַנצויזיש אויף יידיש־טייטש; 2) צו דער געשיכטע פון דער יידיש־טייטשער אויסשפּראַך און אָרטאָגראַפיע. ס'איז פאַראַן אַ העברעישע איבערזעצונג (פונעם I באַנד):

355a. ד"ר מ. גידעמאַן, „התורה והחיים בארצות המערב בימי הבינים...", מתורגם ע"י א. ש. פריעדבערג (אַחיאסף), וואַרשע, 1896.

356. M. Güdemann, Üb. d. Aussprache deutscher Buchstaben (Bemerkungen einiger Rabbiner d. 15 Jhrh.) : Zeitschrift f. deutsche Sprache (Sanders) I 104.

357. Alfred Landau, (Bemerkungen) : Ztschr. f. d. deutschen Unterricht (Lyon), VIII Lpz. 1894, 851.

358. דער זעלביקער, DAS DEMINUTIVUM DER GALIZISCH-JÜDISCHEN MUNDART : Deutsche Mundarten (J. W. Nagl) I, Heft I Wien 1896; 46—58.

ד"ר לאַנדוי האָט געהאַט דעם מערקווירדיקן און פרוכטבאַרן איינפאַל צו דערגיין אויפן גרונד פון די פאַרקלענערונגס־פאָרמען אין יידיש, וואָסערע מיטל־הויך־טייטשע דיאַלעקטן האָבן געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף יידיש. ער קומט צום אויספיר, אַז יידיש־טייטש אין מזרח־אייראָפּע שטאַמט פון פאַרשיידענע דייטשע מדינות, דערהויפּט אָבער פון די מיטל־הויך־טייטשע דיאַלעקטן.

359. דער זעלביקער, DIE SPRACHE DER MEMOIREN DER GLÜCKEL VON HAMELN, Mitteilungen d. Gesellschaft f. jüd. Volkskunde, Heft VII, Hamburg, 1901, 20—68.

ד״ר לאַנדוי איז אַן אויסגעצייכנטער קענער פון דער דייטשער (און אויך יידיש־טייטשער) שפּראַך־געשיכטע. דאָ גיט ער אַ גלענצנדן אַנאַליז פון דער שפּראַך פון די זכרונות פון גליקל האַמעל (וואָס פון זיי וועלן מיר נאָך האָבן צו רעדן אונטן, אין דער אָפּטיילונג „דאָקומענטן״) און אַ ווערטערביכל צו די דאָזיקע זכרונות.

360. ALFRED LANDAU U. BERNHARD WACHSTEIN, JÜDISCHE PRIVATBRIEFE AUS DEM JAHRE 1619, Wien u. Lpz., 1911, EINLEITUNG.

וועגן בינטל בריוו (פון פּראַג קיין ווין אין 1619טן יאָר), וואָס ד״ר לאַנדוי און ד״ר וואַכשטיין האָבן אַנטדעקט און פאַרעפנטלעכט, וועלן מיר נאָך האָבן צו רעדן אונטן, אין דער אָפּטיילונג „דאָקומענטן״. אין דער הקדמה מאַכן די אַרויסגעבער, צווישן אַנדערע, אויך אייניקע גראַמאַטישע באַמערקונגען וועגן דער שפּראַך פון די יידיש־טייטשע בריוו (אינעם בינטל זיינען על פּי רוב יידיש־טייטשע בריוו, אַ טייל אויך העברעישע) און גיבן אַ ווערטערביכל צו די בריוו.

361. RICHARD LOEWE, DIE JÜDISCH-DEUTSCHE SPRACHE: Ost u. West IV Berlin 1904, 655—664.

אַ קורצער פּאָפּולערער אַרטיקל, וואָס גיט אָבער אַן אויסגעצייכנטן איבערבליק פון דעם, וואָס די יידיש־טייטשע לינגוויסטיק האָט ביז אַהער דערגרייכט, און שטעלט זיך אָפּ ספּעציעל אויף דער פראַגע, פון וועלכע דייטשע דיאַלעקטן יידיש שטאַמט.

362. ש. ניגער, וועגן יודישע שרייבער, ב. I, וואַרשע, 1913, פאַרלאַג שרעבערק.

ה׳ ניגער שילדערט די ווירקונג, וואָס מענדעלע מו״ס האָט געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך.

5) פאַרשיידענע לינגוויסטישע פּרטים.

363. J. M. Jost, Die Jüdisch-deutsche Sprache: Jahrbuch d. Nützlichen u. Unterhaltenden f. Israeliten (Klein u. Büchner) XVI Darmstadt, (?) 1857 (?), 72.

364. Abraham Tendlau, Sprichwörter und Redensarten deutsch-jüdischer Vorzeit, Fr. M. 1860.

צו טענדלויס בוך וועלן מיר זיך נאָך אומקערן אין דער אָפּטיילונג „פאָלקלאָר״. טענדלוי ברענגט אויך לינגוויסטישע פירושים אויף פיל ווערטער, וואָס באַגעגענען זיך אין זיין זאַמלונג. אָבער די פירושים זיינען ניט תמיד געלונגען.

365. M. STEINSCHNEIDER, DER VOCALBUCHSTABE ע HEBR. BIBLIOGR. VI Berl. 1868, 119—120.

שטיינשנ. ברענגט, אויפן גרונד פון אַלטע כתב־ידן און ביכער, אינטערעסאַנטע פאַקטן צו דער געשיכטע פונעם אות „ע״ (e) אין דער יידיש־טייטשער אָרטאָגראַפיע.

366. אַד״ם (=אברהם דוב מיכאַלישקער) הכהן בן חיים לעבענזאָהן, יתרון לאָדם ווילנע, 1874.

דאָס איז אַ קריטישער פירוש און הוספה צו: יהודה לייב בן זאב, ס׳תלמוד לשון עברי, און איז געדרוקט געוואָרן אינעם „אונטערשטן שטאָק״ פון דעם לעצטן בוך. אויף ז׳ 19—25 (יתרון לאָדם ל„מאַמר ב׳ בהברות האותיות״) מאַכט אדם הכהן זייער אינטערעסאַנטע סיסטעמאַטישע באַמערקונגען צו דער פאָנעטיק פון די העברעישע ווערטער, וואָס גייען אַריין אין יידיש־טייטש; חוץ דעם דערקלערט ער דעם איינפלוס פון דער דייטשער שפּראַך אויף אונדזער העברעישער הברה.

367. M. Grünwald, Über d. jüd.-deutschen Jargon, vulgo Kauderwelsch genannt, Budapest 1876; 2 Aufl. Prag 1888. 16 s. (S.-Abdruck aus d. "Ungar. Israelit" 1876).

ס'איז אַ שרעקלעכע שמאַטע, הגם דער מחבר איז געווען אַ פּראָפעסאָר און האָט געהאַט גרויס „רחמנות" אויף דעם באַעוולטן „דייטשן דיאַלעקט". דער „געלערנטער" מחבר איז אַזוי נתפּעל געווען פון זיין עם־האַרצישער סחורה, אַז ער האָט זי געלאָזט דרוקן גאַנצע דריי מאָל. אַ שמאַטע האָט אבער מזל: לא די, וואָס „אויסגעהאַלטן" דריי אויפלאַגעס, האָט זי נאָך זוכה געווען ארויסצורופן עטלעכע רעצענזיעס:

368. N. Brüll's Jahrbücher f. jüd. Gesch. u. Literatur, III, Fr. M., 1877.

369. M. Gaster's. Monatschr. f. Gesch. u. Wissensch. d. Judentums, 1879.

איך האָב נאָך ערגעץ באַגעגנט אַ רעצענזיע, נאָר איך געדענק ניט ווו. אָבער, דעם אמת זאָגנדיק, האָט מען אין די אַלע רעצענזיעס דעם פּראָפעסאָר כּדבעי מכבד געווען מיט פאַרדינטע שמיץ.

370. Heinrich Teweles, Der Kampf um die Sprache (Linguistische Plaudereien) Lpz. 1884.

(אַן איבערדרוק פון "Bohemia" פּראַג, 1884)

371. H. T. Linguistische Plaudereien: Bohemia, Prag. Beilage vom 29 Juli 1884.

372. M. Grünbaum, Mischsprachen und Sprachmischungen, Berlin 1885.

373. S. Wiener, Das jüdische Volapük: Magazin f. d. Literatur des Auslandes, Berlin, 15 Juni 1886.

374. J. Babad, Referat üb. Sutermeister's "Schwizer-Dütsch": Ztschr. f. Völkerpsychol. u. Sprachwiss. (Lazarus u. Steinthal), XVI Berl. 1886, 205—207.

375. L. Wiener, On the hebrew element in slavo-judaeo-german: Hebraica (further: Amer. Journ. of Semitic Languages) X Chicago 1893, 175.

* 376. י. ח. טביוב, יסודות עברים בזרגון: הזמן ס'פטרבורג, 1903, 126—144

* 377. יודא יפה, „וועגן יידיש אַלס אַ שפּראַך": „ליטעראַטור" (יואל ענטין), ניו־יאָרק, נ' 1. [דאָס נייע לעבן (ח. זשיטל.), 1910 נ' 6, 53].

* 378. ש. אייזענשטאַט: „פריינד", וואַרשע, 1912. [אַ פּריוואַטע מיטטיילונג].

ב. לינגוויסטישע שטרייט־פראַגן און זייטיקע פראַגן.

1) די רעפאָרם פון דער יידישער שפּראַך און אָרטאָגראַפיע

ז' אויבן נ' 179.

379. מ. פינקלמאַן, „מאַמע לשון", אָדעס, אָן אַ יאָר, 7 זייטלעך.

אָן עם האַרציש בראָשורל מיט אַ „פּאָלעמישן" אינהאַלט. פאָרמולירט אָבער אייניקע אָרטאָגראַפישע פאָדערונגען פונעם שטאַנדפּונקט פון אַ פּראָסטן בשר ודם, און מיט אָט די פאָדערונגען מוז זיך דאָך רעכענען די יידישע פילאָלאָגיע.

380. ש. ניגער, „דייטשמעריש": „לעבען און וויסענשאַפט", ווילנע, 1912, נג' 11—12.

381. שלום אַש, „דייטשמעריש" [אַן אַרטיקל, איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, אין וועלכער צייטונג און ווען].

382. דר. חיים זשיטלאָווסקי, „די פילאָזאָפיע"..., ניו־יאָרק, 1910, פאָרוואָרטס, ז. II—IV [וועגן אַ וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע אין יידיש].

* 383. יודאַ א. יאָפע, „שרייבן" אָדער „שרייבען": ליטעראַטור (יואל ענטין), ניו־יאָרק [דאָס נייע לעבן, II, 463].

2) וועגן דעם פּראָיעקט אַריינצופירן דעם לאַטייניש אַלף־בית.

1903, 126—144 [Pinés No. 131].

איינער פון די ערשטע, וואָס האָט פאָרגעשלאָגן די רעפאָרם, איז געווען, אויב איך האָב קיין טעות ניט, ד"ר נתן בירנבוים. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען די זאַך פיל טיפער, איידער די איצטיקע „לאַטיין־יידישיסטן". ער האָט פאָרגעשלאָגן אַריינצופירן דעם לאַטייניש אַלף־בית גלייכצייטיק פאַר ביידע שפּראַכן—אי פאַר יידיש, אי פאַר העברעיש (דערנאָך האָט ער אָבער—№ 385—צוגעגעבן, אַז פאַר העברעיש איז די רעפאָרם נאָך ניט צייטיק).

384. Mathias Acher (Dr. Nathan Birnbaum), Hebräisch und Jüdisch : Ost und West, II Berl. 1902, 464.

385. דער זעלביקער, Die Sprachen des jüd. Volkes : Jüdische Abende, Wien 1904, No. 1.

ביידע אַרטיקלען זיינען אויך אַריין אין זיינע Ausgewählte Schriften ב. I, טשערנאָוויץ, 1910, 301—325.

386. ד"ר X, „וועגן אַ יידישער גראַמאַטיק און רעפאָרם אין דער יידישער שפּראַך". „לעבן און וויסענשאַפט" (א. ליטווין), ווילנע, 1909, נ' 1.

387. די לעזער איבער דער רעפאָרם פון דער יידישער שפּראַך : (ibid) נ' 2—5 (שפּרעכזאַל).

388. יודא א. יאפע, „די קלאַנגען פון אידיש און דער אידישער אלף־בית" : „דאָס נייע לעבן" (ח. זשיטלאָווסקי) I, ניו־יאָרק, 1909, 701.

* 389. „אונזער שריפט", דער ערשטער אידישער זשורנאַל אין אלוועלטלעכער לאַטייניש שריפט, אַרויסג. און רעדאַג. פון מיכל קאַפּלאַן און ב. באַטוויניק, ניו־יאָרק, 1912 [№ 390].

דער דאָזיקער „ערשטער" זשורנאַל האָט געהאַט, נאַטירלעך, די אייגענע „אריכת ימים", ווי זיין פאָרגייער אין רומעניע אין 1902טן יאָר, וועגן וועלכן ס'האָט געהערט ד"ר בירנבוים (נ' 384). מיר האָט מען אויך דערציילט, אַז אין רומעניע איז מיט אַ יאָר צוריק אַרויס אַזאַ מין „זשורנאַל".

390. דוד פינסקי, „אידיש — און די לאַטייניש שריפט" : „אידישע וואָכענשריפט" (דוד פינסקי און יוסף שלאָסבערג), ניו־יאָרק, 1912, נ' 3. (איבערגעדרוקט אין „פריינד", וואַרשע, 1912, נ' 44).

391. אַבראַמסאָן, „נייע אותיות" : „פריינד", 2/15 פעבר. 1912.

* 392. מתתיהו מיזיש, „מיט וואָס פאַר אותיות זאָלן מיר שרייבן יודיש ?" : „פּראָסטינס קאַלענדאַר", לעמבערג, 1910 [פּריוואַטע מיטטיילונג פונעם מחבר].

393. בן אדיר, „א שעדלעכע פאַנטאַזיע..." : „דאָס נייע לעבן" (ח. זשיטלאָווסקי), VI, ניו־יאָרק, 1912, 244.

* 394. ש. ניגער : „די אידישע וועלט", ס'פּעטערבורג, 1912 נ' 4.

3) די ווירקונג פון יידיש־טייטש אויף אַנדערע שפּראַכן.

אא) אויף העברעיש.

ז' אויך נ' 367 און 129.

395. M. Steinschneider, Die fremdsprachlichen Elemente im Neuhebräischen, Prag 1845, 29.

396. Martin Schreiner, Zur Geschichte der Aussprachen des Hebräischen : Ztschr. f. alttestamentliche Wissenschaft VI 1886, 258—259.

397. Leo Metmann, Die hebräische Sprache in d. Gegenwart : Ztschr. f. Demographie u. Statistik der Juden, III 1907, 129.

בב) אויף די איבעריקע שפּראַכן:

398. A. Kretschmar, Allgem. Fremdwörterbuch... (2 Aufl. ?) bearb. von K. Böttcher, Lpz. 1882, Anhang : Dem kaufmännischen Verkehr eigenthümliche jüd.-deutsche Ausdrücke (S. 363—378).

399. Otto Heilig, Beiträge zu einem Wörterbuch d. ostfränkischen Mundart des Taubergrundes: Programm d. Realschule zu Heidelberg, 1894.

400. Leo Wiener, The Judaeo-German Element in the German Language: The American Journal of Philology, XV, 329.

401. O. Meisinger, Lotekhôlisch, Ein Beitrag zur Kentniss d. fränkischen Händlersprache: Ztschr f. hochdeutsche Mundarten III 1902, 121.

402. Л. Винеръ, Еврейско-Нѣмецкія слова въ русскихъ нарѣчіяхъ: Живая Старина (Изд. Отд. Этнографіи Имп. Рус. Геогр. О-ва) V Спб. 1895, 57.

ווינער האַלט ווייסרוסיש און קליינרוסיש פאַר רוסישע „דיאַלעקטן" (?). יידיש־טײַטש האָט אָבער געווירקט ניט אויף „דיאַלעקטן", נאָר טאַקע אויף גאַנצע „שפּראַכן"

דער יידיש־טײַטשער דיאַלעקט אין אונגאַרן:

403. Balassa Jozsef, Magyar zsidó szójárás: Evkönyv (Izraelita Magyar Irodalmi Társulat) IV Budapest 1898, 114.

4) דער אײַנפלוס פון יידיש־טײַטש אויף די גנבישע דיאַלעקטן.

דאָס איז אויך אַ פּרק אין דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט. מיר האָבן שוין געזען (נ' 103), אַז דאָס גרעסטע ווערק וועגן דער יידיש־טײַטשער פילאָלאָגיע איז אויסגעוואַקסן פון דעם שייכות, וואָס עקזיסטירט צווישן דער יידישער שפּראַך און די דײַטשע גנבישע דיאַלעקטן. ס'איז אויך קיין וווּנדער ניט: יידן האָבן אין אַלע צײַטן אויסגעמאַכט אַ הויכן פּראָצענט צווישן די גנבישע און שווינדלערישע באַנדעס. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אין די גנבישע דיאַלעקטן פון די אומות העולם, בפרט אָבער אין דײַטשלאַנד, געפינט זיך אַ סך ווערטער פון יידיש; און דערהויפּט זײַנען דאָס פאַרדאַרבענע העברעישע און אַראַמעישע ווערטער. אַליין דער וואָרט Gauner (שווינדלער, באַנדיט) איז ניט קיין דײַטשער, און די גרעסטע פילאָלאָגן זײַנען מסכים, אַז דער וואָרט שטאַמט פון העברעיש. אַווע־לאַלעמאַן מיינט, אַז Gauner שטאַמט פונעם פעל „ידע", וואַגנער—אַז פון „ינה". די דאָזיקע דערקלערונגען זײַנען באַשיימפּערלעך אומריכטיק; די ריכטיקסטע דערקלערונג וועט, דוכט מיר, זײַן — אַז Gauner שטאַמט פון „יון"*). דערפאַר פלעגט מען אויך רופן די דײַטשע גנבים־שפּראַך „יעניש" (יוניש!) שפּראַכע". ס'איז באַקאַנט, אַז די ערשטע משכּילים (די מענדעלסאָניאַנער) האָבן אונדזער פאָלקס־שפּראַך אַ נאָמען געגעבן „זשאַרגאָן".

„זשאַרגאָן" איז אַ פראַנצויזיש וואָרט, וואָס שטאַמט פונעם XIV—XIII יאָרהונדערט (jargon, gergon); פון וואַנען די פראַנצויזן האָבן דעם וואָרט גענומען, איז ניט באַקאַנט, נאָר איין זאַך איז פעסטגעשטעלט (בפרט פון שײַנעאַנו, ז. אונטן, נ' 411 און 412) — אַז „זשאַרגאָן" האָט צו ערשט און נאָך אַ צײַט מיט יאָרהונדערטער באַטײַט ניט מער און ניט ווייניקער, ווי די גנבים־שפּראַך. אונדזערע ציוניסטישע „זשאַרגאָן"־פרעסער מעגן זיך דאָס מערקן, און דאַרפן אויך ניט פאַרגעסן, אַז אין די גנבישע דיאַלעקטן זײַנען אַרײַנגעגאַנגען דווקא די העברעישע ווערטער פון „זשאַרגאָן".

מכוח אָט די אַלע פראַגן זײַנען מיר באַקאַנט, נאָך אַווע־לאַלעמאַן, די פאָלגנדע שריפטן:

404. (B. Fischer), Der Kleine Avé-Lallemant, Lpz. 1887.

---

*) Gauner האָט פריער געהייסן "Jauner" און מיט דער צײַט, ווי ס'טרעפט אָפט אין פלאַטדײַטש, איז דער j אַריבער אין g. אַז Jauner שטאַמט אָבער פון יון (און ניט פון אַ פעל, ווי „ינה"), איז זייער וואַרשײַנלעך, ווען מ'נעמט אין באַטראַכט די באַטײַטונג פון „יון, יונים" (סאָלדאַטן, ראָטע, באַנדע) אין יידיש. נאָך עד היום געפינט זיך אין איינער פון די עלטסטע גאַסן פון ווין אַ יאָרהונדערטער־אַלטער שמוציקער רעסטאָראַן, וואָס רופט זיך „גריכישעס בייסעל". „בייסעל" איז פאַרקלענערונג פון „בית" (הײַזל), און „גריכיש" איז נאָך ניט מער און ניט ווייניקער, ווי „יוניש".

דער ביכל איז דערשינען אַנאָנים, און איז אַ פּאָפּולאַריזאַציע פון אַווע־לאַלעמאַנס ווערק (אויבן, נומ׳ 103). דער פּאָפּולאַריזאַטאָר, בערנהאַרד פישער, אַ ייד, האָט אַנטפּלעקט זיין אַנאָנים אין זיין בראָשורע „תלמוד אונד שולחן ערוך״, לייפּציג, 1893.

405. Friedrich Kluge, Rotwelsch, Quellen und Wortschatz der Gaunersprache, I Strasburg 1901.

406. L. Günther, Das Rotwelsch des deutschen Gauners, Lpz. 1905.

אַן אינטערעסאַנטע רעצענזיע אויף גינטערן:

407. A. Landau's : Mitteilungen zur jüd. Volkskunde, Heft XXV 1908, 35—38.

408. A. Landau, Bemerkungen u. Nachweise zum Wörterverzeichniss d. Geheimsprache von 1735 : Schweizerisches Archiw f. Volkskunde IV, Zürich 1900, Heft 3.

409. Kochemer-Loschen : Meyers Konversations Lexikon, 5 Aufl. Wien u. Lpz. 1895, 316.

410. Rotwelsch : Brockhaus' Konversations-Lexikon, 14 Aufl. XIII 1908, 1037.

411. L. Sainéan, L'Argot ancien..., Paris 1907.

412. דער זעלביקער, Les sources de l'argot ancien I, Paris 1912.

412a. Slang : The Encyclopaedia Britannica, 11 Ed., XXV, Cambridge 1911.

5) ווי אַלט איז די דייטשעשפּראַך ביי די יידן אין דייטשלאַנד?

וועגן דעם זע אויבן, די נב׳ 103, 110, 118, 119, 120, 130, 131, 151, 352, 353, 356 און פיל אַנדערע. דאָ וועל איך זיך אָפּשטעלן נאָר אויף איין אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, וואָס באַרירט די פראַגע, צי איז יידיש־טייטש ניט עלטער פאַר טויזנט יאָר. אין 1858סטן יאָר האָט אַ ווינער ארכעאָלאָג צאַפּפערט, אַ ייד, געהאַלטן פאַר דער ווינער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט דעם פאָלגנדן פאָרטראָג:

413. Georg Zappert, Über e. althochdeutsches Schlummerlied : Sitzungsberichte d. philosophisch-histor. Classe d. Kais. Akademie d. Wissenschaften (in Wien), XXXIX (Jg. 1858), Wien 1859, 302—314.

דערביי האָט צאַפּפערט געוויזן זיינע קאָלעגן אַ שטיקל פּאַרמעט, וואָס ווען לויט ער האָט דערציילט, האָט ער אַראָפּגענומען פונעם רוקן פון אַ פּאַפּירענעם כתב־יד פונעם 1435סטן יאָר; דער פּאַרמעט איז אָבער מיט פיל יאָרהונדערטער עלטער פאַר די טאָוולען, צו וועלכע ער איז געווען צוגעקלעפּט, ווייל אויף אים געפינט זיך אַ פראַגמענט פון אַן אַלטן דייטשן וויגליד. דער פראַגמענט האַלט ס״ה 5 שורות, געשריבן מיט לאַטייניש׳ע אותיות, נאָר אַנשטאָט די לאַטיינישע וואָקאַל־צייכנס שטייען אָפּט העברעישע נקודות: morgn; manstrut ; פון אָנהייב און אויפן רוקן פונעם ליד זיינען צוגעגעבן עטלעכע ווערטער אין העברעיש (דערביי שטייען די נקודות, לויטן גאָר אַלטן שטייגער, ניט אונטער, נאָר איבער די אותיות: „קשת רוח רגל... רזון, רחץ״, און ווערטער פון משלי „חכמה ואדם יפיק תבונה לך אל״). אינעם ליד ווערן דערמאָנט אַלטע גערמאַנישע געטער און ווערן פאַרטייטשט אויף העברעיש: (דודי, אסתר צפרה) (Zanfana, Ostra, Tocha). דערפון, ווי פון דער אַלטער שפּראַך פונעם ליד, האָט צאַפּפערט ארויסגעפירט, אַז דאָס שטיקל פּאַרמעט שטאַמט נאָך פון יענע צייטן, ווען די דייטשן זיינען נאָך געווען געצנדינער. אויב דער פראַגמענט איז אַן עכטער, איז דאָס אַ באַווייז, אַז יידן האָבן גערעדט דייטש שוין מיט טויזנט יאָר צוריק אָדער אַפילו נאָך מער, ווי טויזנט יאָר. אַ פאַקסימיליע פונעם ליד איז אַפּגעדרוקט ביים פאָרטראָג (ibid).

אין ווין האָט מען גאָרניט געספּקט אין דער עכטקייט פונעם פראַגמענט, אויך דער גרויסער לינגוויסט יאַקאָב גרים האָט דעם ליד געהאַלטן פאַר אַן עכטן. נאָר אין גיכן האָט

מען אין געטינגען און אין בערלין אָנגעהויבן צו ספקן אין דער עכטקייט פון דער ווינער אַנטדעקונג, און ס׳איז אויסגעוואַקסן די פאָלגנדע דיסקוסיע:

414. W. M.: Göttingener Gelehrte Anzeigen, 1860, No. 21, 22.

415. דער זעלביקער, ibid. 1867, No. 27.

416. Franz Pfeiffer, Forschung u. Kritik auf dem Gebiete des deutschen Alterthums, II, Wien 1866, 43—86.

פפייפער פאַרטיידיקט די עכטקייט פונעם ליד.

417. (Abr. Geiger): Jüd. Ztschr. f. Wissenschaft u. Leben (A. Geiger), V. Breslau 1867, 134.

גייגער קאָן ניט זאָגן אויף געוויס, ניט פאַר און ניט קעגן, אָבער מער האַלט ער פון דער מיינונג, אַז דאָס ליד איז נאָכגעמאַכט.

418. G. Heine: Fremden-Blatt, Wien 1867, No. 110.

419. Ph. Jaffé: Ztschr. f. deutsches Alterthum, Neue Folge I, 1867, 496.

יאַפע באַווייזט, אַז דאָס ליד איז געמאַכט געוואָרן פון צאַפּפערטן. לויט ווי מיר איז באַקאַנט, האָט דעם לעצטן וואָרט אין דער גאַנצער דיסקוסיע געהאַט משה שטיינשניידער:

420. M. Steinschneider: Hebräische Bibliographie IX, Berl. 1869, 58.

שטיינשניידער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעפּסקנט, אַז: “Das Lied ist und bleibt eine instructive Erfindung Zapperts”*).

מע וועט אוודאי פרעגן, ווו איז אָבער געווען דער שולדיקער אינעם גאַנצן וכוח, אַליין צאַפּפערט, וואָס האָט ער געשוויגן? ער איז שוין לאַנג געלעגן אין קבר; געשטאָרבן דעם 23סטן נאָוו. 1859, נאָך איידער די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער שוין ניט געקאָנט זיך פאַרטיידיקן. נאָך שטיינשניידערס פּסק־דין האָט מען זיך, דוכט מיר, מער ניט אומגעקערט צו דער פראַגע. אַ ווייטן און שוואַכן אָפּקלאַנג פון דער געשיכטע געפינט מען אין צאַפּפערטס ביאָגראַפיע:

421. Zappert, Georg: Constant v. Wurzbach, Biographisches Lexikon des Kaiserthums Oesterreich, LIX, Wien 1890, 184.

6) ווי אַלט איז די יידיש־טייטשע שפּראַך ביי די מזרח־יידן.

אַא) השערות און טעאָריעס.

קאָנקרעט געשטעלט, איז די פראַגע: צי האָבן יידן אין רוסלאַנד און פוילן אַ מאָל גערעדט סלאַוויש, און ווי לאַנג זיי האָבן די סלאַווישע שפּראַכן גענוצט? ווען האָט מען אָנגעהויבן רעדן יידיש־טייטש? דער גרעסטער רוב מחברים, וואָס קומען אונטן, האַלטן, אַז יידן האָבן צו ערשט גערעדט סלאַוויש, און דערנאָך — אַרום XIV—XVII יאָרהונדערט, ביי דער גרויסער איינוואַנדערונג פון דייטשע יידן, ביסלעכווייז פאַרביטן די שפּראַך אויף יידיש־טייטש. דער שטאַרקסטער פאַרטרעטער פון דער השערה איז אברהם־אליהו הרכבי,

---

* די וויכטיקסטע ראיות, אַז דאָס ליד איז נאָכגעמאַכט, זיינען: 1) וואָס די נקודות האָבן דאָרט די געוויינטלעכע פאָרעם, בשעת, ווען זיי שטייען איבער די אותיות, מוזן זיי האָבן אַן אַנדער פאָרעם; 2) וואָס ס׳איז שווער צו דערקלערן, ווי קומען אויף איין און דעם זעלביקן כתב־יד פון X יאָרה. אי לשון־קודשדיקע אי „גוישע” אותיות; 3) וואָס צאַפּפערט האָט זיך ניט אינטערעסירט אַראָפּצונעמען פונעם רוקן פון קאָדעקס אויך אַנדערע שטיקלעך פאָרמעט, וועלכע זיינען דאָרט געבליבן אָנגעקלעפּט (ד. ה. ער האָט געוווּסט, אַז נאָר אויף דעם שטיקל געפינט זיך זיין ליד); 4) וואָס ביי אַ גענויער באַטראַכטונג פונעם פאָרמעט זעט מען, אַז דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אויף די אַלטע פלעקן; 5) וואָס דער וואָרט „צפרה”, ווי צאַפּפערט שרייבט אים אונטער (Zanfana), זעט אויס אין אמתן אַ ביסל אַנדערש, דהיינו „צפרת — און „צפרת” הייסט ניט מער און ניט ווייניקער ווי צפרת: די קריטיקער זיינען אַלזאָ משער, אַז צאַפּפערט האָט נאָך געהאַט די העזה זיך אונטערצוחתמען אויפן פראַגמענט.

וואָס האָט געזאַמלט ניין (9) היסטאָרישע און אַרכעאָלאָגישע ראיות פאַר זיין מיינונג. ער גייט אַזוי ווייט, צו גלויבן אַז נאָך אין XVI און XVII יאָרהונדערט איז ביי אַ טייל מזרח־יידן סלאַוויש געווען די פאָלקס־שפּראַך. אייניקע נייע ראיות, אָבער נאָר שוואַכע, האָבן געפּרוווט צו ברענגען פאַר ה׳ הרכּבֿיס טעאָריע בערשאַדסקי און ד״ר יצחק שיפּפּער. דער ערשטער, וואָס האָט בכלל אַרויסגעשטעלט די דאָזיקע טעאָריע, איז געווען, לויט ה׳ הרכּביס מיינונג ריב״ל. — אַקעגן דער השערה איז אַרויסגעטראָטן ה׳ ש. דובנאָוו. אויפן סמך פון היסטאָרישע דאָקומענטן באַווייזט ער מיט זייער שטאַרקע ראיות, אַז אינעם XVI און XVII יאָרהונדערט איז יידיש־טייטש געווען די הערשנדיקע שפּראַך ביי די רוסישע און פּוילישע יידן. אָט זיינען די טעאָרעטישע שריפטן מכּח דער פראַגע.

422. יצחק־בער לעווינזאָהן (=ריב״ל), תעודה בישראל..., ווילנע, 1828, 35 (הערה); מהד׳ שניה, 1855.

423. Franz Delitzsch, Zur Geschichte der jüd. Poesie..., Lpz. 1836, 83.

424. Leop. Zunz. Der Ritus des synagogalen Gottesdienstes, Berlin 1859, 73

425. מתתיהו שטראַשון, רחובות קריה (הערות והוספות ל„קריה נאמנה והוא קורות עדת ישראל בעיר ווילנא״ מאת שמואל יוסף פין, 1860), הערה ט״ו, עמ׳ 299—302.

שטראַשון האָט בקיצור אָנגעוויזן די אייניקע היסטאָרישע ראיות פאַר דער טעאָריע, וואָס ה׳ הרכּבי האָט דערנאָך גענוי באַגרינדעט.

426. H. Grätz, Geschichte d. Juden IX Lpz. 1866, 71; 3 Aufl. 1891, 64.

426 a. דער זעלביקער, History of the Jews, translated by Bella Löwy, IV Lond. 1892, 449.

אין שפ״רס העברעישער איבערזעצונג (ס׳ דברי ימי ישראל, ה׳ VII, וואַרשע, 1899) האָב איך די שטעלע ניט געפונען.

* 427. אברהם אליהו הרכבי: הכרמל, VI, ווילנע, 1863, נב׳ 31,—43, V, 1864, נב׳ 2—3, 9—10 ו־33—36 [הרכבי ג׳ 430, עמ׳ 1].

428. А. Я. ГАРКАВИ, ОБЪ ЯЗЫКѢ ЕВРЕЕВЪ, ЖИВШИХЪ ВЪ ДРЕВНЕЕ ВРЕМЯ НА РУСИ... : Труды Восточ. Отд. Имп. Рус. Археол. О-ва, Спб. 1865.

*429. דער זעלביקער, Историч. замѣтка (объ употребленіи евреями рус. языка въ Литвѣ въ нач. XII стол.): Прилолженіе къ «Гакармель», Вильно 1866, nº 7 [Систем. Указ. № 169, nº 185].

430. אברהם אליהו הרכבי, היהודים ושפת הסלאווים, ווילנע, 1867, 7—41.

430 a. M. Güdemann, Gesch. d. Erziehungswesens u. d. Kultur... (I Band) Wien 1880, 113 (זע אויבן, ב׳ 356).

431. С. А. Бершадскій, Литовскіе Евреи, Спб. 1883, 395.

432. С. М. Гинзбургъ и П. С. Марекъ, Еврейскія Народныя Пѣсни въ Россіи, Спб. 1901, Предисловіе XXII.

433. R. Centnerszwerowa, O języku Żydów w Polsce, na Litwie i Rusi, Warszawa 1907 (С. Дубновъ, № 431.)

434. ד״ר יצחק שיפּפּער, „די יודישע שפּראַך־לעהרע״ (באַמערקונגען צו דער געשיכטע): „קונסט און לעבען״ (ז״ב; א. רייזען), I, וואַרשע („פּראָגרעס״), 1908, 61—67.

ד״ר שיפּפּערס אַרטיקל אַנטהאַלט אינטערעסאַנטע, נאָר ניט באַגרינדעטע השערות. ער מיינט, אַז דער כאַזאַרישער נאָמען בולאַן שטאַמט פונעם סלאַווישן «ПОЛЯНИНЪ»; „בולאַן״ איז אָבער אַן עכט טורקאָ־טאַטאַריש וואָרט, וואָס באַגעגנט זיך אין אַלע ט.—ט. שפּראַכן, אָנגעהויבן פונעם טערקיש־אָסמאַנלי און געענדיקט מיטן יאַקוטישן אין ווייטן מזרח. —

יקותיאלס בריוו, וואָס ד״ר שיפּפּער ברענגט פון אים ס״ה אַ קליינעם חלק, איז אַפילו אין גאַנצן צו קליין און צו אָ פ י צ י ע ל, כדי צו באַווייזן, ווי ה׳ שיפּפּער מיינט, אַז יידן האָבן אין XV יאָרה. גערעדט אַ ריינעם דייטש. ניט קוקנדיק אויף די פעלערן, איז דער אַרטיקל דאָך אינטערעסאַנט דורך זיין באַזונדערן שטאַנדפּונקט, וואָס שיידט זיך אונטער סיי פון ה׳ הרכבים, סיי פון ה׳ דובנאָוו.

435. С. ДУБНОВЪ, РАЗГОВОРНЫЙ ЯЗЫКЪ И НАРОДНАЯ ЛИТЕРАТУРА ПОЛЬСКО-ЛИТОВСКИХЪ ЕВРЕЕВЪ въ XVI И 1-ОЙ ПОЛОВ. XVII в.: Еврейская Старина (С. М. Дубновъ) I Спб. 1909, 7—40 *).

בב) דאָקומענטן און מאַטעריאַלן. *

די פאָלגנדע מאַטעריאַלן האָבן אַ שייכות צו דער פראַגע מכח דער סלאַווישער און דער דייטשער שפּראַך ביי די מזרח־יידן. איך ברענג דאָ אויך אַזוינע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען ביז אַהער נאָך פון קיינעם ניט אויסגענוצט געוואָרן; דער גרעסטער טייל אָבער איז שוין אויסגענוצט געוואָרן פון די דערמאָנטע היסטאָריקער.

ابو القاسم عبيد الله .. ابن حردادبة ، كتاب المسالك والممالك ...

אַבול־לקאַסים אובײדו־ללאַה... איבן כאָרדאַדבע קיטאַבו־למעסאַליק וועלמעסאַליק... פאַרעפנטלעכט דורך באַרביע דען־מיינאַר אין "Journal Asiatique", Paris, Janvier-Juin 1856. 5־טער באַנד פון 6־טער סעריע; אויף ז. 115 געפינט זיך אַ שטעלע פון דאָזיקן „בעדעקער" פונעם IX יאָרהונדערט, ווו דער אַראַבישער פּאָסט־און פּאָליציי־מייסטער איבן־כאָרדאַדבע רעכנט אויס יידישע סוחרים التجار اليهود — עטטודזשדזשאַר עליאַהוד, פון די פאָלגנדע לשונות: פּערסיש, גריכיש, אַראַביש, פראַנקיש, אַנדאַלוזיש און — ס ל אַ ו ו י ש (الصقلبية — אַססאַקלעביע). די פראַנצויזישע איבערזעצונג פון איבן־כאָרדאַדבעס „בוך פון די וועגן און פון די לענדער" געפינט זיך אין דעם זעלביקן באַנד פון „זשורנאַל אַזיאַטיק". די רוסישע איבערזעצונג געפינט זיך אין:

436a. Регесты и Надписи... (изд. ОПЕ) I, Спб. 1899, 45.

און ביי:

436b. А. Я. Гаркави, Сказанія мусульманскихъ писателей о славянахъ и русскихъ..., Спб. 1870—1871, 48.

אן אַנדער ידיעה, אַז יידן (און דווקא ד י י ט ש ע יידן) רעדן סלאַוויש, שטאַמט פונעם סוף פון XIII יאָרהונדערט, זע:

437. Boncompagni: Atti dell' Academia Pontificale... Roma XVI, 1863, 692, 781.

438. M. Steinschneider: Hebräische Bibliographie, XI, 1871, 57.

די דאָזיקע ידיעה ברענגט איינער אַ קריסט אין אַ לאַטיינישן כתב־יד פון יאָר 1297.

438a. מיט די דערמאָנטע ידיעות מוז מען אָבער פאַרגלייכן, בנוגע צום XVI יאָרה. דעם קעפּל פונעם ס׳ של רבי אנשיל (ז׳ אויבן, נ׳ 83): „לשון אשכנז המורגל בינינו אשכנזים" — דער ספר איז דערשינען אין דער פּ ו י ל י ש ע ר שטאָט קראָקע און איז געווען באַשטימט, ווי ס׳ווייזט, פאַר פּוילישע יידן. ס׳איז אויך באַקאַנט, אַז אין XVI—XVII יאָרה. פלעגט מען די פּוילישע און ליטווישע יידן רופן „אַשכנזים". חוץ דעם, זע:

* זע דעם אַרטיקל פון ב. רובשיין: „די אַמאָליגע שפּראַך פון יודען אין די רוסישע געגענדען", זז׳ 22—38.

דאָ וויל איך אַרויסזאָגן מיין דאַנק מיין פריינד בן־ציון רובשטיין, וואָס האָט מיר געהאָלפן צו זוכן אייניקע שטעלן אין די אַלטע יידישע ספרים.

438b. ספר התשבי לאליהו התשבי... (ז. אויבּ׳ן, נ׳ 82), באַזעל, 1526; איסני, 1541, עמ׳ 205.

ביים וואָרט „משקיט״ רעכנט אויס אליהו לעוויטא יידן פון פאַרשיידענע שפּראַכן, אויך פון דער דייטשער שפּראַך, אָבער קיין סלאַוויש רעדנדיקע יידן דערמאָנט ער נ י ט.

439. ס׳ ים של שלמה על מסכת גיטין (מאת מהרש״ל—ר׳ שלמה בן יחיאל לוריא), פּראַג, תקע״ב, פּרק רביעי, סימן ל״א אות ב (דף כ״ח ע״ב, רעכטס).

צום סוף פונעם אות ב׳ זאָגט רש״ל: „ונראה במדינות פולין שמדברין לשון אשכנז גסה״ — פּוילישע יידן רעדן אַ גראָבע דייטשע אויסשפּראַך (זיי זאָגן, למשל, „פּ״, אַנשטאָט „ב״). — דער דאָזיקער זאַץ איז געשריבן געוואָרן אַרום 1550סטן יאָר.

440. שו״ת ר׳ מאיר כ״ץ אשכנזי (הוספה לס׳ גבורת אנשים לר׳ ש״ך). *

איך האָב געזען צוויי אויסגאַבעס: אמשטרדם, תמ״ז און סידלקאָב אין וואָלינשען גיבערנעמאַט, שנת תקנ״ז. אין ביידע געפינט זיך וואָרט־ביי־וואָרט די זעלביקע שטעלע (וואָס אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס האָט מען זי אויף אַ היפּש ביסל געענדערט): „ועל מה שנהגן בבריס״ק דליטא... לכתוב ברסט״י אין זה ראיה כי זה המנהג נתפשט שבני בריתינו היושבים בקרבינו רובם מדברים בלשון רוסיא והיא קורין אותה עיר ברסט״י... והנה... נראה שאין לכתוב שם הגויים בבריסק דקויא כי שם כל היהודים קורין אותה בריסק... אם יתן השם תמלא הארץ דעה וידברו כלם שפה אחת לשון אשכנז לא יכתבו כי אם בריסק״; דאָס געפינט זיך אין די תשובה א׳, אָפּזאַץ „והנני״ — אין דער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע דף כ״א ע״ב, לינקס, און אין דער סיעדלקאָווער אויסגאַבע דף כ׳ ע״א, רעכטס. — איך ציטיר אומישנע די גאַנצע שטעלע, כדי צו ווייזן, אַז ר״מ כ״ץ ווערטער, וואָס מ׳האָט אויף זיי אויפגעבויט אַ גאַנצע ראיה פאַר דער סלאַוויסטישער טעאָריע, באַציען זיך נאָר צו די יידן פון אַ באַשטימטער געגנט, בשעת אַנדערע רוסישע יידן רעדן, לויט ר״מ כ״ץ באַהויפּטונג, ריכטיק טייטש. די דאָזיקע ידיעה געהערט צום אָנהייב פון XVII יאָרה. — ס׳איז אָבער כדאי צו באַמערקן, אַז אין די זעלביקע שו״ת געפינען זיך גאַנצע יידיש־טייטשע טעקסטן (עדות ביים רבנישן דין־תורה), ווי אויך יידיש־טייטשע און סלאַווישע גלאָסן. — נאָך איין זאַך איז וויכטיק אינעם בוך, — די ידיעה וועגן אַ ווילנער יידן (אַרום 1635סטן יאָר), וואָס האָט אין דער רוסישער שפּראַך מקדש געווען אַ מיידל, זאָגנדיק איר: „י״א טעבי אסטי׳ם מקדש ביל״: דאָס געפינט זיך אין דער צווייטער „שאלה״ (נ י ט נומערירט!) — אין דער אַמסטערד. אויסג. דף כ״ו ע״ב, רעכטס, און אין דער סיעדלקאָווער אויסג. דף כ״ד ע״א, לינקס. אָבער דווקא אין דער זעלביקער שאלה געפינט זיך אַ דייטשע גלאָסע „רצועות שקורין נעסטלין״.

נאָך אַ ידיעה וועגן אַ סלאַוויש־רעדנדיקן יידן אין מעדזשיבאָזש (פּאָדאָליע) אין 1565סטן יאָר געפינט זיך אין:

441. שו״ת בית חדש הישנות (לר׳ יואל סירקיש), פרנקפורט דמיין תנ״ז, סימן פ״ב, דף ס׳ ע״א.

אין דער שאלה ווערט מיטגעטיילט, אַז אַ ייד האָט געגעבן זיין עדות אין דער ר ו ס י ש ע ר שפּראַך, אָבער אין דער שאלה גופא ווערן זיינע רייד מיטגעטיילט אין דער י י ד י ש ־ ט י י ט ש ע ר איבערזעצונג (ה׳ הרכבי, נ׳ 430, ציטירט די שטעלע נאָך שטראַשונען נ׳ 425, — דערביי זאָגט ער על פי טעות, אַז די רוסישע עדות איז איבערגעזעצט געוואָרן אין לשון קודש). — אין די זעלביקע שו״ת געפינען זיך נאָך אַ סך יידיש־טייטשע טעקסטן (עדות) — אזוי אין שאלות ע׳, ע״ג, ע״ז, צ״ד (אין שאלה ע׳ עטלעכע טעקסטן מיט א מאָל) — און אַלע שטאַמען פונעם סוף XVI און אָנהייב XVII יאָרה;

אַז מיר האַלטן שוין ביי די שו״ת, איז אָט זיינען נאָך אייניקע, ווו ס׳געפינען זיך יידיש־טייטשע טעקסטן (פון עדות ביים דין־תורה) פון XVI—XVII יאָרהונדערט אין די סלאַווישע לענדער.

442. שו״ת שארית יוסף (לר׳ יוסף בר׳ מרדכי גרשם כ״ץ), קראקא שנת ש״ן אמשטרדם תקכ״ב; (ס׳ ל״ב, נ״ג, ע״ז).

---

* איך ברענג די ציטאַטן מיט דער זעלביקער שרייבונג, ווי זיי געפינען זיך אין די קוועלן, פון וועלכע איך נעם זיי.

טעקסטן פון גאַליציע און בעמען.

443. שו״ת מהרש״ל, לומבלא של״ד (ס׳ ד׳, כ׳, כ״א, ל״ג, צ״ו, ק״א).

444. שו״ת מהר״ם לובלין, ויניציאה, שע״ח; מעטץ תקכ״ט (ס׳ ז׳, י״א).

די שו״ת שטעלן מיט זיך פאָר, אויף אַזאַ אופן, דאָקומענטאַלע באַווייזן, אַז די הערשנדיקע שפּראַך ביי די יידן פון XVII—XVI יאָרהונד. אין די סלאַווישע לענדער איז געווען יידיש־טייטש (אין וועלכן די העברעישע עלעמענטן שפּילן שוין אַ באַטייטנדע ראָל, צום אונטערשייד פונעם ריינעם דייטש; חוץ דעם באַגעגענען זיך אין די יידיש־טייטשע טעקסטן אויך ווו ניט ווו סלאַווישע ווערטער). צו דער באַגרינדונג פון זיין מיינונג האָט ה׳ דובנאָוו באַנוצט די אַלע דאָקומענטן, און אויך פיל ציטאַטן פון אַלטע פּנקסים, תקנות און כרוזים. לאָזנדיק אַזוינע מאַטעריאַלן אויף שפּעטער (צו דער אָפּטיילונג „דאָקומענטן") וועל איך דערווייל ברענגען דעם עלטסטן י.־ט. דאָקומענט, וואָס מיר האָבן פון די סלאַווישע לענדער:

445. M. Brann, Geschichte der Jüden in Schlesien, Breslau 1896, Anhang IV, s. LXVIII (DIE URFEHDE DES JUDEN, KUSSIEL).

דאָ האָט בראַן פאַרעפנטלעכט אַן אָפּיציעלן בריוו, אין דער דייטשער שפּראַך מיט העברעישע אותיות, פון אַ פּוילישן יידן יקותיאל, וואָס איז דאַטירט מיטן 1435סטן יאָר. אַז יקותיאל איז אַ פּוילישער ייד, זעט מען פון זיינע ווערטער: „דעמא הירן קוניק בון פולאן מיינם הירן אונ׳ שטיטן אונ׳ רעטין".

די געשיכטע האָט אונדז אַלזאָ איבערגעלאָזן אַ גאַנצן פּאַק מיט דאָקומענטן, וואָס זיינען אין די סלאַווישע לענדער געשריבן געוואָרן אין דער יידיש־טייטשער שפּראַך, — און קיין איין איינציקן דאָקומענט, וואָס זאָל זיין געשריבן פון יידן אין אַ סלאַווישער שפּראַך (ז׳ אויבן, d 312—313 №). פאַר דער „סלאַוויסטישער" השערה זיינען דאָ בלויז צוואָרפּעגע ידיעות און שמועות וואָס קאָנען נאָר באַווייזן, אַז איינצלנע יידן, אפשר איינצלנע קלענערע קהלות האָבן אין XVII—XVI יאָרה. גערעדט סלאַוויש. אָט די אַלע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן זיינען נאָך ביז איצט ניט געזאַמלט געוואָרן אין איינעם. קליינע זאַמלונגען פון מאַטעריאַלן געפינען זיך ביי:

446. Z. Frankel, Zur Geschichte der Jüden in Polen: Ztschr. f. die religiösen Interessen d. Judenthums (Z. Frankel) III 1846, 381—387.

ווו פראַנקעל ברענגט צונצס אַ בריוו, וואָס איז דערנאָך דערשינען באַזונדער:

447. Leop. Zunz. Aelteste Nachrichten üb. Juden u. jüd. Gelehrte in Polen, Slavonien, Russland (1846): L. Zunz' Gesammelte Schriften III Berl. 1876, 82—87.

448. אַ שוואַכע איינזייטיקע זאַמלונג פון צופעליק אַרויסגעכאַפּטע העברעישע מאַטעריאַלן ברענגט בן ציון כ״ץ, „לקורות היהודים ברוסיא פולין וליטא...", ברלין, 1899, י״א, עמ׳ 31—33.

די רייכסטע זאַמלונג פון דאָקומענטן און מאַטעריאַלן איז ביי ה׳ ש. דובנאָוו אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל (נ. 435).

אַחוץ דירעקטע מאַטעריאַלן זיינען אויך פאַראַן אינדירעקטע, וואָס זיינען אָבער זייער וויכטיק פאַרן פאָרשער. דאָס זיינען, ערשטנס, אינדירעקטע ידיעות.

*449. Актовыя Книги Кіевскаго Центр. Архива, nº 940 листъ 113 (в).

*450. Акты городовъ Вильно, Ковно и Трокъ, ч. II nº 75.

ביידע מאַטעריאַלן ברענגט בערשאַדסקי (נ׳ 431), וואָס שטיצט זיך בכלל גאָר אויף די אומדירעקטע באַווייזן.

ווייטער, אומבאַשטימטע ידיעות, וואָס געפינען זיך אין:

451. Регесты и надписи, Сводъ матеріаловъ для исторіи евреевъ въ Россіи (изд. ОПЕ) I Спб. 1899, nº 193, 199, 314, 341, 370, 601.

452. Русско-Еврейскій Архивъ..., т. II, Документы и регесты къ исторіи литовскихъ евреевъ..., собралъ и издалъ С. А. Бершадскій, Спб. 1882, n° 18, 211, 212, 297, 300, 303.

(דעם I באַנד האָב איך ניט געזען, אינעם 3 באַנד קיין ידיעות ניט געפונען, און די ווייטערדיקע בענד ניט געזען). אין די אַלע דאָקומענטן ווערן דערמאָנט יידישע בריוו־קוויטלעך און אונטערשריפטן, געשריבן «жидовскимъ писмомъ» אָדער «по жидовску». וואָסער שפּראַך אָבער הייסט «жидовска» איז ניט באַשטימט. ס'קאָן זיין העברעיש אָדער יידיש־סלאַוויש, אָדער יידיש־טייטש. איין דאָקומענט (P.-E. Архивъ II n° 8) רעדט וועגן אַ יידן וואָס קאָן נ י ט שרייבן קיין רוסיש.

צו די אומדירעקטע מאַטעריאַלן געהערן אויך אַזוי גערופענע „ג ל אָ ס ן“ (איבערזע־צונגען פון העברעישע ווערטער „בלע״ז“, „בלשון כנען“, „שקורין“ א. א. וו.) — וואָס באַגעגענען זיך ביי די מפרשים; חוץ דעם קאָנען דינען, ווי מאַטעריאַלן, די פּראָדוקטן פון דער ליטעראַרישער פאָלקס־שאַפונג (פ אָ ל ק ל אָ ר) און די פ ע ר ז אָ נ ע ן־נ ע מ ע ן, וואָס יידן טראָגן.

מכוח ג ל אָ ס ן זע:

452a. אברהם אליהו הרכבי, היהודים ושפת הסלאוים, 1867, 42—69.

453. I. Markon, Die slavischen Glossen bei Issak ben-Mose “Or-Sarua”, S. Petersburg 1906.

453a. И. Ю. Марконъ, Славянскія глоссы у Исаака б. Моисея изъ Вѣны: Статьи по Славяновѣдѣнію (Ламанскій), II, Спб. 1905.

דאָס זיינען אַלץ סלאַווישע גלאָסן, און על פּי רוב פון דער צייט, וואָס פ אַ ר דעם XV יאָרה. (פון 59 גלאָסן, וואָס ה׳ הרכבי ברענגט, געהערן נאָר 8 צו די XV—XVII יאָרה.), און גראָד אין די לעצטע יאָרהונדערטער געפינען מיר י י ד י ש־ט י י ט ש ע ג ל אָ ס ן ביי די פאַרשיידנסטע מפרשים, אויך אין די שו״ת א. א. וו.; זיי זיינען אָבער פון קיינעם ספּעציעל ניט געזאַמלט געוואָרן. אייניקע יידיש־טייטשע גלאָסן ביי די רבנים פון די פּוילישע לענדער ברענגט:

454. ש. א. הורודצקי, לקורות הרבנות, ורשה (תושיה), 1911 [passim].

מכוח פאָלקלאָר:

454a. С. Гинзбургъ и П. Марекъ, Еврейскія Народныя Пѣсни въ Россіи, Спб. 1901.

דאָ געפינען זיך עטלעכע יידיש־רוסישע, ווי אויך יידיש־ליטווישע, יידיש־לעטישע א. דגל. פאָלקס־לידער.

455. Д. Маггидъ, Иноязычные заговоры у русскихъ евреевъ въ XVIII и нач. XIX стол.: Еврейская Старина (С. Дубновъ) II, Спб. 1910, 580.

די פ ע ר ז אָ נ ע ן־נ ע מ ע ן זיינען פון אַלע אינדירעקטע באַווייזן דער שוואַכסטער. די יידישע קינדער, וואָס האָבן מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק אַלע מיט אַ מאָל באַקומען דעם נאָמען אַלכסנדר, האָבן פון דעסטוועגן געוויס ניט געהאַט קיין גריכישע מוטערשפּראַך. אַ נאָמען ווענדט זיך אָן צופעליקע סיבות און ווערט נאָך דערצו ביי דער איבערזעצונג צעקאַליעטשעט. אַנשטאָט זיך אָפּצושטעלן אויף די פאַראַנענע קנאַפּע אונטער־זוכונגען מכח יידישע נעמען (צונץ: „מיטטיילונגען דער יוד. פאָלקסקונדע״), וועל איך בעסער ברענגען אַן אַלגעמיינע מיינונג מכח דער סלאַוויזירונג פון יידישע נעמען, וואָס שטאַמט פונעם XVII יאָרה.:

456. I. Кулишеръ, Собраніе Еврейскихъ Именъ, употребляемыхъ въ Россіи, Житомиръ 1911.

457. (שו״ת שאגת אריה הלק ראשון וקול שחל (לר׳ אריה יהודה ליב אבד״ק ולר׳ נתן נטע), שלוניקי תק״ו, דף ל׳.

ער זאָגט: „דרך לשון המדינה לומר בסוף לשון ק״א (ko—) כדרך אנשי רוסיא״.

ס׳איז נאָך כדאַי צו דערמאָנען, אַז די אַלטע רבנים האָבן זיך פיל באַשעפטיקט מיט דעם שטודיום פון די יידישע אייגן־נעמען: דאָס האָבן זיי געדאַרפט פאַר דער פּינקט־לעכקייט ביי דער אויסשטעלונג פון כתובות און גיטין. אַזאַ אינטערעסאַנטע אויספאָרשונג פון יידישע נעמען איז:

457a. ספר ים של שלמה... (ז׳ אויבן, נ׳ 439), גיטין, פרק רביעי, סימן ל״א (דף כ״ח — ל׳).

אין דער דאָזיקער שטעלע פון יש״ש ווערט געבראַכט נאָכן אלף־בית אַ רשימה פון יידישע נעמען מיט אַ גענויעם אַנאַליז פון יעדן נאָמען און פון זיין שרייבונג. חוץ העברעישע פיגורירן דאָרט אויך יידיש־טייטשע און אייניקע סלאַווישע.

ווי אַקוראַטנע די רבנים פלעגן זיך פאַרהאַלטן צו דער שרייבונג פון די נעמען און חיפל פילאָלאָגישן טאַקט זיי פלעגן דערביי אַרויסווייזן, באַווייזן, מכוח די דייטשע רבנים, די תשובות פון ר׳ איסרלין (אין „לקט יושר״ א. א. וו.), מינץ און אַנד., ז׳ אויבן (נ״נ 356, 357). בנוגע צו די רוסישע רבנים האָבן מיר דעם זאַלגנדן כאַראַקטעריסטישן פאַל:

458. ר׳ מרדכי יפה, לבוש הבוץ וארגמן, ויניציאה ש״פ (MDCXX in Venetia) סימן קכ״ט (דין שמות האיש והאישה והעדים..., אות ל׳) דף נ״ה, ע״ב.

אין זיין אַלפאַבעטישער רשימה פון יידישע פערזאָנען־נעמען זאָגט דער „בעל הלבושים״, מרדכי יפה: „לובקא שם אשה בלשון רוסיא ורצו קצת לכתוב לופקא בפ״א אמרתי זה לא יוכל היות כי לופקאַ בב״ית בלשון רוסיא הוא לשון אהובה כמו שאומרים ברוסיא לוביש מי שפירוש אתה אוהב אותה ולופקא בפ״א הוא לשון גזילה כמו שאומרים לופיש... אתה גוזל אותי לכך אמרתי לכתוב בב׳... וכתבתי זה להזהיר שצריכין לדקדק בכל לשון בכתיבת השמות כי כל לשון יש לו דקדוק במלות״. (דער „בעל הלבושים האָט געלעבט פון אַרום 1530 ביז 1612טן יאָר).

**
*

אַט מיט די גילדענע ווערטער פון אַ רב, וואָס האָט געלעבט העכער דריי הונדערט יאָר צוריק אינעם פינצטערן געטאָ, ענדיק איך דעם ערשטן חלק פון דער „ביבליאָטעק״, וואָס וויל העלפן אונדזער שפּראַך צו צעברעכן די געטאָ־מויער. די ווייטערדיקע חלקים וועלן אַרומנעמען דעם יידיש־טייטשן פאָלקלאָר, די יידיש־טייטשע ליטעראַטור (אויך פּרעסע און טעאַטער), די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן צו דער יידיש־טייטשער פאָלקלאָר — און ליטעראַטור־געשיכטע און, צו לעצט, די ליטעראַטור פונעם קאַמף פאַר די קולטורעלע און פּאָליטישע רעכט פון דער יידישער שפּראַך (אירע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינ־גונגען, איר סטאַטיסטיק א. ד. גל.).* אויב די „ביבליאָטעק״ וועט איבערצייגן דעם לעזער, אַז ניט געקוקט אויף דער אָרעמקייט פון אונדזער פילאָלאָגיע, איז יידיש פון דעסטוועגן אַ „לשון שיש לו דקדוקי במלים״; אויב דער יידישער לעזער וועט איינזען, אַז יידיש איז אַ ברייטער געביט אויף צו פ אָ ר ש ן און א ר ב ע ט ן, און ניט זייגן פון די פינגער אָדער שפּאַצירן איבער פּראַזעאָלאָגישע נעבלען; אַז יידיש איז ניט קיין הפקר־וועלט פאַרן דילעטאַנטיזם, — אויב אַזוי, וועט דערגרייכט ווערן דער עיקר־צוועק פון דער אַרבעט; מיר זאָלן האָבן ד ר ך א ר ץ פ אַ ר א ו נ ד ז ע ר ש פּ ר אַ ך.

וויִן, תרע״ג

---

* דאָרט וועט אויך געגעבן ווערן אַן אינדעקס (לייסטער) צו דער גאַנצער „ביב־ליאָטעק״.

הוספות צום ערשטן חלק פון דער ביבליאָטעק

אויף דעם גרעסטן טייל פון די פאָלגנדיקע ביכער האָט מיך אויפמערקלעך געמאַכט דער באַקאַנטער גערמאַניסט און יידישער פילאָלאָג, ה׳ ד״ר אלפרעד לאנדוי אין ווין, וואָס איך ברענג אים דערפאַר מיין טיפסטן דאַנק. ער האָט אויך געהאַט די פריינד־לעכקייט צו לאָזן מיר באַנוצן זיין פריוואַט־ביבליאָטעק, וואָס ער האָט אָוועקגעלייגט אויף איר פיל מי און וווּ ס׳געפינען זיך אַ סך זעלטענע און אַלטע ווערק.

צו א, I, 1 : קריסטלעכע געלערנטע, לינגוויסטישע ווערק פון 16—17 יאָרהונד :

*459. Paul Heliz, Elemental oder Lesebüchlein, daraus... underwisen wird, wie man deutsch... mit hebräischen oder Jüdischen buchstaben... lesen und vorsten sol Hundsfeld 1543. [מיטגעטיילט פריוואט פון ד״ר א. לאנדוי].

460. FRANCISCUS HASELBAUER, Grammatica duarum praecipuarum linguarum orientalium... Prag. 1742.

pp. 237—244 : DIE IDIOTISMO GERMANICO JUDAEORUM.

אין דער דאָזיקער הוספה צום בוך (דאָס בוך אַליין איז אַ העברעישע און אַראַמעישע גראַמאַטיק) מאַכט האזעלבויער (א מיסיאָנער און אַ גוטער קענער פון יידיש ; ער האָט אויך אַליין געשריבן ביכער אין יידיש) זייער אינטערעסאַנטע באַמערקונגען מכוח די פאַרשיידענע עלעמענטן פון יידיש און מכוח דער יידישער פאָנעטיק.

*461. Janus Hercules de Sunde [Daniel Schwenter], Steganologia et Steganographia, 3 Aufl. [um 1620 J.] [F. Kluge, Rotwelsch, I, 132].

קלוגע ברענגט די שטעלן פון שווענטערס געלערנטן און טאַלענטפולן בוך, ווו יענער רעדט ארום, אגב, אויך דעם איינפלוס פון יידיש אויף דעם גנבישן דיאַלעקט אין דייטשלאנד.

*462. Samuel Reyher, Mathesis Mosaica, 1679, p. 209. [Kluge, ib. 164].

*463. Joh. Chr. Wagenseil, Buch von der Meistersingerei, 1697, p. 443. [Kluge, ib. 174].

וועגן וואַגענזייל, ז׳ אויבן, נ׳ 26 און 27.

*464. Von Grolman, Wörterbuch der in Teutschland üblichen Spitzbuben-Sprachen, 1822. [Kluge, ib. 357].

פאָן־גראָלמאַן באַצייכנט אין זיין ווערטערבוך מיט א שטערנדל די יידיש־טייטשע ווערטער פון דער גנבים־שפּראַך.

צו א. III, 2 : שריפטן פון יידישע מחברים.

465. ס׳ שפתי ישנים... שבתי בר׳ יוסף משרר בס, אמשטירדאם, שנת ת״ם (1680).

באסס בוך איז דער ערשטער פרווו פון אַ ביבליאָגראַפישן ווערטער־בוך אין דער העברעישער שפּראַך. ער ברענגט די ביכער לויטן אלף־בית פון די קעפּלעך און גיט אָן דעם דרוק־אָרט, יאָר, פאָרמאַט פון יעדן בוך, און אויך די שפּראַך פון די ניט־העברעישע ביכער. באַזונדערס זייגען אָבער די יידיש־טייטשע ביכער, וואָס ער ברענגט, ניט אויסגעטיילט. צום ווערטערבוך איז דאָ אויך אַ מפתח („שער בת רבים״) נאָכן אלף־בית פון די מחברים. א צווייטע ניט־פאַרענדערטע אויפלאַגע פון „שפתי ישנים״ אין זשאָלקיעוו, 1806 ז׳ אונטן, נ׳ 472.

צו ב. I, 1. שריפטן מיט אַן אַלגעמיינ־ אָדער געמישט־פילאָלאָגישן אינהאַלט.

466. אַ רעצענזיע אויף שעינעאַנוס חערק (ז׳ אויבן, 120):
A. Landau's: Zeitschr. f. deutsche Philologie, XXXVI 1904, 268.

א רעצענזיע אויף היינריך לעוועס בוך (ז׳ אויבן, ב׳ 131):
ד״ר לאַנדוי האָט ערגעץ געזען אַזאַ רעצענזיע: Jacob Gerzon's (?) *467.

צו ב. I, 2: אַרטיקלען אין ענציקלאָפּעדישע ווערטערביכער:

468. Jüdisch-Deutscher Dialekt: Meyer's Grosses Conversations-Lexikon, 1 Aufl. XVII Hildburghausen, 1850, 157.

צו ב. II, 2: מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידיש־טייטשער פילאָלאָגיע.

469. דער אויפרוף פון ה׳ י. ה. ראַוווניצקי און ה׳ א. דרויאַנאָװ צו זאַמלען יידישע חיצן, — אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן אין אויגוסט 1911.

צו ב. II, 2: ביאָגראַפיעס פון יידישע פילאָלאָגן:

470. Bass, Shabethai: Jew. Enc. II, 1902 (אויבן, ב׳ 465).

צו ב. III, 1: ביבליאָגראַפיע אין ענגן זינען:

471. סאָלאָמאָן עסביכער (שלום עליכם), אַ רעיעסטער איבער אַלע זשאַרגאָנישע ביכער, וואָס זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אינעם יאָר תרמ״ח: „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק" (שלום עליכם), I, קיעוו, 1888, ז׳ 469.

צו ב. III, 3: ביבליאָגראַפיש־ביאָגראַפישע ווערטערביכער:

472. ס׳ שפתי ישנים... חלק שני... לר׳ צבי רבין שטיין, זאָלקווי, תקס״ו, 1806).
ר׳ רובינשטיין האָט געגעבן אַ הוספה צו דער צווייטער אויפלאַגע פון שבתי באַסס ווערטערבוך (ז׳ אויבן, ב׳ 465).

* 473. זלמן רייזען, אַ יידישע ליטעראַטור־ענציקלאָפּעדיע (גרייט זיך צום דרוק; דאָס וועט זיין אַ ביאָגראַפיש־ביבליאָגר. ווערטערבוך).

צו ב. IV א, 1: יידישע גראַמאַטיקעס; און צו ב. IV א, 2; יידישע ווערטערביכער:

* 474. לינעצקי, יידישע גראַמאַטיק [ווערט דערמאָנט פון ווילהעלם פעלדמאַן אין „איטשיזנאַ" דעם 15טן דעצ. 1890].

475. אַ רעצענזיע אויף גערצאָנס גראַמאַטיק (ז. אויבן, ב׳ 322).
A. LANDAU'S: Ztschr. f. deutsche Philologie, XXXVI 1904, 262-268.

*476. Бенъякобъ, Русско-Древнееврейско-жаргонный словарь, Бѣлостокъ 1904, 1020 страницъ [Ztschr. f. hebr. Bibliogr. X].

477. בייליגסאָן, פרעמד־חערטערבוך, אדעססא (1888?), 33 זייטן, [די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק (שלום עליכם), I, 1888, ז׳ 469].

צו ב. IV, א, 3: יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע:

ד י אַ ל ע ק ט ן   ב כ ל ל:

478. נח פרילוצקי, יידישע פאָלקסלידער, ב. I, וואַרשע, 1911, ב. II, 1913.

צו דעם בוך וועלן מיר זיך נאָך אומקערן אין דער אָפטיילונג „פאָלקלאָר". — ה׳ פרילוצקי ברענגט דאָרט אַ סך צעוואָרפענע, אָבער אינטערעסאַנטע באַמערקונגען מכח יידישע דיאַלעקטן, על־פּי רוב מכח פוילישן דיאַלעקט אין זיינע רעדענישן (אָרטיקע מונדאַרטן).

479. מ. וויינגער, דיאַלעקטאָלאָגישע באַמערקונגען: נח פרילוצקיס זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע, ב. I; וואַרשע, 1913, 126.

480. נח פרילוצקי, דיאַלעקטאָלאָגישער פענאָמען: אויך דאָרט, 134.

פ ר אָ פ ע ס י אָ נ ע ל ע   ז ש אַ ר ג אָ נ ע ן   ב יי   יי ד ן

די זשאַרגאָנען, וואָס ווערן באַנוצט ביי פאַרשיידענע יידישע פראָפעסיאָנעלע גרופּעס, ביי וואַנדערנדיקע הענדלער, ישיבה־בחורים א. א. וו., זיינען נאָך לחלוטין ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן. דאָס זעלביקע אויך מיט די זשאַרגאָנען פון די יידישע גנבים, פראָסטיטוטקעס, אַלפאָנסן. דאָס איז אָבער אַ ברייטער און אינטערעסאַנטער געביט פון דער פילאָלאָגיע. די גנבישע, פראָסטיטוטישע, וואַנדער־סוחרישע, סטודענטישע א. דגל. זשאַרגאָנען פון די אומות העולם ווערן געגעוי אויסגעפאָרשט און וועגן דעם עקזיסטירט ביי אַנדערע פעלקער אַ ריזיקע פילאָלאָגישע ליטעראַטור פון טויזנטער בענד.

פון די יידישע זשאַרגאָנען האָט מען אין גאָר דער לעצטער צייט זיך גענומען נאָר צו דער „כ ל י ־ ז מ ר ־ ש פ ר אַ ך". עטלעכע ווערטער פון דער דאָזיקער שפּראַך געפינען זיך אין באַקאַנטן ראָמאַן פון:

481. שלום עליכם, סטעמפעניו (צום ערשטן מאָל געדרוקט אַלס ביילאַגע צום ב. פון שלום עליכמס יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק, קיעוו, 1888), קאַפּ. III, אינעם געשפּרעך פון סטעמפעניו מיט ירחמיאלן.

דאָ ניט לאַנג האָט ה׳ ד"ר אַלפרעד לאַנדוי אין ווין אויפמערקלעך געמאַכט דעם באַקאַנטן יידישן פאָלקלאָריסט, ד"ר ס. ווייסענבערג אין יעליסאַוועטגראַד, אויף דער כלי־זמר שפּראַך. ה׳ ווייסענבערג האָט אָנגעהויבן צו זאַמלען אין רוסלאַנד די נאָך פאַרבליבענע רעשטן פון דער דאָזיקער שפּראַך, וואָס איז אַ מאָל געווען פיל רייכער, איידער איצט. דערנאָך האָבןביידע געלערנטע באַאַרבעט די פון ה׳ ווייסענבערג געזאַמלטע מאַטעריאַלן און פילאָלאָגיש דערקלערט די ווערטער פון כלי־זמר שפּראַך. זייערע אויספאָרשונגען זיינען פאַרעפנט־לעכט אין פאָלגנדיקע צוויי אַרטיקלען (אַ דאַנק דער פריינדלכקייט פון ה׳ ד"ר לאַנדוי, האָב איך זיך מיט ביידע אַרטיקלען באַקאַנט אין קאָרעקטור):

482. S. WEISSENBERG, DIE "KLESMER" SPRACHE: Mitteilungen der Anthropologischen Gesellschaft, Wien 1913.

483. A. LANDAU, ZUR RUSSISCH-JÜDISCHEN, "KLESMER" SPRACHE: ibidem.

צו ב. IV, אַ, 5: פאַרשיידענע לינגוויסטישע פּרטים:

*484. Nebesky, Jargon: Ceska Vcela 1845, Nos. 26, 30, 32.

*485. Klein, English loan words in Yiddish: Modern Language Notes, XIX, No. 8.

486. Chr. Jerzy, Polszczyzna w żargonie żydowskim, Warszawa, 1905.

[אלע דריי פריוואַט מיטגעטיילט פון ד"ר א. לאַנדוי].

צו ב. IV, ב, 1: די רעפאָרם פון דער יידישער שפּראַך און אָרטאָגראַפיע.

„די יודישע פאלקס־ביבליאטהעק" (שלום עליכם), ב. I, קיעוו, 1888, זז׳ 474—476.

ה׳ שלום עליכם האָט אין דער נאָטיץ פאָרמולירט די הויפּט־פּרינציפּן פון די יידישן אויסלייגן, וואָס הערשן נאָך עד היום אין זייער אַלגעמיינער פאָרם.

488 „דער הויזפריינד", די יודישע שפּראַכע (ווי אַזוי דאַרף מען שרייבן ?) : דער הויזפריינד (מ. ספּעקטאָר), V בוך, ווארשע, 1896, 60.

ה׳ ספּעקטאָר מאַכט דאָ אינטערעסאַנטע פּובליציסטישע באַמערקונגען מכח דער אייראָפּעיזירונג און באַרייכערונג פון דער יידישער שפּראַך.

צו ב. IV, ב, 2: פּראָיעקט וועגן אַריינפירן דעם לאַטיינישן אלף־בית אין יידיש:

דער ערשטער, וואָס האָט ערנסט גערעדט מכח אַריינפירן דעם לאַטיינישן אלף־בית אין יידיש, איז געווען ד״ר פּ י ל י פּ מ א נ ש אין לעמבערג. אין זיין העכסט טאַלענטפולער גראַמאַטישער אויספאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך (ז׳ אויבן, נ׳ 118) האָט ער צום סוף אויך אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון דעם לאַטיינישן אויסלייגן אין יידיש; זיין פּלאַן האָט ער באַגרינדעט מיט דעם, וואָס מען מוז צוריקציען די אַסימילירטע יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך דערווייטערט פונעם יידישן פאָלק, צו דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך. דער דאָזיקער פּראגע איז אָפּגעגעבן דער 42סטער קאַפּיטל פון זיין אַרבעט איבער יידיש (אין דער דייטשער צייטשריפט „דער איזראַעליט", לעמבערג, 1890, נ׳ 8).

צו ב. IV, ב, 3: די ווירקונג פון יידיש אויף אַנדערע שפּראַכן:

489. Leo Wiener, Die jüdischen Elemente im Polnischen: Archiv für slavische Philologie (V. Jagic), XX, Berlin, 1897, 520.

צו ב. IV, ב, 4: דער איינפלוס פון יידיש־טייטש אויף די גנבישע דיאַלעקטן פון פאַרשיידענע אומות:

490. Ed. Hoffmann-Krayer, Ein Wörterverzeichniss der Gaunersprache von 1735; Schweizerisches Archiv f. Volkskunde (Ed. Hoffmann-Krayer), III, Zürich, 1899, 239.

ד״ר לאַנדויס דערגענצונגען און פּירושים צו דעם זעלביקן גנבים־ווערטערביכל, ז׳ אויבן, 408.

491. Stumme, Über die deutsche Gaunersprache und andere Geheimsprachen, Lpz. 1903.

492. L. Günther, Beiträge zur Systematik und Psychologie der Rotwelsch und der ihm verwandten deutschen Geheimsprachen: Archiv f. Kriminalanthropologie u. Kriminalistik (H. Gross), Bde 38, 42, 43, 46—51, Lpz. 1909—1913.

די דאָזיקע ריזיקע אַרבעט גינטערס איז נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט.

493. דער זעלביקער, Die Bezeichnung f. die Freudenmädchen im Rotwelsch u. in den verwandten Geheimsprachen: Die Anthropophyteia im Sprachgebrauch der Völker, IX, Lpz. 1912.

„דיע אַנטהראָפּאָפּיטעיא אים שפּראַכגעברויך דער פעלקער" איז אַ יאָרבוך, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון ד״ר פרידריך ס. קרויסס און אַנטהאַלט אין זיך פאָלקלאָריסטישע, לינגוויסטישע און קולטור־היסטאָרישע אויספאָרשונגען מכח נ ב ו ל פּ ה, ווי אויך מכח די סעקסועלע באַגריפן און סעקסועלער מאָראַל ביי פאַרשיידענע פעלקער. פאַר דער ווויסנשאַפט איז ניטאָ קיין שום פאַרבאָטענע זאַך, אַלץ אין דער וועלט ווערט ביי די אומות העולם אויסגעפאָרשט, וויסנשאַפטלעך באַאַרבעט און וויסנשאַפטלעך אויסגענוצט.

494. דער זעלביקער, Sprachliche Erläuterungen zu den "Lingelbacher Musikantensprache" und "Die Geheimsprache der Vogelsberger Maurer" von H. Weber: Hessische Blätter f. Volkskunde (K. Helm), XI 1912, 146.

ווי פּראָפ׳ גינטער ווייזט אָן אין אַלע דערמאָנטע שריפטן זיינע, איז דער ווינער יידישער פילאָלאָג ד״ר אַלפרעד לאַנדוי אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער ביי גינטערס פאָרשונגען, ספּעציעל אָבער געהערן ד״ר לאַנדוי די פּירושים אויף די יידיש־טייטשע ווערטער פון גינטערס זאַמלונגען.

495. J. Karłowicz, Słownik gwar polskich, Kraków 1900...

496. A. Kurka, Słownik mowy złodziejskiej, wyd. 2, Lwów 1899.

קורקא ברענגט אויך די ווערטער פון די יידישע גנבים אין לעמבערג און טיילט אויס די דאָזיקע ווערטער מיט קורסיוו.

497. Karol Estreicher, Szwargot więzienny, Kraków i Warszawa, 1903.

498. В. Ф. Трахтенбергъ, Блатная Музыка (жаргонъ тюрьмы), Спб. 1908.

אין די אַלע דאָ געבראַכטע ווערטערביכער געפינען זיך גאַנץ פיל ווערטער, וואָס זיינען גענומען געוואָרן און דערביי מער־ווייניקער צעקאַליעטשעט פון יידיש־טייטש, בפרט אָבער פון העברעיש און אַראַמיש. פון דער ריזיקער ליטעראַטור, וואָס עקזיסטירט מכח די גנבישע און בכלל פּראָפעסיאָנעלע דיאַלעקטן פון פאַרשיידענע פעלקער, האָב איך אין מיין „ביבליאָטעק" געבראַכט נאָר אַ ז ו י נ ע, ווו די יידיש־טייטשע עלעמענטן ווערן ספּעציעל אויסגעטיילט אָדער, יעדנפאַלס, ספּעציעל אָנגעמערקט און דערקלערט. אזוי, למשל, דרוקט קורקא (נ' 496) די יידיש־טייטשע ווערטער מיט אַ קורסיוו־שריפט.

499. A. Landau, Zur polnischen Geheimsprache : Archiv für slavische Philologie (V. Jagić XXII Berl. 1900, 137—150.

דאָס איז אַ רעצענזיע אויף קורקאס ווערטערביכל, וואָס איז דערפאַר באַזונדערס וויכטיק, ווייל אין אלע אַזוינע זשאַרגאָנען־ווערטערביכער (אַחוץ גינטערס זאַמלונגען, ווו ס'האָט מיטגעאַרבעט ד"ר לאנדוי) געפינען זיך נאָך פיל ווערטער, וואָס שטאַמען פון יידיש־טייטש, נאָר די מחברים האָבן דאָס ניט באַמערקט. דאָס איז באַזונדערס נייטיק צו געדענקען בנוגע צו טראַכטענבערגס שוואַכער אַרבעט מכח דעם רוסישן אַרעסטאַנטן־זשאַרגאָן, וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע(?) פונעם באַרימטן לינגוויסט פּראָפ׳ באָדועך־דע־קורטענע.

פאַר דעם י י ד י ש ן ק ו ל ט ו ר־ה י ס ט אָ ר י ק ע ר איז די דאָזיקע ליטעראַטור מכוח די גנבים־שפּראַכן העכסט אינטערעסאַנט. העכסט אינטערעסאַנט איז, למשל, ווען די ק ר י ס ט ל ע כ ע ד י י ט ש ע גנבים רופן אָן אַ מאַנצביל „גוי", אַ פרוי „גויע", ברויט „לחם", פלייש „בשר", טויטן „כפרה מאכן", דאַוועגען „בענשען", וויין „יין", שכורן — „שכורן", שפּילן אין קאָרטן „ינעין" א. ד. גל. אָן אַן עק. מער פון אַלץ יידיש־טייטשע ווערטער באַגעגענען זיך אין די זשאַרגאָנען פון די ד י י ט ש ע גנבים, פּראָסטיטוטקעס, סטודענטן, וואַנדער־הענדלער. ביי די ס ל אַ ו ו י ש ע, בפרט אָבער ביי די ר ו ס י ש ע גנבים, באַגעגענען זיך שוין גאָר ווייניק יידיש־טייטשע ווערטער, און די זשאַרגאָנען פון די רוסישע וואַנדער־הענדלער (אָפיעניעס), וואַנדער־בעלי־מלאכות א. א. וו. געפינען זיך שוין כמעט גאָרניט קיין יידיש־טייטשע עלעמענטן. דער דאָזיקער פאַקט וואַרפט אויך אַ ליכט אויפן ע ק אָ נ אָ מ י ש ן ל ע ב ן פון די יידן אין די סלאַווישע לענדער.

אינטערעסאַנט איז אויך צו באַמערקן, אַז אין דער יידישער „כלי־זמר־שפּראַך" געפינען זיך אַ סך סלאַווישע גנבים־אויסדרוקן.

צו ב. IV, ב, 6, בב: דאָקומענטן און מאַטעריאַלן מכח דער סלאַווישער שפּראַך ביי די מזרח־אייראָפּעישע יידן:

454a № ad. אין גינזבורג און מארעקס לידערזאמלונג זיינען די לידער נ' 41 און 352 ריין רוסישע, די נג' 15, 16, 371, 372, 374 געמישט פון סלאַוויש מיט העברעיש, די נג' 17, 19, 89, 93, 118, 216, 351, 353 זיינען געמישט פון יידיש מיט סלאַוויש (נ' 353 אויך מיט אַנדערע שפּראַכן). כמעט אלא אַזוינע געמישטשפּראַכיקע פאָלקסלידער זיינען ר ע ל י ג י ע ז ע, אייניקע — קינדערשע.

499a. אויך אינעם ערשטן באנד פון ה' נח פ ר י ל ו צ ק י ס לידער־זאַמלונג זיינען דאָ אייניקע אַזוינע „מאַקאַראָנישע" (געמישטשפּראַכיקע) און סלאַווישע לידער, ווי די נג' 5, 6, 34, 37—40, 53, 54, 67, 71, 72, 95, 96. ה' פרילוצקי פרווט אין זיין הקדמה צו

דערקלערן, פאַר וואָס דווקא רעליגיעזע פאָלקסלידער זײַנען ביי יידן פילשפּראַכיק, נאָר זײַן ריין פּסיכאָלאָגישער פּירוש איז שוין דערפאַר אליין ניט גענוג, וואָס ביי יידן טרעפן דאָך אויך ריין־סלאַווישע (איינשפּראַכיקע) רעליגיעזע פאָלקסלידער.

צו ב. III, 4: פּסעוודאָנימען־ווערטערביכער:

* 500. האַלפּערין, פּסעוודאָנימען־ווערטערבוך, מינסק, 1912, [אַ פּריוואַטע מיט־טײלונג].

צו ב. III, 6: קאַטאַלאָגן פון ביבליאָטעקן מיט יידיש־טײַטשע ביכער:

ווין:

501. Bernhard Wachstein, Katalog der Salo Cohn'schen Schenkungen der Bibliothek der israel. Kultus-Gemeinde, I, Wien 1911.

תקונים

צו די נג׳ 3 און 4. ווי איך בין גענויער דערגאַנגען, איז די השערה, אַז פּוילוס פאַגיוס און מיכאַעל אַדאַם זײַנען איין פּערזאָן, ניט גענוג באַגרינדעט; מיכאַעל אַדאַם איז טאַקע געווען אַ משומד, און ביידע האָבן זיי טאַקע געוווינט אין דער שווייץ, אָבער מכח פּוילוס פאַגיוס איז כמעט ווי פעסטגעשטעלט, אַז ער איז אַ געבוירענער קריסט, זײַן אייגנטלעכער נאָמען איז געווען „ביכליין", האָט ער אים לאַטייניש איבערגעזעצט פאַגיוס.

נ׳ 5 דאַרף זײַן אַזוי:

ELIAS SCHADE, Mysterium, d. i. Geheimiss st. Pauli Römer am 11 von der Bekehrung der Juden..., sodann auch e... BERICHT VON DER TEUTSCH-HEBREISCHER SCHRIFFT DEREN SICH DIE JUDEN GEBRAUCHEN, Strassburg 1592.

שאַדעס קורצע אַרבעט וועגן יידיש־טײַטש איז העכסט אינטערעסאַנט און, ניט קוקנדיק אויף די פיל דרוקפעלערן, שטייט זי אין געוויסע פּרטים אַפילו העכער פאַר בוסקטאָרפס אַרבעט (ז׳ נ׳ 6). זי איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין די „שריפטען דעס אינ־סטיטוט יודאַיקום אין לייפּציג", נומער 33, אין 1892סטן יאָר.

1913